STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09708

TREYFENE BLUT

David Kazanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאזאנסקי

טריפהנע בלוט

פארלאג אינזל ניו יארק
1930

דוד קאָזאָנסקי: אָרום און אָרום, ראָמאן אין פינף ביכער. בוך איינס: טריפהנע בלוט. בוך צוויי: בלינדער מזל. בוך דריי: אין יאָד. בוך פיר: דער מחותן ר׳ יאָסעלע ראָפּאָפּאָרט. בוך פינף: דער דעמב אָן יורשים.

Copyright by D. Kasansky
New York, N. Y.
1930

טריפהנע בלוט

I.

די נאכט איז א ליכטיקע און אין קאמער איז שטיל און בלייך פון דעם אויסגעשטערנטן הימל. מאירקע פרעגט:

— נו?

נאר זלאטע זיצט אויפן בעט און וויגט מיט די בארוועסע פיס. די פיס אירע זיינען קיילעכדיקע, סאמעטענע, אז עס ווילט זיך זיי א גלעט טאן.

— נו?

זלאטע רירט אן מיט די שפיץ פינגער די קאלטע פאדלאגע, ציטערט אויף, און ערשט דערנאך ענטפערט זי אים א פאר־טראכטע:

— נו...

און מאירקע ווערט ניט קליגער פון איר „נו". ער ווייסט ווייטער ניט אוואו ער האלט מיט איהר און אוואו ער איז אין דער וועלט. וויל זי אים יא, צי וויל זי אים ניט? ווען זי זאגט אים איין מאל פאר אלע מאל: — ניין, איך וועל מיט דיר ניט חתונה האבן! — וואלט ער דעמאלט געוואוסט און וואלט זיך אפגעטשעפעט פון איר. אבער אז זי זאגט אים ניט „ניין" און זאגט אים ניט „יא", — טא, וואס זאל ער טאן?

זלאטע איז א הויכע, א געזונטע, מיט צוויי פולע, אנגעגאסענע ברוסטן, מיט שווארצלאך־רויטע, איינגעשניטענע ליפן און מיט לאנגע און גלאטע האר, וואס באהאלטן אין זיך דעם ריח פון אן אויסגעטאנענעם לייב. און מאירקע אליין איז אויך ניט

אבי ווער. ער טראָגט אַ קורצן, אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר, האָט אַ קיילעכדיקן פּנים און אויפן פּנים — אַ פּאָר שוואַרצינקע וואַנצעלאַך, ווי אַ זיידענע סטייגנגע, און אַזוי אַרום, מיט זיין נידעריקן און ריינעם קערפּער, מיט זיינע פריילאַכע הענט און פריילאַכע פּיס קוקט ער אויס ווי אַן אמתער ציגיינער, אַ יונג אַ ברען!

זלאַטע דינט אין די נאָמערעס, נאָר זי עסט זיך זייער ווייניק אָפּ פון דעם דאָס האַרץ. עס אַרט איר ניט. נאָר אַמאָל־אַמאָל, אַז דער גאַסט הויבט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט, גליטשט זיך אַראָפּ פון בעט און הויבט זיך אָן אַנטאָן אין דער פינסטער, עפּעס אַזוי שטיל און עפּעס אַזוי מיאוס, ווי אַ גנב, ווי אַ קאַץ, גיט זיך זלאַטע אַ ריס פון אַרט אַז אויפגעקאַכטע, וויל אויף אימיצן אָנפאַלן, נאָר אין חדר איז שוין קיינעם ניטאָ. דער גאַסט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פּוסטקייט און די פּוסטקייט איז אַ שווערע ווי אַ שטיין.

זלאַטע בייסט זיך די ליפּן און קנייפּט זיך די הענט און וויינט מיט טרערן וואָס זיינען ווי נאָדלען, און עס פאַלט איר איין, אַז זי וואָלט גאָר געדאַרפט געווען אַוועקגיין פון דאַנען, איינגאַנצן, אויף שטענדיק.

זי קילט זיך מיט דעם דאָס האַרץ און דערווייל לייגט זי זיך צוריק אַנידער אין דער זעלבער, אַנגעוואַרעמטער בעט. דער בעט אין איר גייט ביסלאַכווייז אָפּ, צוגייט ווי אייז אין וואַרימקייט, און זי ליגט מיט אָפענע אויגן, ליגט אַ שטילע און דערמאָנט זיך שטיל אַן איר אַמאָליקער היים. עס שווימט אַרום פאַר איר, ווי פון אונטער אַ וואַסער. זי דערמאָנט זיך אַן טאַטע־מאַמע, אַן דער שוועסטער, אַן אירע אַמאָליקע חברטעס — אַך ווי גוט איר איז דעמאָלט געווען! נאָר זי האָט עס ניט געוואוסט, האָט ניט פאַרשטאַנען.

זי וויינט, נאָר זי ווייסט ניט, אַז זי וויינט. זי פאַרגעסט אַז עס איז נאַכט, און אַז באַנאַכט דאַרף מען שלאָפן, און אַז זי קוקט זיך דערנאָך אַרום און דערזעט אַז עס איז שוין ליכטיק, עס איז שוין טאָג, קוקט זי און וואונדערט זיך ניט. זי קריכט אַראָפּ פון בעט, ווייסט פאַרוואָס עס טוט איר ווי דאָס גאַנצע לייב

אירס, און עס הויבט זיך אָן דער טאָג. נאָר דער טאָג איז דעמאָלט אַזאַ לאַנגער, אַזאַ לאַנגער, און זי ציילט די מינוטן און וואַרט אויף מאַירקען. ווען האָט זי סיידען נאָך אַ חוץ אים?

ווען אימיצער זאָגט איר דעמאָלט, אַז זי איז אַ נקבה, ווי אַלע נקבות, וואָלט זי יענעם צעריסן ווי אַ הערינג. זי איז אַ דינסט, זי דינט אין די נאָמערעס און מער גאָרניט. זי קומט נאָר אַמאָל אַריין צו אַ גאַסט, אויפראַמען אָדער עפּעס דערלאַנגען, און דער גאַסט גייט צו איר צו, נעמט זי אָן פֿאַר אַ האַנט און זאָגט איר — איידל און שיין און פֿיין: — איר זיינט זייער אַ שיינע, זייער!

נאָר זי וויל וועגן דעם ניט טראַכטן, זי וויל ניט! זי וואַרט נאָר אויף מאַירקען, און מאַירקע קומט שטענדיק צו איר אַ יונגער און אַ ניכטערער, און שטענדיק איז ער אַזאַ צוגעלאַזענער, אָן איינענער, און ער זאָגט איר שטענדיק איינס און דאָס זעלבע, אַז זאָלן זיי שוין חתונה האָבן, ער וועט זי גליקלאַך מאַכן!

זלאַטע זיצט לעבן אים, האַלט זיך אָן אים, און עס איז איר אַזוי גוט, אַז כאָטש נעם און ווייז זיך פֿאַנאַנדער.

מאַירקע ווייסט ווער זי איז: אַ מיידל אין די נאָמערעס איז דאָך אָן אָפֿענע קאָרט. נאָר זי האָט זיך איר איינגנס אַ פּאָר טויזנט קערבלאַך און מאַירקע ווייסט: ער קען מיט דעם איבערקערן אַ וועלט!

און ער זאָגט איר שטענדיק, טענהט מיט איר:

— עך זלאַטע, זלאַטע, פֿאַרשטייסט ניט דיין איינענעם גליק! אַז איך גיי אוים נאָך דיר, מיט די ביינער, איז ווילסטו גראָדע מיט מיר ניט חתונה האָבן!

— ווער, איך וויל ניט חתונה האָבן?

— וואָס דען, דו ווילסט יאָ?!

II.

זלאַטע האָט אַ טאַטן און אַ שוועסטער, און דער טאַטע מיט דער שוועסטער לעבן זיך ביידע אין דער היים, און זיי איז דאָרט ביידן גוט.

זלאַטע ווייסט אַז זיי איז גוט, און ווען איר דאָ ווערט אַמאָל שטאַרק ניט גוט אין איר עלנדן לעבן, ווערט זי אַז אויפגעקאָכטע אויף זיי, אַז זי האָט זיי אַזש פֿיינט.

נאָר ווער איז איר שולדיק? זי האָט זיך אַליין אומגליקלאַך געמאַכט, מיט אירע אייגענע הענט.

דער טאַטע אירער איז אַ משאַ־טרעגער און ער הייסט מרדכי־געצע. אַ איד אַ משאַ־טרעגער איז, פֿאַרשטייט זיך, גאַנץ ווייט פֿון אַ נגיד און נאָך ווייטער פֿון יחוס, נאָר מיט מרדכי־געצען איז עס גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז ניט געבאָרן געוואָרן מיט דער שטריק, מיט וואָס ער שלעפּט איצט די פּעק, אין זיינע יונגע יאָרן איז ער גאָר געווען אַ מלמד, און קיינער אין שטאָט ווייסט ניט, און ער אַליין געדיינקט אויך ניט ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם, אַז ער זאָל ווערן אַ משאַ־טרעגער.

ער איז אַ קורצער, אַ שטאַרקער, מיט אַ באַוואַקסענעם פּנים און מיט אַ פֿאַרזשאַווערטן קול. אין שטאָט ווייסט מען אָבער פֿון וואַנען ער שטאַמט, און מען קוקט טאַקע אויף אים ניט ווי אויף אַ משאַ־טרעגער, און מרדכי־געצע איז זיך אַ איד אַ באַלעבאָס, מיט אַן אייגענעם אָרט אין שול און מיט אַ באַלע־באַטישער משפּחה.

די ווייב זיינע איז ביי אים שטענדיק געווען אַ קראַנקע, אַ דורכגעעגבערטע, און זי האָט אים איבערגעלאָזט צוויי טעכטער, שיינע ווי די זון אין תמוז, און אַליין איז זי אַוועק פֿון דער וועלט, אַ יונגע און אַן טענות צו וועמען ניט איז. אַן טענות פֿאַר גאָט און אַן טענות צו לייטן.

זלאַטע איז געווען די עלטערע און זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, אָדער זיבעצן און נאָך דער מאַמעס טויט איז זי עס געוואָרן די באַלעבאַסטע אין שטוב.

זי האָט געקאָכט וואַרמעס, האָט צוגעגרייט דעם טאַטן א העמד אויף שבת, און מרדכי־געצע האָט געשלעפּט אויף זיך די פּעק און האָט געהאָפט צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז ער וועט מסתמא ניט פאַרגעסן אַז אים און אויף זיינע יתומים. ער וועט געווים מסתמא צושיקן פאַר דער טאַכטער דעם, וואָס וועט איר נאָר זיין באַשערט.

אַזוי האָט געהאָפט מרדכי־געצע, האָט זיך אין גאַנצן פאַר־לאָזט אויפן אייבערשטן, און די יאָרן זיינען זיך דערווייל גע־גאַנגען, האָבן זיך געגליטשט ווי אויף פּוטער, און זלאַטע האָט געציטערט, אַז זי וועט בלייבן אַן אַלטע מויד, אַז זי וועט אַריינ־זיצן ביז אין גרויען צאָפּ אַריין. נאָר דאָ האָט זיך מיט אַמאָל גענומען רודערן וועגן די גרויסע גליקן וואָס מיידלאַך כאַפּן אין די וויטע, אין די פרעמדע שטעט.

וואָס דאָס זיינען פאַר אַ גליקן האָט קיינער אויף קלאָר ניט געוואוסט, עס האָט זיך אַלץ אַרומגעטראָגן, אַזוי, אין דער־לופטן, פאַרשלייערט, נאָר די שטאָט האָט שוין געקאָכט ווי אַ קעסל, און עס האָבן זיך באַלד געפונען אַ דריי־פיר מיידלאַך, וואָס האָבן זיך צעגויפגערעדט און וואָס זיינען אַלע אינאיינעם אוועקגעפאָרן אין איין און דער זעלבער שטאָט.

די מיידלאַך האָבן געשריבן גוטע בריוו און עס האָט זיך גלייך אַנגעהויבן אַ סדרה פון פאָרן: די פאָרט היינט און די פאָרט מאָרגן און יענע קלייבט זיך אין אַ חודש אַרום, און זלאַטע — זי וויל אויך זיין אין קאָן! און זי האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן צום טאַטן:

— איך פאָר אויך!

מרדכי־געצע איז ניט אַבי־וועער, און ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען טאָר אַזוי אַ מיידל ניט לאָזן אויף הפקר, מען דאַרף זי חתונה מאַכן און אויס, פּטור. נאָר זלאַטע קוקט אים אַז מיט שלעכטע אויגן און עפנט אויף אים אַ מויל:

— חתונה מאַכן? יאָ! מיט וואָס? די שידוכים וואָס וואַרטן דאָרט אויף מיר? איך האָב דאָך טאַקע די רייכע פּאַוועלע, און אַ לויט פעדערן האָב איך סיידן? מען וועט מיך

אויסכאפּן, אַז קומט ער, דער גראַף און כאַפּט מיך אויס, זיץ און וואַרט!

מרדכי־געצע האָט געוואוסט ביי זיך, אַז זי איז געבאַר געזרעכט, און אַז רעדן רעדט זי גראַדע יאָ ווי אַ בר־דעת, און זי האָט שוין אַלץ ביי אים אויסגעפירט.

זלאַטע האָט זיך אוועקגעלאָזט זוכן איר מזל, און מרדכי־געצען איז אַזוי שווער געווען אויפן הארצן, אַז ווי עס וואָלט זיך דאַרט ביי אים אוועקגעלייגט אַ שטיין. נאָר ער האָט זיך געטרייסט, האָט געהאָפט, אַז אומעטום איז איין גרויסער גאָט אין הימל און ער וועט מסתמא ניט פאַרלאָזן.

ער איז געבליבן אַליין מיט דער אינגערער טאָכטער, און די מיזינקע זיינע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוועלף אָדער דרייצן. נאָר זלאַטע האָט איר אָנגעזאָגט פאַרן אוועקפאָרן, ביים געזעגענען זיך:

— היט דעם טאַטן, גיב אַכטונג אויף דער שטוב.

און ציפּקע איז געוואָרן די באַלעבאָסטע. נאָר אַז זי קאָכט אָפּ אַ סוף, איז עס אַביסל מוטנע וואַסער און אַז זי קאָכט אָפּ אַ באָרשטש קען מען עס אינגאַנצן ניט נעמען אין מויל אַריין. נאָר גאָרניט, אַ איד אַ באַלעבאָס, ווי מרדכי־געצע, איז דאָך ניט קיין פּרעסער. אַ קינד דאַרף מען אָבער לערנען, מען דאַרף אויף דעם אַכטונג געבן און ער רעדט איר אָפּט אויס:

— פאַרוואָס האָסטו ניט דעם קאָפּ דיינעם דערביי? פירסט נאָר איבער געלט!

פון זלאַטען קומט אַמאָל אַן אַ בריף און מרדכי־געצע קען פון איר בריף ניט קלוג ווערן, צי איז איר דאָרט גוט, אָדער צי איז איר דאָרט שלעכט.

זי שרייבט אַז זי בענקט שטאַרק אַ היים, עס גייט איר ממש אויס דאָס חיות, און אַז זי פאַרדינט אַ סך געלט, און אַז דער טאַטע זאָל ניט אַפּלאָזן פון זיך די אינגערע שוועסטער אירע, אַז ציפּקע זאָל שטענדיק זיין אַרום טאַטן, שטענדיק, אייביק — — —

אַט אַזוי איז זלאַטע געקומען אַהער, אין דער שיינער, אוקראַינישער שטאָט, איז דאָ געוואָרן אַ דינסט, האָט געביטן אַן

ארט אויף אן ארט, ביז וואנען זי איז אנגעקומען אין די נאמערעס — אויך ווי א דינסט. נאר ווער ווייסט סיידן ניט וואס עס הייסט א דינסט אין די נאמערעס ?

III.

זלאטע ווייסט: זי דארף פארשעלטן דעם טאג וואס זי איז אוועק פון דער היים, נאר שעלטן שעלט זי גאר מאירקען. וואס וויל ער פון איר? וואס פארסמט ער איר די יארן? זי וועט אים אוועקטרייבן פון זיך, זי וויל מער ניט!

רואיק און גלאט, ווי א וואסער צווישן זאמדיקע ברעגן, האט זיך דא געגליטשט איר לעבן, די גאנצע צייט וואס זי איז אין די נאמערעס. טיף ביי זיך אין הארצן האט זי געוואוסט ווער זי איז — וואס איז זי סיידן, א נאר, א קינד? מען האט זי ניט ארייננגענארט אהער! נאר קיינער ווייסט דאך ניט וואס ביי יענעם אויף דער נשמה טוט זיך, און פון דרויסן, פאר מענטשן אין די אויגן איז זי שטענדיק געווען אזא ווי אלע מענטשן, ווי אלע מיידלאך.

נאר דא איז מאירקע געקומען צו איר, און האט זיך ברייט אזוי א זאג געטאן:

— לאמיר חתונה האבן!

זי האט שיער ניט אויסגעשאסן אין א געלעכטער:

— טאקע?

מאירקע ווייסט ווער זי איז און פונדעסטוועגן וויל ער מיט איר חתונה האבן. זי וואלט זיך געדארפט אן אים אנכאפן מיט די הענט און מיט די פיס, נאר גראדע ווייל ער לאכט ניט, ווייל ער וויל טאקע חתונה האבן, האט זי קלאר אזוי, און שארף אזוי דערפילט, ווער זי איז און וואס זי איז.

— ניין, מאירקע, איך האב שוין פארשפילט מיין לעבן!

נאר זי האט אים גאר ניט געזאגט, האט אים גארניט

געענטפערט און ער האט זי שוין ניט אפגעלאזט: זי מוז מיט אים חתונה האבן!

זלאטען איז עס שטארק געפעלן געווארן, די ערשטע צייט, אט א די שפיל מיט מאירקען, נאר וואס ווייטער, וואס לענגער, אלץ שווערער און שווערער איז איר געווארן אויף דער נשמה און אי זי האט זיך פיינט געהאט, אי זי האט זיך געשראקן פאר עפעס.

און אז ער קומט צו איר נאך א טאג אזא, קלאגט זי זיך פאר אים:

—זאגסט, אז דו ווילסט מיר גוטס און טאן טוסטו מיר אין ביין אריין!

נאר ער פארשטייט ניט וואס זי רעט צו אים, און ער טענהט זיך זיינס:

— איך וועל דיך גליקלאך מאכן, וועסט זען!

און זי ווייסט ווייטער ניט: וואס זאל זי טאן? די באלעבאסטע אירע, ווייסט זי, איז זייער א קלוגע, זי פארשטייט אלץ, און זי וויל זיך מיט איר מישב זיין:

— גיט מיר אן עצה!

זלאטע האט גארניט צו דער באלעבאסטע און די באלעבאסטע האט גאר ניט צו זלאטען, נאר שטענדיק איז עפעס צווישן זיי אז אדער זלאטע איז אין כעס אויף דער באלעבאסטע, אדער די באלעבאסטע איז אין כעס אויף זלאטען.

נאר זלאטע איז דאך דא אזוי עלנט, ווי א שטיין אין וואלד, זי האט קיינעם ניט, און זי איז איין מאל צוגעגאנגען צו דער באלעבאסטע. געוואלט האט זי ריידן מיט איר שטיל און פיין און איידל, ווי עס באדארף צו זיין, נאר עס האט זיך גלייך ביי איר ארויסגעריסן, ווי א פארשטיקטער געשריי:

— איך וועל פאר אים חתונה האבן!

די באלעבאסטע האט זיך אפגעשטעלט, האט אויף איר אויסגעגאסן די צוויי גרויסע, געלע אויגן אירע און האט רואיק איבערגעפרעגט:

— דו וועסט חתונה האבן?

די באלעבאסטע האט אפן געלאכט פון איר, און זלאטע

האט געוואָלט ווערן אַז אויפגעקאָכטע, ווי זי קען, האָט גע־
וואָלט ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך, נאָר אַרויסגעקומען איז עס ביי
איר פּאַרט אונטערטעניק, מיט געבעט:

— וואָס זשע, איך טאָר סיידן ניט?

געמיינט האָט זלאַטע, אַז די באַלעבאָסטע וועט כאָטש
איצט רחמנות האָבן אויף איר, נאָר די באַלעבאָסטע האָט זי
אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געל געשמייכלט:

—מעגן מעגסטו, נאָר אַ נאַר ביסטו!

זלאַטע איז דערנאָך געבליבן אַליין, און זי האָט לאַנג גע־
טראַכט, אַז יאָ, די באַלעבאָסטע איז טאַקע גערעכט: ווי אַזוי
קען זי חתונה האָבן? זי טאָר נאָר אַפילו ניט טראַכטן וועגן
דעם!

נאָר אין אָוונט, אַז מאירקע איז געקומען צו איר, אַזוי ווי
שטענדיק, האָט זי אים ניט געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע איז גערעכט.
זי איז שוין אַזוי געווען צוגעוואוינט צו אים, האָט שוין אַזוי ליב
געהאַט זיינע רייד, אַז ווען ער וואָלט אויפגעהערט צו קומען, וואָלט
זי אפשר אויסגעגאַנגען פון בייַנקשאַפט נאָך אים, פון בייַנקשאַפט
נאָך זיינע רייד.

נאָר אייביק קען זיך עס דאָך אַזוי ניט ציהען, עס קען ניט!
און זלאַטע טראַכט ביי זיך, אַז גענוג, זי מאַכט אַ סוף. זי וועט
אים זאָגן:

— לאָז מיך לעבן, לאָז מיך, איך בין דאָך אויך אַ מענטש!

נאָר אַט איז ער געקומען, האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן
איר, און ביי זלאַטען עפנט זיך ניט דער מויל. זי וואַרט מיט
אַ ציטער אין האַרצן, און ער איז היינט גראַדע אויך עפּעס אַ מאָדנער,
ער שווייגט אַן אומעטיקער, שווייגט לאַנג, ביז ער זאָגט איר
צום סוף:

— געדיינק מיינע ווערטער, זלאַטע, איך זאָג עס דיר
דעם לעצטן מאָל: דו וועסט חרטה האָבן! וואָס וועט דאָ
ווערן פון דיר? וואָס וואַרטסטו? מיינסט איך וויל נאָר מיין
טובה? זאָרג ניט! איך וועל נאָך קריגן אַ מויד! וואָס בין
איך אַ קאַליקע, אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס? געדיינק!

זלאַטען איז אַזוי גוט פון זיינע רייד, אַזוי פריידיק אויף

דער נשמה, זי ווײל אַז ער זאָל נאָך ריידן צו איר, נאָך און נאָך, נאָר אַז ער זאָגט שוין מער גאָר ניט, אַ לאַנגע מינוט, רופט זי זיך שטיל אָפּ צו אים:

— דאָס זאָגסטו נאָר איצט אַזוי, אָבער שפּעטער, דו וועסט מיר שטענדיק אויסוואַרפן . . .

— ווער, איך? זאָל מיר אָפּדאַרן דער צונג, זאָל איך קראַפּירן!

זלאַטע שפּאַרט אָן צו אים דעם קאָפּ, טוליעט זיך צו און טראַכט פאַרחלומט, אַז ערגערע פון איר האָבן דאָך אויך חתונה, אפשר ניט?

IV.

זלאַטע האָט ניט געשריבן אַהיים, אַז זי דינט אין די נאָמערעס, נאָר הימל און ערד האָבן זיך דאָך פאַרשוואוירן, אַז קיין פאַרבאָרגענע זאַכן זאָלן אויף דער וועלט ניט זיין.

מרדכי־גנעצע ווייסט, פאַרשטייט זיך, ניט וואָס נאָמערעס, ווען נאָמערעס, נאָר ער איז שוין אומגעגאַנגען אַ צוטומלטער, אַ נעבעכדיקער. מרדכי־גנעצע האָט בטבע אַ בלינד שרעקעדיק האַרץ, און דאָס האַרץ זיינס לייגט אים שטענדיק אויס צום ערגערן, וואָס עס זאָל ניט טרעפן, צום שלעכטן, און אין שטאָט האָט מען דערווייל גערעדט וועגן זלאַטען מיט אירע נאָמערעס, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ צונג, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מויל. נאָמערעס אַהער, און נאָמערעס אַהין, מען צעלייגט עס אויף טעלערלאַך, ביז מרדכי־גנעצע איז איין מאָל געקומען אַהיים, נאָך אַ לאַנגן און נאָך אַ שווערן טאָג, האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און האָט נאָך אַמאָל גענומען איבערלייענען זלאַטעס לעצטע בריוו. אַפריער, איידער מען האָט גערעדט אין שטאָט, האָבן זלאַטעס בריוו אויסגעקוקט גאָר אינגאַנצן אַנדערש, און מרדכי־גנעצע האָט נאָר געדאַנקט, צי איר איז דאָרט גוט, אַליין

נעבעך אין דער פרעמד, אָבער איצט, אַז ער האָט איצט איבערגע־לייענט איין בריוו אירן און נאָך אַ בריוו און נאָך אַ בריוו, איז עפּעס פאַר אים ביסלאַכווייז קלאָר געוואָרן, פון די זעלביקע בריוו. ווי עס וואָלט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגענומען אַ פאָרהאַנג, און דאָס וואָס עס איז קלאָר געוואָרן האָט אים מיטאַמאָל דערלאַנגט איבערן מוח, אַז ער איז שיעור ניט געפאַלן אין חלשות.

ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ געשריי, ווי פון אַ פאַרשטאָפּ־טער טרובע און ציפּקע, די טאָכטער זיינע, איז גלייך צוגעלאָפן צו אים אַ דערשראָקענע :

— טאַטע, וואָס איז ?

נאָר ער האָט שוין געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים, און ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך מיט אַ שטאַרקער האַנט, ווי ער וואָלט איר געזאָגט : מיש זיך ניט, ניט דיין עסק !

און ביי זיך האָט ער געטראַכט : אויב שוין יאָ אַן אומגליק, טאָ זאָל ער עס כאָטש זען מיט זיינע אייגענע אויגן.

ציפּקע האָט געקוקט וואָס ער טוט, און ער האָט גלייך גענומען און האָט איינגעפּאַקט דעם טלית און תּפילין און דעם שבתדיקן מלבוש.

— דו פאָרסט צו זלאַטען ?

מרדכי־געצע האָט שאַרף אויף איר אַ קוק געטאָן. ער איז געווען רואיק, איבערליינט און ער האָט איר אָנגעזאָגט :

— היט די שטוב, לויף ניט אַרום, זיץ אויף איין אָרט, הערסט? !

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, מיטן פּעקל אונטערן אָרעם, און ביי ציפּקען האָבן זיך פאַר עפּעס געשטעלט טרערן די אויגן :

— גריס איר !

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעקוקט, און האָט איר שטיל געענטפערט, האָט איר צוגעזאָגט :

— גוט, איך וועל איר גריסן.

און זיי האָבן זיך ביידע פאַנאַנדערגעוויינט — ציפּקע הויך אויפן קול און מרדכי־געצע שטום און אָן טרערן.

די שטאָט, וואו זלאַטע האָט געפונען איר מזל, האָט זיך פאַר מרדכי־געצען אויסגעוויזן פאַר זייער אַ גרויסע, אַ כרך, און ער האָט

לאנג ארומגעבלאנדזשעט ביז וואנען ער האט געפונען די אכסניה.

זלאטע האט זיך ניט געריכט אויפן טאטן, און אז זי האט אים פלוצלונג דערזען, ווי אראפגעפאלן פון הימל, איז זי געבליבן א צוטומלטע, א פארגליווערטע, און מרדכי־געצע האט באלד פאר־שטאנען, האט באלד דערזען, פונם ערשטן קוק אויף איר, אז זי איז שוין ניט דיזעלביקע זלאטע, וואס אמאל.

— גליקן האבן זיך דיר געוואלט, הא ?

נאר די ווערטער זיינען ווי קלעצער, קענען ניט ארויס פון האלדז, און ווי קלעצער בלייבן זיי ליגן ביי אים אויף דער נשמה. ער וויל עפעס זאגן, וויל אויף עפעס אנווייזן, נאר ער קען ניט, און זלאטע שטייט א צוטומלטע, אז זי פארגעסט אפילו, אז זי האט אקארשט, פריער מיט א רגע, געוואלט זיך א ווארף טאן צום טאטן, פאלן אים צו זיינע פיס : — שלאג מיך, ממית מיך !

זלאטע איז א בלייכע ווי די וואנט און א פארגליווערטע ווי די וואנט, און מרדכי־געצע לאזט זיך שווער אראפ אויף א ביינקל, אז ער טאפט אזש מיט די הענט, איידער ער זעצט זיך אנידער.

זלאטע האט נאך קיינמאל ניט געזען און ניט געהערט, אז דער טאטע זאל וויינען, אפילו ווען די מאמע איז געשטארבן, האט ער אויך ניט געוויינט. ער האט נאר געריסן פון זיך ענגע, הארטע שטיקער גוואלדן און האט זיי געווארפן איינס נאך איינס, אז אלע אין שטוב זיינען געבליבן פארציטערטע און האבן מורא געהאט א פיפס צו־טאן.

מרדכי־געצע שווייגט די גאנצע צייט, און אין קיך איז מאדנע שטיל, נאר די באלעבאסטע האט שוין דערהערט דארט ביי זיך אין די חדרים, אז עפעס קומט דא פאר, און זי האט אן־עפן געטאן די טיר פון עס־שטוב, און איז אריינגעקומען אין קיך. די באלעבאסטע זאגט נאך גארניט און פרעגט נאך גארניט, נאר זלאטע איז שוין געווארן אן אויפגעקאכטע, א בלויע אזש פאר כעס :

— וואס ווילט איר ?

די באלעבאסטע איז א הויכע, א דארע, מיט א געלן פנים און זי גייט שטענדיק אנגעטאן אזוי, אט ווי זי וואלט אקארשט געקומען פון א חתונה.

די באַלעבאַסטע בויגט זיך אָן צו זלאַטען און פרעגט ביי איר אין דער שטיל:

— ווער איז דער איד?

נאָר זלאַטע גיט זיך אַ קער אום צו איר מיטן גאַנצן פּנים און ענטפערט איר הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיין טאַטע!

זלאַטע כאַפּט קוים דעם אָטעם, אַזוי ברענט אין איר די רציחה, און עס אַרט איר גאָרניט, זי איז איינגעשפּאַרט, איז משוגע, און זאָל זיין, וואָס עס וויל, אַבי אימיצן, אַבי יענעם אויף צו להכעיס. און די באַלעבאַסטע שטייט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. עס ציט זיך אַזוי אַ לאַנגע מינוט, זער אַ לאַנגע, און די באַלעבאַסטע בויגט זיך אָן צו מרדכי־געצען און שמייכלט צו אים זיס, מיט אַ פאַרגנבעטער גוטסקייט:

— איר זייט זלאַטעס טאַטע, ווען זייט איר געקומען? און זלאַטע האָט מיר גאָרניט דערציילט! וואַרט... נאָר וואָס זיצט איר עפּעס דאָ, אין קיך, קומט אַהער, קומט אין „סטאָלאָווע"...

די באַלעבאַסטע פירט אים יום־טובדיק אריין אין עס־שטוב, מיט פאַראַד, און זעצט אים אַנידער אַנטקעגן זיך. זי וואַרט ניט, אַז ער זאָל ביי איר וואָס פרעגן, זי רעדט צו אים אַליין. זי דערציילט אים וועגן זלאַטען, לויבט זי אין הימל אריין, אַז זי האָט גאָלדערנע הענט, איז אַ טייערע באַלעבאַסטע, און אַז זי איז זייער אַ שטילע און זייער אַ וואוילע, און אַז דער אויבערשטער האָט איר שוין צוגעשיקט אַ טייערן חתן, אַזאַ, ווי זי איז ווערט, הלואי אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, אחוץ איר שאָדן!

די באַלעבאַסטע וויל דאָ עפּעס פאַררייִדן, דאָס קען זען אַפילו אַ בלינדער, און זי שיט מיט רייד אָן אָן אויפהער, אָן אָן אויפהער. און מרדכי־געצע הערט זי און שווייגט.

מרדכי־געצע האָט באַלד געוואָלט אוועקפאָרן, נאָך אין דעמזעלבן טאָג, נאָר זלאַטע האָט זיך שוין ארומגעזען, וואו זי איז דער וועלט, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז דאָ גאָר די גערעכטע, אַז זי איז אינגאַנצן גערעכט.

— אַ טאַטע! ביי לייטן, אַז עס איז דאָ אַ מיידל, איז רייסט

מען קברים, מען לייגט איין א וועלט, און דא, א סך האסטו מיר עפּעס געגעבן ? ער מאַנט נאָך ביי מיר, פּונקט ווי מיר וואָלט דאָ געווען זיס ווי האָניג ! א צוקערלעקעכל ! דאָס געפעלט אים ניט און יענעם געפעלט אים ניט, נישקשה, ווען עס וואָלט געווען פארקערט, ווען די מאמע לעבט, וואָלט דעמאָלט...

זלאַטע וויינט און טענהט, און מרדכי־געצען דוכט זיך, אַז עס איז גאָר א ליגן וואָס זי וויינט, זי לייגט, און ער רופט זיך אָפּ צו איר, רעדט פאר איר אויס זיינע יסורים :

— ווען די מאמע שטייט איצט אויף פון קבר און גיט א קוק אויף דיר, מיין טאכטער, וואָלט זי נאָכאמאָל געשטאָרבן.

זלאַטע האָט נאָך לאַנג געוויינט און געטענהט, נאָר מרדכי־געצען האָט עס ניט גערירט, ניט איר וויינען און ניט איר טענהן, ער האָט איר געקוקט גלייך אין פּנים אריין און האָט ניט אויפגע־הערט צו טראַכטן :

— פראַוועסט א קאָמעדיע ! האָסט זיך אויסגעלערענט ! דו נאַרסט אָבער קיינעם ניט אָפּ, אחוץ זיך אַליין.

נאָר פאַרן אהיים איז ער שוין פונדעסטוועגן ניט געפאָרן, און אין אָוונט, אַז מאירקע איז געקומען צו זיי אין אויסגעפּוצטער, אין זיינע לאַקירטע שטיוועלאך און אין דער נייער טשומערקע, און דאָס היטעלע מיטן גלאַנציקן דאַשעק איז ביי אים געזעסן אויף א זייט, — האָט מרדכי־געצע אים אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט גע־שוויגן א מינוט, און האָט דערנאָך א פרעג געטאָן ביי אים, אַזוי פאַרשטיקט, ווי מען וואָלט אים געוואָרגן:

— דו ביזט איר חתן ?

מרדכי־געצע איז שוואַרץ ווי די ערד, און מאירקע האָט זיך באַלד א שטעל אוועק געגעבן אין פראַנט און האָט גענומען בראָקן זיינע ליגנס, איין ליגן גרעסער פאר דעם צווייטן:

— אַט וועט איר זען, איך וועל זי גליקלאַך מאַכן! איר ווייסט וויפל איך פאַרמאָג ? און וואָס איך קען ? איר קענט מיך ניט. נאָר אַז איר וואָלט מיך געקענט, איר וואָלט דעמאָלט געוואוסט !

מאירקע וואַרפט מיט די הענט, און קנאַקט מיטן צונג און מאַכט משוגענע העוויות, און מרדכי־געצע קען בשום אופן ניט פאַר־

שטיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש אַזאַ, און וואָס דאָס איז פאַר אַ הילוך אַביסל — גלאַנציקע שטיוועלאַך און אַ היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ — און מרדכי־נעצע טראַכט ביי זיך, מילא, אַ חתן, נו, אַ חתן אַביסל פאַר זלאַטען, אַן אמתער קישעניק!

מרדכי־נעצע האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, אַ דערשלאָגע־נער פון זיינע צרות, און מאַירקע האָט זיך ברייט אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, מיט זיינע ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס, און זלאַטע האָט ניט געקענט אַריבערטראַגן דעם טאַטנס זיצן אַט אַזוי, וואָס ער באַוויינט זי אַ לעבעדיגע, און זי האָט זיך שטאַרק איינגע־האַלטן, מיט אַלע אירע כחות, אַז זי זאָל אויף אים ניט אָנפאַלן:

— הער אויף! מיר איז אַזוי אויך ביטער! טרען מיר ניט די אַדערן!

דערנאָך איז מען נעגאַנגען שלאָפן, פרי איינדערנאַכט, און מען איז פרי אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן, און פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג.

זלאַטע אַליין האָט זיך עפּעס אָפּגעטיילט פון אַלעמען, האָט זיך אין גאַרניט געמישט, איז איינגאַנצן געווען ווי אַ ליימענע, און מאַירקע איז אומגעלאָפן אַ פאַרטאָגענער, האָט געהאָוועט, האָט גע־פאָדעט, אַז אַט איז ער דאָ און אַט איז ער דאָרט, און זלאַטע וויל אים אָפּשטעלן אין מיטן דערינען, וויל אים זאָגן:

— איך וויל ניט חתונה האָבן, ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וויל?

נאָר די גאַנצע שטוב איז שוין פול מיט מענטשן, מיט פרעמדע, און אַט שטעלט מען שוין די חופה, עס איז אַ בהלה, אַ ליאַרם, און אַט שרייט מען שוין אַרום איר:

— מזל טוב! מזל טוב!

און אַט גייט צו איר צו דער טאַטע, אַ שטילער און אַ בלייכער אַזאַ, אַ בלייכער פון קאָפּ ביז די פיס:

— זיי גליקלאַך... זיי גליקלאַך, טאָכטער!...

עס ווערט מיט אַמאָל שטיל, עס רייסט זיך מיט אַמאָל אָפּ דער אָטעם, און די ווערטער זיינע פאַלן אין דער שטילקייט ווי טרערן. און זלאַטען דוכט זיך, אַז זי שוועבט אין דער לופטן, שוועבט ערגעץ

אוועק, און זי וויל זיך אַן עפּעס אַנכאַפּן, אָנהאַלטן זיך, און זי מורמלט וואָס צום טאָטן, צו אַלעמען, נאָר זי הערט אַליין ניט, וואָס זי רעדט.

מרדכי־געצע טרעט פון איר ניט אָפּ, און זי וויל גאָרניט, דאַרף גאָרניט, זי וויל נאָר נעמען דעם טאַטן און אַוועקגיין מיט אים פון אַלעמען, אַוועקגיין ערגעץ ווייט אין אַ ווינקל און דאָרט וועט זי אים עפּעס צוזאָגן, וועט אים צוזאָגן אויף אייביג.

אין שטוב איז זייער ענג און דער עולם רעשט, ליאַרמט. ווער עס שטייט און ווער עס זיצט, ווער עס פּאַרבייסט און ווער עס טרינקט, און עס הערט זיך ווי עס קנאַקן ציינער, ווי עס צמיאָקען ליפּן, און מאַירקע איז אינמיטן צווישן דעם עולם, און ער גיסט קונציק אַריין אין זיך אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און שרייט ווי ער וואָלט זיך געגרויסט מיט זיין גליק: — לחיים ! !

מרדכי־געצע האָט דערנאָך צוריק איינגעפּאַקט דעם טלית און די תפילין, האָט אָפּגעווישט די אויגן און איז צוריק אַוועקגעפאָרן אהיים, באַלד נאָך דער חופּה, און זלאַטע מיט מאַירקען זיינען נאָך אין דעמזעלבן טאָג אַוועק פון די נאָמערעס.

זלאַטע האָט זיך געזעגנט מיט דער באַלעבאָסטע, און זי האָט שטאַרק דערביי געוויינט, און דער באַלעבאָסטע איז עס גראָדע גע־פעלן געוואָרן, זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס:

— זייַ גליקלאַך, זלאַטע, איך ווינטש דיר מיטן גאַנצן האַרצן !

מאַירקע איז ניט געווען שיכור, נאָר פריילאַך אביסל און ער האָט באַלד אונטערגעכאַפּט דער באַלעבאָסטעס רייד:

— זי וועט זיין ! זי וועט זיין !

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זלאַטען, האָט זי אַזש געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר זלאַטע איז געשטאַנען אַזוי, אַז עס האָבן זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט די הענט און ער איז געבליבן אַ פאַרשעמטער.

V.

מאירקע איז גלייך געוואָרן אוים שמייסער, אויף מאָרגן נאָך דער חתונה, כאָטש דער אַלטער בעל־עגלה, ביי וועמען ער איז אומ־געפאָרן, האָט אים געהאַלטן אין איין איינריידן, האָט ניט געזשאַ־לעוועט פאַר אים קיין גליקן.

דער אַלטער האָט געשאָטן מיט די גליקן, ווי פון אַ אָפּענעם זאַק, און מאירקע האָט אים גאָרניט געענטפערט, די גאַנצע צייט וואָס דער אַלטער האָט גערעדט. ער איז זיך געשטאַנען אָט אַזוי, האָט זיך געדרייט אַ וואָנצעלע און האָט געלאַכט מיט זיינע אויגן, אַז ביי דעם אַלטן האָט ממש געפּלאַצט די גאַל.

דער אַלטער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס קען פון דעם אַרויסקומען, וואָס עס קען זיין פון דעם דער סוף, און עס האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט אַזוי, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט.

מאירקע איז באַלד אַוועק, אַז גיין זאָל ער אויף קוליעס, האָט אָפּגעדונגען אַ גרויסן הויף, און האָט מיט איין קנאַק אַוועקגע־שטעלט דריי שפּאָגל־נייע פאַיעטאָנען מיט דריי פּאָר יונגע, גרינגע פערדלאַך, און ניט סתם אַזוי פאַיעטאָנען מיט פערד, נאָר ער האָט טאַקע אויסגעפּוצט אַ געשפּאַן, וואָס אין שטאָט האָט מען נאָך אַזוינס ניט געזען סיידן ביי אַן אַלטן פּריץ אויף דער ברייטער גאַס.

מאירקע איז זיך נאָר איינאיינציקן מאָל דורכגעפאָרן צו דער סטאַנציע, און דער אַלטער בעל־עגלה האָט באַלד דערזען, אויפן אָרט, אַז איצט איז שוין אויס, ער מעג זיך שוין לייגן שלאָפן. נאָר דער אַלטער גיט זיך נאָך אַזוי גרינג ניט אונטער, ווי לאַנג קריינ־קען נאָך די שונאים, און ער טרייבט נאָך צו דער סטאַנציע זיינע בלינדע, הינקעדיקע שקאַפּעס, טרייבט זיי מיט אַן איינגעשפּאַרטן כעס און ווייסט ביי זיך, טיף אין האַרצן, אַז עס וועט פון דעם גאָר־ניט אַרויסקומען.

און יעדעס מאָל, ווען דער אַלטער פאָרט צוריק פון דער סטאַנ־ציע, איינגאַנצן מיט ליידיקן, אָן איין פאַרשוין אפילו, און אויפן וועג איז שטיל, מען זעט ניט קיינעם און מען הערט ניט קיינעם, ווייט נאָר, פאַר אַ וויאָרסט אפשר ווייטער פון אים, הערן זיך נאָך

די גלעקלאך פון מאירקעס פאיעטאנען, הערן זיך ווי זילבערנע, — לאזט דער אלטער ארויס די לייצעס פון האנט און ס'איז אזוי ניט גוט, אז כאטש נעם און שריי חי־וקים!

דער אלטער האט א טבע, אז ווען קיינער זעט אים ניט און קיינער הערט אים ניט, נארט ער זיך שוין גארניט אפ, ער האט עס פיינט און ער ווייסט גאנץ גוט, ווייסט און זעט עס ווי אין א מיטן העלן טאג, אז סוף כל סוף וועט ער פארט מוזן אנקומען צו מאירקען. נאר גארניט, איידער ווערן א שמייסער ביי יענעם, איצט אויף דער עלטער, און נאך ביי וועמען? ביי אזא פאהאנעס שנעק מיט אזא נקבה, איז שוין בעסער דער טויט.

דער אלטער גיט א כאפ אונטער די לייצעס און קערט איבער די בייטש און זעצט מיטן גראבן זייט איבער די הארטע,ביינערנע רו־קענס פון די אלטע, רחמנותדיקע שקאפעס:

— איינגעשלאפן?! א פאהיבעל אויף אייך, פגרט מיט מיר אינאיינעם!

VI.

און מאירקען איז גוט ווי די וועלט.

ער שפיגלט זיך אין די נייע, גלאנציקע פאיעטאנען, און גלעט די סאמעטענע פערדלאך, וואס אלע זיינען זיי איינס אין איינס, אלע פון א ריינעם בלוט, און דערנאך גייט ער ארויס פון שטאל און שפאנט זיך איבערן הויף אין זיינע זרינגע, פריצישע שטיוול און לאכט צו זיך אליין: וואס פון א מענטשן קען ווערן, הא?

דערנאך קומט ער אריין אין שטוב. און אין שטוב איז ציכטיק און שטיל, און זלאטע קוקט צו אים מיט צונויפגענומענע אויגן, שמייכלט, און איז איינגאנצן אזא נאענטע, אז עס פארגייט אוש ביים הארצן.

מאירקען גיט עס א טראג אין דער לופטן, ער וועט באלד א שפרונג טאן, וועט א טאנץ טאן, נאר ער האלט זיך אויף און ארט,

קוקט אויף זלאטען, און דערציילט איר, ווי גוט אים איז:

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט, און דו האָסט נאָך ניט געוואָלט!

נאָר זלאטע מאכט זיך, אַז זי פאַרשטייט ניט, וואָס ער מיינט און זי פרעגט ביי אים איבער:

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס האָב איך ניט געוואָלט?

מאירקע גיט צו איר אַ שפרונג, כאַפּט זי אַרום מיטביידע הענט, און דריקט זי צו זיך, שטאַרק, שטאַרק, און זלאטע טוליעט זיך צו אים מיט איר גאַנצן ליים און רעדט שווער, אין אַ צוריסע־נעם אָטעם:

— גיי, לאָז אָפּ, אין מיטן דערינען...

מאירקע בלייבט מיט לאַנגע אַראָפּגעלאָזענע הענט, מיט אַ פאַרגעסענעם שמייכל אויף די ליפּן, און דאָס האַרץ זיינס קלאַפּט אין אים, ווי אַ גרויסער, אַ הילצערנער האַמער.

ער גייט צו צום טיש, זעצט זיך אַנידער, און זלאטע דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב. ער וויל איר עפּעס זאָגן, עפּעס פרעגן ביי איר, נאָר ער זיצט און וואַרט, און זלאטע גיט זיך טאַקע באַלד אַ קער אום צו אים און קוקט אים אָן, גלייך אין די אויגן אַריין, און זי שמייכלט דערביי אַזוי מאָדנע, מיט אירע דינע, איינגעשניטענע ליפּן און גלאַנציק־צושוואומענע אויגן, אַז מאירקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פאַר וואָס פאַרשעמט.

און זי גייט צו אים צו און פרעגט:

— ביזט הונגעריק?

מאירקע קוקט זי אָן, און ער זעט: ער איז עפּעס קלענער פון איר, זי איז עפּעס אַ סך מער פון אים. ער וויל עס איר זאָגן, וויל איר אָנטאָן דעם נחת, נאָר ער ווייסט ניט ווי אַזוי מען זאָגט עס, און ער זאָגט איר נאָר:

— איך האָב דיך ליב, ווי איך בין אַ איד!

— טאַקע? איך האָב גאָר ניט געוואוסט!

זי לאַכט מאָדנע, איז איינגאַנצן אַ מאָדנע, און מאירקען דוכט זיך אוים אויף דער רגע, אַז זי איז גאָר אַ פרעמדע, ער קען זי גאָר ניט, ווייסט ניט, ווער זי איז, און זי לאָזט זיך אַראָפּ צו אים אויף די קני, קייטלט אַרום זיין האַלדז און שושקעט אים וואָס אריין

אין אויער, עפּעס אַזוי אָפּגעריסן און אַן אַ זינען.

זלאַטע קאָכט שטענדיק אַ געשמאַקן, אַ פעטן וואַרעמעס, און דער וואַרעמעס דאַרף שוין זיין פאַרטיק, און זלאַטע הויבט זיך טאַקע באַלד אויף פון מאַירקעס שויס. זי איז נאָך אַ פולע און אַ פוילע נאָר זי גייט שוין אָפּ, ווערט פאַרטאָן, און שלעפּט אַרויס פון אויוון אַ גרויסן, אַ שמעקעדיקן טאָפּ.

פון טאָפּ שלאָגט אַ פּאַרע, אַז עס קיצלט דעם גומען, און מאַירקע הויבט זיך אויף, וואַשט זיך איין מיט קאַלטע, מיט פרישע וואַסער, און דערנאָך זעצט ער זיך שוין צום טיש, צוזעצט זיך ווי אַ פּריץ, און זלאַטע דערלאַנגט אים דאָס עסן.

ער עסט הונגעריק, אויף ביידע באַקן, און זלאַטע זיצט אַנטקעגן אים, קוקט אים אין מויל אַריין, און שעפּט פון אים נחת:

— געשמאַק? האָסט עס ליב?

— יאָ, אַ מחיה!

און ער ציט דערביי אויס אַ האַנט, גלאָט אַזוי, פון וואוילטאָג וועגן און נעמט ביי איר אַריין אַ ברוסט, אַ קיילעכדיקע, אַ שטייפע און אַ וואַרימע.

זלאַטע טשעפּעט ניט די האַנט זיינע, זי לאַכט נאָר אויף, טיף פון בויך אַרויס:

— גיי, עס בעסער...

מאַירקע רוקט אָפּ פון זיך די ליידיקע טעלער, גיט זיך אַ וויש אָפּ מיט דער לאַדאָניע די פולע, בלוטיקע ליפּן, און הויבט זיך אויף פון טיש און גייט אַרויס אין הויף. נאָר אין הויף איז קיינער ניטאָ און דער גאַנצער הויף איז פול מיט זון.

מאַירקע שטייט אויף דער זון מיט אַן אָפּגעשפּיליעט האַרץ, און דאָס האַרץ איז ביי אים אַ שטאַרקס און אַ האַריקס, און אין די האָר האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אַ גרויסע פליג.

מאַירקע טרייבט די פליג, נאָר די פליג איז דאָרט אין די האָר, ווי אין אַ נעסט, אָדער ווי אין אַ נעץ, און מאַירקע הויבט אויף אַ האַנט און צוקוועטשט די פליג.

אין הויף איז קיינער ניטאָ, און דער גאַנצער הויף איז פול מיט זון. אין שטאַל צוהירזשעט זיך אַ פערדל.

VII.

מאירקע טרייבט זיינע פערד צו דער ווייטער סטאַנציע, און די באַנען גייען אַזוי, אַז מען דאַרף אַרויספאָרן ווי נאָר אוונט, און צוריק אַהיים קערט מען זיך אום, ווען עס גרויט שוין דער פאַר־טאָג.

דער וועג צו דער סטאַנציע איז אַ גלייכער, ליגט דורך אָפענע פעלדער, נאָר פלוצלונג שטויסט מען זיך אָן אויף אַ וואַלד. דער וואַלד איז אַ קליינער, געדויערט ניט לאַנג, נאָר די ביימער אין וואַלד שטייען אַזוי געדיכט, אַז דער וועג שליינגלט זיך ענג און ווי מיט גוואַלד.

דער וואַלד געהערט צו אַ פּריץ, און דער פּריץ, אַ גראַף, האָט שטענדיק געלעבט ערגעץ אין אויסלאַנד, און דער וואַלד איז אַלעמענס און קיינעמס ניט.

דער פּריץ איז איינמאָל געקומען אַהיים, איז אָפּגעווען עט־לאַכע טעג, דערנאָך האָבן אַלע געמיינט, אַז ער איז זיך צוריק אַוועקגעפאָרן אין אויסלאַנד, ערשט ניין — — —

פּויערים גייען איינמאָל פון אַ נאָענטן דאָרף צו אַ מאַרק, און זיי גייען דורכן וואַלד, ווי זייער שטייגער איז, נאָר מיט אַמאָל גיט איינער פון זיי אַ געשריי אַרויס, ניט מיט זיין אייגענעם קול:

— מענטשן, זעט !

און זיי בלייבן שוין אַלע ווי איינגעגראָבענע און עס נעמט ביי זיי אַלעמען אָפּ דער לשון.

דער פּריץ, ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מענטש, האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ זייטיקן בוים און איז טויט ווי אַלע טויטע.

די פּויערים נעמען אַראָפּ די היטלען און צלמען זיך און צלמען זיך, און איבער דעם גאַנצן וואַלד טראָגט זיך אום עפּעס אַזוינס, ווי אַן אָטעם, און די פּויערים שטייען מיט איינגעבויגענע קעפּ.

צווישן די פּויערים איז געווען איינער, אַן אַלטער שוין, זייער אַן אַלטער, און ער איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צום טויטן, האָט אים אָנגענומען פאַר ביידע פיס, און האָט שטיל אַרויף געטאָן:

— אנו, העלפט מיר אקארשט! ניטא וואס צו שטיין און קוקן...

די פויערים האבן געבראכט מיט זיך אין שטאט אריין דעם טויטן, און עס זיינען באלד אנגעלאפן קינד־און־קייט, און מען האט גענומען רעדן און פרעגן און טענהן. איינער זאגט, למשל, וועקסלען, און א צווייטער לאכט זיך אויס פון דעם און זאגט, אז עס איז א פאלובאווניצע, און א דריטער ווייסט שוין גאר פון עפעס אנדערש.

דער עולם שפארט זיך און אמפערט זיך און שמועסט גלאט אזוי, אז וואס איז דא אין גאנצן דאס לעבן פון א מענטשן? א חלום, ניט מער טאקע ווי א חלום, נאר גאר ניט, אז א מענטש לייגט אליין אויף זיך ארויף די הענט, איז עס מסתמא ניט אומזיסט.

דער פריץ האט געהאט א רייכע באגרעבעניש, מיט גרויס פאראד, ווי עס פאסט פאר אזא פריץ, און דער וואלד איז איבערגעגאנגען צו זיין יונגען יורש.

דער וואלד איז אן אלטער און ער האט שוין אט אזוי איבערגעלעבט גאנצע דורות מיט מענטשן און האט זיך א האר ניט גערירט.

דער בוים, אויף וועלכן דער פריץ האט זיך אויפגעהאנגען, איז א בוים ווי אלע ביימער, און דער וואלד איז אויך אנדערש ניט געווארן פון דעם, וואס ערגעץ אויף א בוים ביי אים האט זיך אויפגעהאנגען א מענטש, נאר די פויערים פון די ארומיקע דערפער, אז זיי דארפן איצט גיין אין שטאט אריין צו א מארק, לייגן זיי זיך אן איבעריקן וויארסט, נעמען זיך אויף ארום און ארום, אבי זיי זאלן ניט דארפן גיין דורכן וואלד.

און דער וואלד שטייט זיך א גאנצער, א צונויפגעגאסענער און א פארלאזטער. עס הערן זיך אמאל טריט, טיף פון וואלד ארויס, נאר מען ווייסט: אדער עס האט זיך איינגאנצן אויסגעוויזן, עס זיינען ניט קיין טריט, אדער — נאר קיין לעבעדיקער מענטש גייט דאך דארט געוויס ניט אום!

מאירקע קען דעם וואלד זייער גוט, ער פארט שוין דא אום פון יארן און יארן, נאר שטענדיק ווען ער פארט דורכן וואלד, ווערט

ער ווי אַלע, אַן איינגעהאַלטענער, אַ שטילער, און ערשט, ווען דער וועג שליינגלט זיך אַרויס פונם וואַלד, כאַפּט ער פריי אָפּ דעם אָטעם, און ווי אַ שווערקייט וואָלט זיך מיט אַמאָל אָפּגעקלעפּט פון זיינע פּלייצעס.

נאָר אין דער לעצטער צייט, פון זינט מאַירקע האָט חתונה גע־האַט, דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז אים אַזוי גוט, פאַרטראַכט ער זיך אָפּט, ווען ער פאָרט דורכן וואַלד, אַז יעדער מענטש האָט זיך זיין מזל, עס איז אַ גרויסע וועלט און מענטשן זיינען פאַראַן אַ סך, זייער אַ סך.

ער לאָזט אַרויס פון זיך אַ געשריי און דער געשריי זיינער טראָגט זיך פאַנאַנדער איבערן וואַלד, ווי אַ האַרטער קנויל. די פאַרשוינען וואָס פאָרן מיט אים ווערן פאַרציטערטע, נאָר ער קערט זיך אום צו זיי און זאָגט זיי קלוג, ווי אַן אַלטער:

— ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן!

דער וואַלד בלייבט פון הינטן און דער וועג גיסט זיך שוין פאַנאַנדער איבער אָפענע פעלדער, און די פעלדער ווינן זיך אין דער נאַכט, ווי אַ פאַנאַנדערגעשפּרייטע, אַ גראָע פּלאַכטע.

VIII.

מאַירקע האַלט ביי זיך צוויי שמייסערס, נאָר איינער פון די צוויי איז אַזאַ, אַז ער וואָלט שוין בעסער געמעגט ניט זיין. ער איז אַ הויכער, אַן אויסגעטריקנטער, מיט אַ האַרטן, ביינערדיקן פּנים און מיט אויגן — אוי אויגן! אַז ער גיט אַמאָל אַ קוק אויף מאַירקען, עס איז טאַקע נאָר אַ געלעכטער, מאַירקע איז דאָך דער באַלעבאָס און ער קען אים הייסן גיין אויף אַלע פיר זייטן, אפילו באַלד, די מינוט, נאָר פונדעסטוועגן רוקט זיך עפּעס מאַירקע אָפּ פון אים און ניט ער פון מאַירקען, און מאַירקע כעסט זיך אין דער שטיל, פאַרבאָרגן: — נו, אַ קוקל, אַז די אויגן האָבן אים גע־מעגט אַרויסקריכן!

אין שטאַל איז טונקל און שטיל און עס שמעקט מחיהדיק מיט פערדנס. און דער גאָלדענער שמייסער, שמואל הייסט ער, לאָזט זיך דאָ אַראָפּ אויף דעם אויסגעשפּרייטן קלאָץ, ציט זיך אויס די פיס און זיצט זיך און גאָרנים. עס הויבט אים אפילו ניט אָן צו אַרן וואָס ביי יענעם פּלאַצט די גאַל.

נאָר דער טאָג שטייט דאָך ניט אויף איין אָרט, מען דאַרף שוין באַלד שפּאַנען די פערד און פאָרן צו דער סטאַנציע, און זלאַטע קומט באַלד אַרויס פון שטוב און רופט אים: — שמואל, גיי עסן!

און דערנאָך, אַז מען עסט שוין אָפּ, און מען הויבט זיך אויף פון טיש, און שמואל מיט דעם צווייטן שמייסער גייען אַרויס פון שטוב און הויבן אָן שפּאַנען די פערד, — נעמט זלאַטע צו פון טיש, ראַמט אויף די הויז, און זי כעסט זיך ניט און מאָנט ביי קיינעם גאָר ניט, נאָר זי זאָגט גלאַט אַזוי אַמאָל, רעדט זיך אַביסל אַראָפּ פון הארצן:

— מען דאַרף אים דאָ נויטיק האבן, אַן אָנשיקעניש אויף אונזער קאָפּ!

שמואל ווייסט, אַז זיי האָבן אים פיינט, ער זעט עס, נאָר ער קוקט אויף דעם מיט זיין גלאַנציק־בלייענעם שמייכל, אָט ווי ער גאָר וואָלט דאָ געווען דער גרויסער, דער מאַכער, און זיי אַלע קענען אים זיינען גאָרניט מיט גאָרניט. ער רעדט אפילו ניט מיט זיי, דערציילט זיי גאָרניט, נאָר פונדעסטוועגן ווייסן זיי, אַז ער האָט אַמאָל געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט, האָט דאָרט געהאַט זיין אייגנס דעם אמתן הויף און אפשר אַ צוואַנציק שטיק פאַיעטאָנען און פערד, שוין איינמאָל פערד! נאָר ער האָט זיך אַרומגעפירט מיט דער ריכטיקער קאַמפּאַניע, מיט די ריכטיקע נקבות, אַזוי ברייט און אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער איז געבליבן מיטן פּייפל.

מען האָט אַלץ ביי אים צוגענומען, אי דעם הויף, אי די פאַיעטאָנען, אי די פערד, און די נקבות — זיי זיינען שוין אַליין אַוועק פון אים.

ער האָט זיך דערמאָלט אַ רים געטאָן, ווי אַ ווינט, ווי גרויס און

שטארק ער איז נאך געוועזן ביי זיך, האט געוואלט אימיצן דער־הרגענען, נאר גיי שלאג זיך מיטן ווינט!

ער האט נאך געהאט ביי זיך א פאר קערבלאך, די לעצטע, און ער איז אוועק אין שיינק און האט דארט אפגעשכורט די גאנצע נאכט, אליין, אן קיינעם ניט, און דער כעס אין אים האט אזוי גע־ברענט, אז עס האט געטריבן ביז משוגעת:

— גוט, זאל זיין! זאל זיין!!

ער האט אלץ געטענהט צו זיך אליין, האט זיך געריצט און געטרייסט און האט געהאלטן אין איין איבערחזרן:

— זאל זיין! זאל זיין!!

און האט געגאסן אין זיך א פלאש נאך א פלאש, און דערנאך, גלייך אויף מארגן, האט ער גענומען, אן א גראשן ביי דער נשמה, אט אזוי ווי ער שטייט און גייט, און האט זיך אוועקגעלאזט איבער דער ווייטער, פרעמדער וועלט.

ער אליין האט פיינט אט די אלע מעשיות און געשיכטעס, און קיינער ווייסט ביי אים טאקע ניט וואס אזוינס ער האט דארט גע־טאן אויף דער גרויסער וועלט, ביז וואנען ער איז געקומען אהער און האט זיך אנגעשטויסן אויף מאירקען.

ער איז זיך נאר איין איינציקן מאל דערכגעפארן צו דער סטאנ־ציע מיט מאירקעס פערד, און מאירקען איז ער פון אנהויב שטארק געפעלן געווארן: ער קען גראדע יא האלטן א בייטש אין דער האנט, און די פערד זיינען ביי אים, ווי ביי זיך אין דער היים. מען האט גלייך געקענט זען: א באלאבאס א שמייסער, מען קען זיך אויף אים פארלאזן.

— בלייב אינגאנצן ביי מיר, עס וועט דיר גארניט פעלן, איך וויים ווי צו האלטן א שמייסער, וואס האט די ווערט, וואוהין וועסטו זיך נאך אומבלאקאיען?

שמואל האט ניט געענטפערט אויף דעם, ער האט אים נאר אפגעמאסטן מיט א קוק פון קאפ ביז די פיס, אז מאירקען האט עס שטארק א ברי געטאן: — דיר לויענט נאך אפשר ניט?

מאירקען ווייזט זיך אוים פאר עפעס, אז שמואל לאכט נאר

פון אים, און שמואל קוקט אים נאך אמאל אן, פון קאפ ביז די פיס, און ענטפערט אים רואיק, אט ווי ער וואלט טאקע געלאכט:

— ניין, מיר לויענט. פארוואס זאל מיר ניט לויענען?

מאירקען האט שוין פארדראסן אויפן עסק, ווי ער וואלט גע־פילט, אז ער נעמט אויף זיך א צרה, נאר גארניט, הייסן אים גיין אהין פון וואנען ער איז געקומען, וועט ער דאך שטענדיק קענען. נאר אויסגעלאזן האט זיך, אז שמואל איז ווייט ניט פון די, וועמען מען הייסט גיין, מיט וועמען מען שאפט זיך. ער רעדט טאקע מיט קיינעם ניט, מישט זיך ניט אין גארניט, נאר זיי וויכן אלע פון אים און אבי ער טשעפעט נאר קיינעם ניט, איז מען שוין צופרידן.

מאירקען פארדריסט עס, פארשטייט זיך, גאנץ שטארק, און מער פאר אלץ שעמט ער זיך פאר זלאטען, עס דוכט זיך אים אלץ, אז ער פאלט ביי איר פאר דעם אראפ אין אירע אויגן, און זלאטע איז שוין געוואוינט מיט שמואלן, זי האט אים שוין אפילו ניט פיינט און ווען ער וואלט איצט, למשל, אוועק פון זיי, וואלט ער איר אפשר נאר געפעלט. נאר גארניט, אז א מענטש גייט שטענדיק אום א שווייגנדיקער, און ווי די שיפן זיינע וואלטן אים פלוצלונג אונטערגעגאנגען אויפן וואסער, און פארביטערט דעם לעבן אי זיך, אי יענעם! און זלאטע צושרייט זיך אמאל:

— טרייב אים ארוים! איך וויל פון אים מער ניט ליידן!

מאירקע ווייסט ביי זיך, אז זי איז גערעכט, נאר טאן קען ער דאך גארניט, איז שטייט ער א שולדיקער און שווייגט א שולדי־קער, און זלאטע אליין מיינט אויך ניט דאס, וואס זי שרייט, און דא מישט זיך באלד אריין דער צווייטער שמייסער זייערער, יאסקע הייסט ער:

— וואס צערעמאניעוועסטו זיך מיט אים? טרייב אים ארוים! ווען איך, מאירקע, בין אויף דיין ארט — אהא! דו, זלאטע, לאז נאר מיך, וועסטו זען!

יאסקע איז א לאכעדיקער פון קאפ ביז די פיס, אז ער איז פריי־לאך, אז ער לאכט, לאכט ער אפילו מיט די פיאטעס, און ער גיט א שפרונג צו זאלטען, כאפט זי ארום, מיט ביידע הענט און דריקט זי צו זיך, שטארק, וויפיל כוח און וויפיל גוטסקייט ער האט נאר אין

זיך. זלאטען ארט עס ניט, זי לאזט זיך, נאר באלד גיט זי זיך א כאפ און וויל אים אפשטייסן פון זיך:

— ניטע, יאסקע, לאז אפ!

נאר יאסקע טראכט אפילו ניט פון אפלאזן, ער דריקט זי נאך שטארקער צו זיך, און זיך צו איר, און זלאטע ווערט שוין כלומרשט אין כעס:

— טשעפע זיך אפ, ווי א פליג, ווארט, ווערסט זיך דערשפילן, מאירקע וועט נאך דיר אמאל צוברעכן רוק־און־לענד!

נאר מאירקע קוקט אויף זיי, אויףביידן, און האט פון זיי ביידן הנאה:

— ניין, איך וועל אים גארניט טאן...

און זיי לאבן זיך אלע פאנאנדער. ביידע, אי זלאטע, אי מאיר־קע, זיינען שטארק צוגעבונדען צו יאסקען, און זיי האלטן אים ביי זיך, ווי מען האלט א ברודער.

און יאסקע איז שוין טאקע איינמאל א יונג. ער קויפט אפ ביי מאירקען די אלטע, אויסגעדרייטע שטיוול, אבי זיי זיינען פון לאקיר און זיי גלאנצן, מאכט זיך נאך צו דעם א רויטע, א קומאַ־טשאַווע העמדל און ער איז זיך שוין א גאנצער גראף. דעם קאר־טוז מיטן גלאציקן דאשעק טראגט ער שטענדיק אויף א זייט, און פון אונטער דעם קארטוז שלאגט זיך ביי אים ארויס א קליינע ראד פון ווייבע, גערדיכטע האר, וואס נעמט קיילעכיק ארום זיין גאנצן קאפ.

יאסקע האט, פארשטייט זיך, א סך שיקסעס און מוידן, אזא פארשווין האבן אלע ליב, נאר די יונגע פאראסקע, וואס דינט ביי דעם אפטייקער פגרט נאך אים אפשר צען מאל א טאג.

און אט קומט זי צולויפן אין מיטן דערינען, אין מיטן העלן טאג, און רופט אים:

— יאסקע!

נאר יאסקע כאפט זיך ניט, ערווארט אפ א ווײלע און ערשט דערנאך קומט ער ארויס פון שטאל און לאכט איר אנטקעגן:

— וואס, פארביינקט זיך?

און די שיקסע, א יונגע און נארישע, באהאלט פון אים גארניט:

— יאָ !

יאָסקע האָט שטענדיק ביי זיך די געשמאַקע קאַראַמעליקעס. ער איז אַ גאַנץ פיינער נאַשער, און ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ צוויי־דריי און גיט עס איר :

— זיסע !

ביי דער שיקסע פלאַמען די באַקן, און נאָך די אויגן אירע נאָך זעט מען, אַז איר איז גוט, אַז זי איז גליקלאַך. זי עסט ניט די קאַראַמעלקעס, זי טוט גאַרניט, און יאָסקע שטייט נעבן איר, פּנים אַנטקעגן פּנים און זיי האָבן זיך איצט ביידע אַזוי ליב, אַזוי ליב.

נאָר די שיקסע גיט זיך פּלוצים אַ כאַפּ אויף פון אָרט, ווי אַ פייגל, און זי לויפט שוין צום טויער, אַ יונגע, אַ צאַפּלדיקע, לויפט און לויפט שוין אַרויס פון הויף.

זלאַטע מיט מאַירקען זיינען געשטאַנען ביים פענסטער די גאַנ־צע צייט און האָבן געקוקט אי אויף דער שיקסע, אי אויף יאָסקען, און אַז די שיקסע איז פּלוצלונג אַנטלאָפן און יאָסקע איז געבליבן, קען זיך שוין זלאַטע מער ניט איינהאַלטן און זי שרייט צו אים, דורכן פענסטער :

— וואָס איז, יאָסקעלע, האַ ? !

נאָר אַז אַ מענטש זאָל זיין מיט אַלע מעלות, איז גאָר הפּנים אויף דער וועלט נימאַ. יאָסקע איז טאַקע גוט און שיין און פיין, נאָר איין אומגליק איז פאַרט מיט אים : ער איז אַ גנב. מאַירקע ציילט, דוכט זיך, אליין איבער די פּאַרשוינען, און באַדינגט זיך מיט זיי אַליין, און אַז עס קומט צו וואָס פעלט פאַרט אַ פּערטעלע און אַמאָל טאַקע אַ גאַנצער האַלבער רובל אויך. מאַירקע כאַפּט זיך אויפן שטעל וואָס דאָ איז, און ער וויל אים שוין מכבד זיין, אַזוי אויף צו דער אמתן, ער זאָל האָבן צו געדיינקען, פאַר אַט אַזעלכע מעשים טובים, נאָר יאָסקע פאַרלויפט אים דעם וועג — ער שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ האַלבע קוואַרט בראַנפן :

— שאַ, גיי זיך נאָר ניט פאַנאַנדער, און גיב דיר אויך אַ זופּ !

מאַירקע זעט שוין, אַז ער וועט מיט אים גאַרניט מאַכן, אַ חולאת אַזאַ, און נאָכן האַלבן רובל מעג מען דאָך שוין סיי־ווי־סיי שטעלן אַ ליכטל, און ער גיט אים אַ שטייס אָפּ פון זיך, אַז יאָסקע קלייבט שיעור ניט די ציין :

— איך וועל דיך דורכטרייבן, ווי א הונט, גערדיינק, יאסקע!

מאירקע גייט ארויס פון שטאל, און יאסקע הויבט זיך אויף פון דער ערד און שטייט און קוקט אים נאך:

— ווילסט ניט קיין זופ, דארף מען ניט, מיינסט אודאי... מאכט זיך גרויס!

נאר פארדריסן פארדריסט עס אים פונדעסטוועגן יא אביסל, עס קומט עפעס אויס, אט ווי מאירקע וואלט אים דא אנגעשפיגן אין פנים אריין, נאר גארניט, ער טראכט ניט לאנג, ער נעמט באלד אליין די האלבע קווארט, שיסט ארויס פון איר דעם קארעק מיט איין זעץ אן דער לאדאניע און טרינקט גלייך פון פלעשל מיט א לאנגן אטעם. און דערנאך גיט ער זיך א קער אום צו שמואלן און זאגט אים:

— ווילסט?

שמואל ציט אויס א האנט, נעמט ביי אים די האלבע קווארט און טרינקט — רואיק, בארעכנט.

יאסקע צושפרייט זיך אויף די אנגעווארפענע היי, און שמואל זיצט אן א זייט פון אים, אויף דעם איבערגעקערטן קלאץ.

אין שטאל ברענט א פארויכערטע לאנטערנע, און די היי וואו יאסקע ליגט איז א פרישע, א שמעקעדיקע, און יאסקען דרייט זיך שוין שטארק דער קאפ, נאר אין מוח איז ביי אים איצט גראדע קלאר, ליכטיק. און ער קוקט אויף שמואלן, לאנג, און וויל אים זאגן:

—פאר וואס ביסטו אזא פאסקודנער? טו מיר א טובה, זיי ניט אזא פאסקודנער, וואס ארט דיך?

יאסקע ווערט שטארק צעווארימט, אז ער וואלט אים איצט געקענט אוועקגעבן אלץ וואס ער פארמאגט נאר, אפילו — פאראס־קען אויך! ער וויל?

יאסקע פילט ניט, צי ער טראכט דאס נאר ביי זיך, צי ער זאגט דאס טאקע הויך, אויפן קול, נאר שמואל הויבט זיך פלוצלונג אויף פון קלאץ, גייט צו אים צו, בויגט זיך אן, און גיט א שאס אויף אים מיט ווערטער, ווי שטיינדלאך:

— דו זיי נאר ניט אזוי מיט מיר, הערסט, א נייער פאני־בראט!

שמואל גייט ארויס פון שטאל און יאַסקע בלייבט אַליין. ער האָט שטאַרק אויף אימעצן רחמנות, מיטן גאַנצן הארצן, נאָר עס דרייט זיך אים דער קאָפּ, און ער מאַכט צו די אויגן און שלאָפט באַלד איין, ווי א דערהרגעטער.

אין שטאַל ברענט א פאַרויכערטע לאַנטערנע, און יאַסקע שלאָפט שטיל, אַן א כראָפּען, און שמואל שטייט אויפן שוועל און אין דרויסן איז פינצטער ווי אין אַן אויג. דער הימל איז טרוקן און שוואַרץ, ווי פאַרזשאַווערטע בלעך, און פון ערגעץ, פון דער פינ־צטער רייסט זיך שוין דער פאַרטאָג מיט א שטילן ווינט, וואָס גיסט זיך ווי וואַסער.

שמואל שטייט א קאַלטער, א האַרטער, איז אויף קיינעם ניט אין כעס, און שילט קיינעם ניט.

ער גייט אריין אין שטוב, צו זיך אין אַלקער, און ציט זיך אויס אויפן געלעגער, און ליגט מיט אָפענע אויגן און הערט זיך איין צו אַלץ, וואָס ער קומט פאַר אי אין שטוב, אי אין דרויסן.

זלאַטע באַקט היינט חלה און זי איז אויפגעשטאַנען א שעה פאַרטאָג און זי גייט איצט ארום איבערן שטוב א באָרוועסע און טוט דאָס און טוט יענעס. זי הערט זיך איינגאַנצן ווי זי איז, א שטאַרקע, א געזונטע.

שמואלן קלעמט שטאַרק דאָס האַרץ, נאָר ער ליגט אַן אויס־געצויגענער, מיט צוגעמאַכטע אויגן און אָטעמט שטיל און גלייך.

ביז ער הויבט זיך פּלוצלונג אויף, ווי פון א שטויס אין זיך אינוויייניק, און קומט אריין אין קיך. זלאַטע דערזעט אים, נאָר זי פרעגט ביי אים גאָרניט און וואונדערט זיך אויף גאָרניט. און שמואל שטייט און קוקט.

די טיר פון זלאַטעס אַלקער איז אינגאַנצן אָפן, און עס זעט זיך דורך דער אָפענער טיר, ווי מאַירקע ליגט דאָרט ביי זלאַטען אין בעט און שלאָפט א גליקלאַכער.

שמואל האָט צו קיינעם גאָרניט, ווינטשט קיינעם ניט קיין שלעכטס, ער קוקט אפילו ניט אויף זלאַטען, נאָר — — גאָרניט!

און זלאַטע וואַרט. זי דאַרף שוין אריינזעצן די חלה אין אויוון,

נאר זי וויל עס ניט טאָן פאַר שמואלן אין די אויגן, און זי וואַרט, אַז ער זאָל ארויסגיין פון קיך. זי ווייסט : אַז שמואל וועט נאָר אַ קוק טאָן אויף דער טייג, וועט די טייג באַלד איינפאַלן — אַט אַזאַ אויג האָט ער !

IX.

אָט אַזוי גייט זיך דאָס לעבן, גייט זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אַלעמען איז וואויל און גוט, און יעדער איינער האָט זיך זיין מזל, ביז איין מאָל — — —

עס איז אַ פּאַרנאַכט. די זון זעצט זיך אַ רויטע, אַ פלאַמיקע, גיסט מיט אַ שטילקייט, און אין דער לופטן זיפּט זיך עפּעס, דין ווי זיידנס, און מיט אַ זיידענעם רעש.

אין הויף איז שטיל, עס הערט זיך נאָר, אַז ער איז ליידיק — מען איז אַקערשט ארויסגעפאָרן צו דער סטאַנציע. זלאַטע איז אַליין און זי שטייט פאַרן טויער. זי איז אַ פולע, אַן אָנגעגעסענע און עפּעס איז אומרואיק אין איר, ווי אין דעם שטילן פאַרנאַכט, אונטער דער פלאַמיק־רויטער זון, וואָס זעצט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

שוין פון לאַנג, אַז זלאַטען ווערט אַ מאָל אומעטיק, פּלוצלונג אַזוי און אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַר־ווען. טרעפן טרעפט עס מיט איר שטענדיק כמעט נאָר אין די אָוונטן, ווען זיי אַלע פאָרן אַוועק צו דער סטאַנציע און זי בלייבט איינע אַליין, אי אין דער גרויסער שטוב, אי אין דעם גרויסן, אויסגעליידיקטן הויף.

זי שטייט פאַרן טויער, פילט ניט וואָס זי טראַכט, אַז זי טראַכט, און טראַכטן טראַכט זי וועגן איר פריערדיקן לעבן, ווען זי האָט געדינט אין די נאַמערעס.

עס דערמאָנען זיך איר טעג און אָוונטן — גוטע, פריילאַכע. זי איז שטענדיק געגאַנגען אַן אויסגעפּוצטע און מען פלעגט איר שטענדיק זאָגן :

— איר זייט זייער אַ שיינע, זייער !

מען האָט געזעצט צו איר איידל, און מען האָט זיך באַנומען צו איר איידל, שטענדיק איידל און פיין. און איצט ? זי האָט זיך נאָך קיין איין מאָל אפילו ניט צוגעקליבן, פון זינט זי האָט חתונה געהאַט, איז קיין איין מאָל ניט געגאַנגען שפּאַצירן, זי זעט ניט קיינעם און קיינער זעט זי ניט. וואָס איז עס פאַר אַ לעבן ?

זי טראַכט וועגן דעם אַלעמען מיט אַ מיידלשער בייַנקשאַפט. נאָר זי כאַפּט זיך באַלד וואָס אַזוינס זי טראַכט און זי ווערט אַ פאַרציטערטע. זי ווייסט, אַז זי טאָר עס ניט טאָן, זי טאָר ניט. זי קען זיך נאָך אומגליקלאַך מאַכן !

זי גיט זיך אַ כאַפּ, וויל אויף דער גיך עפּעס איבערלאָזן, דאָ אויפן גאַס, און אַליין אַריינגיין אין שטוב און פאַרמאַכן די טיר, און לייגן זיך שלאָפן, ווי זי טוט עס שטענדיק, יעדן אָוונט, נאָר היינט — זי רירט זיך עפּעס ניט פון אָרט.

זי שטייט ווייטער פאַרן טויער און עס דערמאָנען זיך איר ווייטער יענע טעג, יענע אָוונטן, די גוטע, די פרייליכע. אַז עס זיינען געווען אויך אַנדערע טעג, מיאוסע און שלעכטע, אַך ס'אַרא שלעכטע, וועגן דעם טראַכט זי עפּעס ניט. זי געדיינקט זיי איצט ניט.

און ווי זי שטייט אַט אַזוי, און טראַכט אַזוי, שוין ווייסנדיק וועגן וואָס זי טראַכט און נאָך וואָס זי בייַנקט, ערשט עס טראָגט זיך איר אַנטקעגן פון דער ווייטנס, דער אַלטער טעלעגראַפיסט. ער האָט זי דערזען נאָך פון דער צווייטער גאַס, און ער האָט זיך אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט זיך אַזש אַ לאָז געטאָן צו איר לויפן, ווי אַ אינגל :

— אַך, זלאַטע, אַט־אַ־דאָ זייט איר הייסט עס, געפונען ! און איך האָב געמיינט... אַט ניט געריכט זיך !

ער דריקט איר די האַנט און פאַרנויגט זיך פאַר איר, ווי פאַר אַ באַרישניע, און זי פאַרשעמט זיך פאַר אים. פאַרוואָס זי איז אַזוי אַנגעטאָן, איז ניט צוגעקליבן.

און דער טעלעגראַפיסט קוקט זי שטאַרק אָן מיט זיינע גענייטע אויגן און דערזעט באַלד, אַז זי איז נאָך שענער געוואָרן, זאָל ער שטאַרבן, אַז זי איז אַ סך שענער געוואָרן !

דער טעלעגראַפּיסט איז אַ סטאַטנער פּריץ, מיט גלייכע, אַפּיצערישע אַקסלען, מיט אַ זילבערנער באָרד און מיט יונגע אויגן. ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט וואָס געזוכט און ער דערזעט טאַקע באַלד, אַז די שיינק שטייט אויף יענער זייט גאַס.

— איין מינוט!

ער לויפט אַוועק אין שיינק און באַלד קערט ער זיך אום צו־ריק מיט אַ גרויסער פלאַש ווײַן און מיט אַ קלענערער פלאַש בראַנפן.

זיי גייען אַריין אין שטוב, און זלאַטע פאַרדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטוך, און עס ווערט מיטאַמאָל יום־טובדיק, זייער יום־טובדיק.

דער טעלעגראַפּיסט גיסט אָן צוויי פולע גלעזער, און ער הויבט זיך אַזש אויף פון אָרט, ער שטעלט זיך אַזש אויף:

— פאַר אייער געזונט!

און זלאַטען איז אַזוי גוט פון דעם, ווי אַזוי ער איז צו איר, און זי זאָגט עס אים:

— אַ דאַנק!

דערנאָך זיצן זיי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און דער טע־לעגראַפּיסט איז אויפגעלייגט און איידל און זלאַטען קלאַפּט דאָס האַרץ, אַז עס הילכט אָפּ מיט אַ טויבקייט אין אירע ביידע אויערן. זי טוט, דוכט זיך, גאָרניט, נאָר זי ווייסט, אַז זי טאָר עס ניט טאָן, זי טאָר ניט, עס קען נאָך פון דעם אַרויסקומען דער גרעסטער אומגליק, נאָר ניט טאָן קען זי ניט, עס איז איר אַזוי גוט און זי זשאַלעוועט עפּעס, וויל ניט פאַרלירן.

און זי זיצט ווייטער מיטן טעלעגראַפּיסט, און ער ציט טאַקע באַלד אויס אַ האַנט און וויל זי אַרומנעמען, נאָר זי גיט זיך גלייך אַ כאַפּ: זי טאָר מען שוין מער ניט טשעפּען, מען טאָר ניט! נאָר דער טעלעגראַפּיסט האָט זיך הפּנים געריכט אויף דעם, און ער ווערט ניט נתפּעל, ער לאַכט זיך גאָר הילכיק פאַנאַנדער, גלייך איר אין פּנים אַריין. ניט וואָס ער לאַכט פון איר אָפּ, חס־ושלום, נאָר גלאַט אַזוי, ער לאַכט ווייל עס איז אים איצט זייער גוט, און אַז ער לאַכט אָט אַזוי, לאַכט זי שוין אויך מיט אים מיט.

און זיי טרינקען ווייטער אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, און זי לאָזט

זיך שוין ארומנעמען, און ער האלט זי טאקע ארומגענומען, שטארק לעבן זיך, און פרעגט ביי איר ווי זי לעבט, וואס זי טוט, און זי דערציילט אים, ווי גוט איר איז, ווי זי האט חתונה געהאט פאר מאירקען, און ווי ער האט זי ליב, ער שטארבט נאך אירע טריט !

דער טעלעגראפיסט הערט וואס זי דערציילט אים און פרעגט ביי איר צום סוף :

— נו, או דו אים ? האסט אים אויך ליב ?

זלאטע קוקט אים אן און פארשטייט נים : זי האט שטענדיק געטראכט, אי פאר דער חתונה, אי נאך דער חתונה, אז מאירקע דארף זי ליב האבן, אז ער זאל זי ליב האבן, אבער אז זי אים דארף אויך ליב האבן, וועגן דעם האט זי גאר נים געטראכט, דאס האט זי גארניט געוואוסט, אז זי דארף. נאר דער טעלעגראפיסט לאזט איר איצט לאנג נים טראכטן, ער גלעט זי, ער קושט זי, אז עס קען צענעמען נים נאר א לעבעדיקן מענטשן, נאר אפילו א שטיין. און זלאטע ווייסט טאקע נים וואס מיט איר איז, אט ווי זי וואלט ערשט נעכטן געבארן געווארן. זי איז א פרעמדע צו זיך אליין, און זי גיט זיך מיט אמאל אווארף צום טעלעגראפיסט, און בייסט זיך איין אין זיין מויל, אין זיינע ליפן.

X.

און מאירקע פארט זיך פון דער סטאנציע. די נאכט איז א בלויע, און דער וועג, א זאמדיקער, גרויט אין דער בלויקייט און ווערט פארלארן אין דער בלויקייט, צוגייט.

שטענדיק, אז מאירקע קומט אהיים פון דער סטאנציע, איז געדיכט פינסטער אין דרויסן, עס קלייבט זיך שוין דער פארטאג. ביי זלאטען איז דעמאלט דער בעסטער שלאף, ביי יעדן מענטשן איז דאך פארטאג דער בעסטער שלאף, און מאירקע קומט שטיל אריין אין שטוב, רירט זיך פאמעלאך און טוט זיך אויס פאמע-לאך, נאר זלאטע דערפילט באלד זיין קומען, זיין אויסטאן זיך:

— מאירקע, דו ?

מאירקע גיט זיך א כאפ, ווערט נאך שטילער און נעמט אויף גיך און לייגט זיך אריין צו איר בעט, און די בעט ביי איר איז אזא ווארימע און א צוגעגרייטע פאר אים. זלאַ־טע עפנט מיט אמאל די אויגן, עפנט זיי גרויס, און גיט זיך אינ־גאנצן א צי אויס מיט אלע אירע דורכגעווארימטע און אויס־געדרוטע אברים. זי ציט זיך לאנג און פויל און מיט אזא לייב־לאכער הנאה, און פרעגט ביי אים:

— ביזט שוין לאנג געקומען ?

מאירקע וויל איר ענטפערן, נאר עס איז אים אזוי גוט, אז עס פארגייט אים אזש די נשמה און ער ליגט און גיט אפילו ניט קיין פיפס.

זלאטעס לייב איז א גלאטער ווי סאמעט, און מאירקע שלאפט דערנאך שפעט, שלאפט אריין ביז אין רעכטן מיטן טאג און ווען ער שטייט שוין אויף, דרייט זיך זלאטע ארום איבער דער שטוב, אין א קאפטל, מיט נאקעטע הענט, מיט פולע אפגעדעקטע פלייצעס, און אירע שטייפע, הויכע ברוסטן פרעסן זיך קיילאכדיק ארויס פון אונטער דער העמדל, וואס זינגט אויף איר, און אינגאנצן איז זי אנגעטאן אין איין דינער אונטער־קליידל. זי איז, דוכט זיך, אלעמאל די זעלביקע, נאר אלעמאל עפעס אן אנדערע, א נייע. — — —

מאירקע טראכט ניט וועגן דעם אלעמען, פארנדיק אהיים פון דער סטאנציע, נאר ער ווייסט עס. און די נאכט איז היינט א קלארע, ווי פון א דורכגעזיפטער בלויקייט, און דער וועג איז א ווייכער, און די פערדלאך טראגן זיך גרינג, ווי געשוואומען, און עס קלאפט ניט און עס רוישט ניט. א קליין שטערנדל רייסט זיך אפ אויפן הימל און לויפט און ווי אן אויסגעשאסענער און ווערט ניט.

די פארשוינען, וואס מאירקע פירט פון דער סטאנציע, שמועסן צווישן זיך, רעדן וועגן דעם און וועגן יענעם. מאירקע הערט יא וואס זיי רעדן און הערט ניט וואס זיין רעדן. עס דוכט זיך אים נאר, אז זיי זיינען אלע נאראנים. און אט שווארצט שוין דער וואלד. די פארשוינען ווערן אנטשוויגן, עס ווערט שטיל און מען

פֿאַרט אַריין אין וואַלד. צום אָנהויב זעען זיך נאָך באַזונדערע בוימער, אָפּגעטיילט איינס פֿון איינס, און די בוימער שטייען ווי לעבעדיגע און שוויַיגן ווי לעבעדיגע. און דערנאָך הויבט שוין זיך אָן דער וואַלד, פֿון ביידע זייטן וועג, ווי צוויי האַרטע, פֿאַרגלי־ווערטע ווענט. מאַירקע ווייסט ניט וואָס און ווען. נאָר עפּעס גיט עס אים מיטאַמאָל אַ צופּ אַזוי ביים האַרצן, און ער גייט שוין אוים מיט די ביינער, אַזוי פֿאַרווילט זיך אים צו זלאַטען, שוין. באַלד, די זעלביקע מינוט. און מאַירקע, אַז עס פֿאַרווילט זיך אים עפּעס, טראַכט ער ניט לאַנג, און עס ווערט ביי אים באַשאַפֿן איינס און צוויי: ער גיט אַ נעם די לאַנגע בייטש, אַ קנאַק מיט איר אין דער לופֿטן, און אַ ציִ אַן די לייצעס און די פֿערדלאַך — זיי שווי־מען שוין מיט זייערע דינע, אָנגעצויגענע קערפּערס, זיי שלינגען דעם וועג.

דער וועג שלינגלט זיך באַלד אַרוים פֿון וואַלד און עס ווערט ליכטיק פֿאַר די אויגן און גרינג אויף דער נשמה. מאַירקע קנאַקט מיט דער בייטש און דאָס קנאַקן קלינגט ווי אַ גלעקל, און דאָס קלינגען טראָגט זיך פֿאַנאַנדער אין דער שטילער נאַכט, הילכט ווייט און לאַנג און הילכט אָפּ אין מאַירקען, טיף אין זיין בלוט.

די פֿערדלאַך טראָגן זיך ווי אָדלערס און אין מאַירקען קוועלט דאָס האַרץ. און מאַירקע, אַז ער צולאָזט זיך נאָר, מוז עס שוין זיין אינגאַנצן, ביז אין סוף אַריין. און די פֿערדלאַך טראָגן זיך שוין אַט אַזוי אַן אָפּהאַלט דעם גאַנצן וועג און מאַירקע קומט היינט אַהיים אפשר מיט גאַנצע אַנדערהאַלבן שעה פֿריער איידער אַלע־מאָל.

ער לאָזט איבער די פֿערד אין מיטן הויף, אפֿילו מיט דער צוים אין מויל, און לויפֿט גלייך צום הויז. ער שפּאַרט אַריין אַ האַנט אין דער הינטער־לאָך, וואָס ביי דער זייט און וויל עפֿענען די טיר. ווי ער טוט עס שטענדיק, אַבי זלאַטע זאָל ניט דאַרפֿן אַראָפּקריכן פֿון בעט, זאָל אים ניט דאַרפֿן גיין עפֿענען, נאָר היינט שלעפּט ער די קלאַמקע, דרייט זי אַהין און דרייט זי אַהער, ערשט די טיר איז נאָך פֿאַרשלאָסן טאַקע אויף צו דער אמתן. ער ציט צו־ריק אַרוים די האַנט, קוקט אַ צוטומלטער און פֿאַרשטייט ניט:

וואס קען דא זיין ? וואס עפעס פאר א נייס ? נאר צו וואס דאס לאנגע טראכטעניש, ער גיט בעסער א זעץ אין טיר:

— עפן!

ער שטייט און ווארט, נאר קיינער עפנט אים ניט, און עס הערט זיך גאר ניט.

— זלאטע!!

ער קלאפט און רופט און ווארט און הערט זיך שטארק איין, נאר אין שטוב איז שטיל און פוסט, אט ווי אויסגעשטארבן. ער ווייסט נים וואס ער זאל ווייטער טאן, און ער הויבט זיך שוין טאקע אן צו שרעקן אויך: מאלע וואס עס קען אמאל טרעפן? און ער קלאפט און שרייט שוין מיט אלע זיינע כוחות: — עפן! וואס איז דארט! עפן!

ער ווארט מיט א פארכאפטן אטעם און אין שטוב הויבט זיך באלד אויף א שטילער טומל, אן איינגעהאלטענער רעש, און מאירקע כאפט עס באלד אויף, און ער לאכט שוין פון זיך אליין מיט א שמייכל, פארוואס ער האט זיך געשראקן.

ער הערט ווי עס שארן זיך טריט, און ער ווייסט דאך, עס איז זלאטע און ער וויל זי שוין א רוף טאן ביים נאמען אפילו, נאר דא בלייבט ער פלוצלונג, אט ווי מען וואלט אים מיט עפעס דערלאנגט איבער'ן מוח. פון שטוב קומט גאר ארויס נים זלאטע, נאר דער אלטער טעלעגראפיסט — מאירקע קאן אים זייער גוט.

מאירקע וויל א געשריי טאן, און אפשר גיט ער טאקע א געשריי: וואס איז דא?!

ביי דעם טעלעגראפיסט גלאנצן די אויגן, און מאירקע שטיים אויפן רעכטן מיטן שוועל און דער טעלעגראפיסט קנייטש זיך אהין און אהער, און קען נים דורכגיין. נאר ער שווייגט. און מאירקע קוקט און שווייגט אויך. און זיי שטייען ביידע הארט איינער אנטקעגן דעם אנדערן. ביז דעם טעלעגראפיסט ווערט שוין עפעס נמאס און ער נעמט אן א פולן אטעם און שיסט אוים:

— זייט זשע מוחל!

מאירקע רוקט זיך אפ אביסל אן א זייט, ווי געצווינגן אויף א

דראַט, און דער טעלעגראַפיסט גליטשט זיך דורך האַרט פאַרביי און לאָזט זיך אויף ניך גיין צום טויער. ער אַנטלויפט ניט, ער גייט נאָר אויף ניך און מיט שטאַרקע, באַרעכנטע טריט און מאירקע שטייט ווי אַ ליימענער און קוקט — דאָ צום טויער, וואו דער טעלעגראַפיסט איז אַקאָרשט ניט געוואָרן און דאָ אין דער אָפּענער טיר, אין שטוב אַריין. נאָר אין שטוב איז קיינעם ניטאָ און אין הויף איז אויך קיינער ניטאָ, און מאירקע הויבט אויף אַ האַנט און גיט זיך אַ וויש דעם שטערן. דער שטערן זיינער איז ביי אים קאַלט און אין שוויים. מאירקע רעדט עפּעס צו זיך אַליין. ער פילט ווי ער מאַכט מיט די ליפּן, נאָר הערן הערט ער גאָר ניט. און אַרום איז פּוסט, אויסגעליידיגט, נאָר ראַשיג אַזוי. אַט ווי ערגעץ וואו, ניט ווייט פון דאַנען, וואַלט שיטער געדרעגנט מיט פּלאַטשיקע שטיקלאַך בלעך. און אפשר קלאַפּן עס נאָר די שלייפן זיינע, דער מוח זיינער, און מיט אַמאָל — צי ער דערמאַנט זיך אָן וואָס, צי ער דערזעט פאַר זיך וואָס, נאָר עס גיט אים שוין אַ טראָג אין דער לופטן און ער יאָגט שוין אַריין אין שטוב, אַן אָפּגעריסענער פון אַ קייט:

— זלאַטקע!!

אין אַלקער ביי זלאַטען איז פינצטער, ווי שטענדיק, און זלאַטע ליגט ביי זיך אין בעט און שלאָפט, אויך ווי שטענדיק. נאָר זי כאַפּט זיך באַלד אויף פון זיין געשריי און נעמט, פויל אַזוי, און ציט אויס צו אים אירע ביידע הענט. אירע נאַקעטע אָרעמס, און גיט זיך איינגאַנצן אַ הויב אונטער פון די קישנס. אַז די ליילאַך, מיט וואָס זי איז צוגעדעקט, גליטשט זיך אַראָפּ פון איר ביז האַלב, און זי וואַרט אַט אַזוי־אַ אויף אים, מיט אירע אָפּגעדעקטע ברוסטן און מיט איר וואַרעמען לייב, וואָס איז פול מיט נאַקעטקייט:

— דו, מאירקע?

דער שלאָף היינגט נאָך ביי איר כלומרשט אויף די אויגן. אויף די ליפּן, און זי רופט אים צו זיך שטיל, ווי אַלעמאָל:

— ביזט היינט פרי געקומען, שוין לאַנג, אַז דו ביזט געקומען?

זי מאַכט זיך ווי געפּגרט, טאַמעוואַטע, און פון מאירקען

פאַלט מיט אַמאָל אַראָפּ דער גאַנצער כעס זיינער, ווי אַ שטיין פון אַ באַרג, און עס ווערט אים אַזוי, אַז כאַטש נעם און שיס אויס אין אַ געלעכטער. ער איז ניט צוטומלט, פון גאַרניט, ער זעט, אַז זי שפּילט מיט אים, נאָר עס אַרט אים ניט, גראָדע פאַר־קערט, עס געפעלט אים גאָר, און ער וויל איר אַזש אונטערגע־בען חשק, ער וויל איר זאָגן :

— פּראַוועסט שיין די קאָמעדיע !

נאָר זלאַטע לייגט זיך שוין צוריק אַנידער, זייער שטיל, ווי זי וואָלט זיך שטאַרק געהיט, אַז זי זאָל וואָס ניט אַנרירן. נאָר מאַירקע טוט איר נאָך גאָרניט. ער שטייט נאָר פון דערווייטן און קוקט אויף איר פון דערווייטן. מער גאָרניט. נאָר ער טוט עס לאַנג, ציט עס לאַנג, ווי מיט אַ כיון, ווי ער וואָלט געהאַט פון דעם הנאה און זלאַטע וואַרט דערווייל, וואַרט און וואַרט. דאָס האַרץ אירס קלאַפּט גיך און צוברעקלט, און זי זעט דאָך שוין : זי איז אַ פאַרפאַלענע. נאָר זי וועט עס אַריבערקומען. און ווען זי וואָלט נאָר ניט געציטערט אַזוי, ווען זי וואָלט נאָר ניט מורא געהאַט, וואָלט זי אים נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן צו זיך :

— מאַירקע !...

און מאַירקע שטייט פון דערווייטן און קוקט אויף איר פון דערווייטן. עס דוכט זיך אים, אַז עס איז שוין פון לאַנג, אַז עס איז שוין אַן אַלטע מעשה, און ער ווייסט דאָך, שוין פון לאַנג, אַז ער וועט זי איבערלאָזן, זי מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, און וועט אוועקגיין פון דאַנען, אינגאַנצן. און ער לאָזט זיך טאַקע אוועקגיין. ער מאַכט שוין אַ טראָט, נאָר דאָ שטויסט ער זיך אָן מיטן טיש, און אויפן טיש שטייט דער לאָמפּ, וואָס ברענט נידעריק, אַריינ־געדרייט. מאַירקע נעמט אַריין דעם לאָמפּ, האַלט אים שטאַרק, און גיט אַ דריי אַרויס דעם קנייט, אַז אַקאָרשט וואָס עס פּלאַצט ניט דאָס גלעזל, און דער גאַנצער לאָמפּ ווערט ווי אַ קוימען—עס נעמט פון אים שפּאָרן אַ שוואַרצער רויך.

מאַירקע שטעלט צוריק אַוועק דעם לאָמפּ און קוקט און זוכט וואָס נאָך ער זאָל טאָן, נאָר ער געפינט ניט וואָס, און ערשט איצט, ווייסט ער, דאַרף ער זיך נעמען פאַר זלאַטען. און ער גיט זיך טאַקע אַ קער אום צו איר, אַ רואיקער, אַ באַרעכנטער, און

זלאַטע כאַפּט און מאַכט צו די אויגן, ווי נאָר ער גייט צו איר צו. אַז זי וועט ניט זען וואָס און ווען, וועט אפשר זיין אַנדערש, וועט איר אפשר זיין גרינגער. און ער שטייט איבער איר און קוקט אויף איר:

— בליאַד!

ער טרעפט איר מיט דעם ווי מיט אַ ציגל אין בויך אַריין. און זי גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן בויך מיט אירע ביידע הענט און נעמט זיך דרייען און קאַרטשען, ווי פון אַ ווייטיק, וואָס זי קען ניט אַריבערטראָגן, נאָר מאַירקע גיט אַ ריס פון איר די ליילאַך, כאַפּט זי אָן פאַר ביידע פיס און — אַ פּראַל מיט איר אויף דער פּאַדלאָגע.

זלאַטע שטשירעט צונויף די ציין און לאָזט אפילו ניט אַרויס קיין פּיפּס און מאַירקע זעצט אין איר מיט זיינע קולאַקעס, ווי אין אַ פּוסטער פאַס. זלאַטעס לייב איז אַ פולער, אַן אויסגע־פילטער און אַזאַ ווייכער און גלאַטער, ווי סאַמעט, און מאַירקען רייצט עס ביז משוגעת און מאַירקע, אַז ער ווערט נאָר משוגע, קען ער אָוועקלייגן אַן אָקס. און ביי מאַירקען רירט זיך טאַקע דער מוח, און זלאַטע גיט זיך צום סוף אַ צאַפּל, מיט איר גאַנצן קערפּער און בלייבט ליגן אַ טויטע.

דער לייב אירער ווערט אָפּגעלאָזן, צוקראַכן, ווי רויע פליישׁ וואָס האָט אין זיך גאָר קיין קראַפט ניט און מאַירקע דערפילט עס, אונטער זיינע הענט, נאָר ער גיט איר נאָך פונדעסטוועגן אַ זעץ אונטערן האַרצן און אַ רוק אין זייט. ער וויל טאַקע וויסן, אַז ער האָט זי דערהרגעט.

דערנאָך הייבט ער זיך אויף, שפּאַנט איבער איר אַריבער און גייט אָפּ צום טיש. ער קוקט און די ערשטע זאַך, וואָס ער דערזעט איז, אַז דער לאָמפּ שטייט אויפן ברעג טיש און רויכערט שטאַרק. מאַירקע קוקט אויף דעם, וויל זיך אָן עפּעס דערמאָנען, נאָר ער קען ניט, און ער ציט אויס אַ האַנט און מאַכט צורעכט דעם לאָמפּ. דערנאָך נעמט ער אַ ביינקל און זעצט זיך אַנידער. ער אָטעמט רואיק, נאָר מיט גרויסע שטיקער, אַזוי אָטעמט מען נאָכדעם, ווי מען האָט זיך געשמאַק אָנגעהאָרעוועט.

און זלאַטע ליגט אַ טויטע. זי ליגט ביי זיינע פיס, אַ

פאנאנדערגעווארפענע, א צעשפרייטע, און מאירקע ווייסט אלץ אזוי קלאר, אז ווען אימעצער פרעגט ביי אים איצט:

— וואס האסטו געטאן?

וואלט ער יענעם רואיג געקוקט אין די אויגן אריין און וואלט אים קלאר געענטפערט:

— איך האב זי דערהרגעט. עס קומט איר.

נאר זלאטע גיט זיך פלוצלונג א צאפל, אינגאנצן, פון קאפ ביז די פיס, אט ווי מען וואלט אויף איר, א שלאפיקער, א שפריץ געטאן מיט קאלטע וואסער. מאירקע דערזעט עס, דער־פילט עס, און עס גיבן זיך ביי אים א צי־אן אלע זיינע אדערן און ער בלייבט אט אזוי און ווארט און ווארט, און זלאטע נעמט טאקע באלד, טויטערהייד און עפנט א פאר גרויסע אויגן, גלייך אויף אים. מאירקע ווערט א פארציטערטער, וויל א געשריי טאן, נאר ער כאפט זיך, אז ער קען ניט. דער גאנצער מויל זיינער איז פול מיט א זיסער שפייעכץ און ער קען עס ניט אראפשלינגען און קען עס ניט אויסשפייען:

— גוואלד!!

ער האלט זיך שטארק אן פארן טיש, מיטביידע הענט, אז ער זאל זיך אינגאנצן ניט פארלירן, אינגאנצן ניט אנווערן. און ער מאטערט זיך, מאטערט זיך אויפן טויט, נאר ער קען שוין ניט כאפן דעם אטעם, קען שוין ניט שרייען — עס דער־ווערגט אים.

און זלאטע מאכט צוריק צו די אויגן און ליגט נאך א וויי־לע, א טויטע, און דערנאך זעצט זי זיך אויף, און אז זי זיצט שוין, ציט זי אויס א האנט, א פוס, און גיט זיך א גלעט א ברוסט. זי איז א לייזע, א צושוואומענע, אז זי קען זיך אליין ניט אנטאפן.

מאירקע קוקט אויף איר, קוקט לאנג, און עס הויבט אים מיט אמאל אן צו קלאפן די הארץ זיינע, א פריער שטיל דערנאך העכער, ווי עס וואלט געקומען פון דער ווייט, פון דער טיף, און עס ווערט אים היים אין קאפ, און ער דערפילט, אז ער לעבט, אז ער איז א לעבעדיקער:

— זלאטע!...

ער איז קראַנק, טויט־קראַנק, און ער רופט זי צו זיך, נאָר קיינער גייט צו אים ניט צו.

— זלאַטע!...

ער וויל זיך אַראָפּלאָזן צו איר, אַנידערזעצן זיך לעבן איר און ווערן אַזוי ווי זי איז, אַבי ניט זיין אַליין. נאָר עס ברעכט אים שטאַרק דער גאַנצער קערפּער זיינער, ער קען ניט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר און ער פילט, ווי עס קלעפּן זיך אים די אויגן.

אין אַלקער איז שטיל, אַז עפּעס קלינגט אין דער שטילקייט. און מאירקע זינקט, פאַלט אַריין אין אַ שלאָף, פילנדיק, אַז ער שלאָפט ניט, האַלטנדיק אָפן די אויגן, און עס חלומט זיך אים עפּעס און ער זעט עפּעס ווי אין אַ חלום, און זלאַטע זיצט אויף דער פּאָדלאָגע, זיצט און זיצט און פּלוצלונג רייסט זי פאַנאַנ־דער דעם מויל, וואָס איז ווי אַ גרויסע, פאַרבלוטיקטע לאָך:

— דערהרגט! גזלן! ראַטעוועט!

זלאַטע רייסט עס טיף אין זיך, פון בויך אַרויס, און מאיר־קע הערט וואָס זי שרייט, נאָר ער קען דאָ עפּעס ניט פאַרשטיין. קען ניט באַנעמען און ער פּרעגט עפּעס ביי איר, בעט זיך ביי איר. ער קוקט זיך שטאַרק אין איר איין, ער מעג דאָ אפילו אויסגיין מיט די ביינער, נאָר ער מוז וויסן, און ער דערזעט זי צום סוף, דערקענט זי. זי זיצט אויף דער פּאָדלאָגע אינגאַנצן אַ צושלאָגענע, אַ צוהאַרגעטע, און אינגאַנצן אַ נאַקעטע, די נאַ־קעטע העמד אויף איר איז צוריסן, צופּיצלט, און מאירקע ווייסט שוין אַלץ אַזוי קלאָר, ווי ביי זיך אויף דער לאַדאָניע. נאָר זי רעוועט נאָר אַלץ, ווי אַניט־דערקוילעטע בהמה:

—דערהרגעט! אויף טויט!

מאירקע הויבט זיך אויף, גייט צו איר צו, וויל זי אויפ־הויבן פון דער פּאָדלאָגע און אַריינלייגן אין בעט, נאָר אַז ער דערפילט זי נאָר נאָענט לעבן זיך, נעמט ער אָן אַ פולן מויל מיט בלוט און מיט שפייעכץ, ניט געריכטערהייט פאַר זיך אַליין, און גיט עס אַ שפּיי אַרויס אויף איר, איין מאָל און נאָך אַמאָל. נאָר זלאַטען אַרט עס ניט, זי פילט איצט גאָרניט, זי גיט זיך אַ וויש אָפּ דעם שפּיי מיט אַ פרעמדער האַנט, און שרייט ווייטער

אין דעם זעלבן אָטעם, און מאירקע קען זי שוין מער ניט אַנ־
קוקן, עס קערט אים פון איר די גאַל, און ער גייט אינגאַנצן
אַרויס פון הויז.

זלאַטע בלייבט אַליין און זי יאָמערט נאָך אַ ווײַלע און
דערנאָך הויבט זי זיך אויף פון דער פּאָדלאָגע און דערשלעפּט זיך
צום טיש. זי קוקט אויף זיך פאַרן לאָמפּ, קוקט זיך אַרום פון
קאָפּ ביז די פּיס. זי טאַפּט זיך מיט ציטעריקע, מיט געטרייע
הענט די אייגענע אבֿרים, דעם אייגענעם לייב, און ערשט איצט
ווערט איר אַזוי שטאַרק ניט גוט, גאָר ניט פון די קלעפּ און גאָר
ניט פון דעם ווייטיק, וואָס טוליעט זיך און קלעמט אין אַלע
אירע ביינער, נאָר גאָר פון עפּעס אַנדערש און עס גיבן זיך אַ
גאָס ביי איר טרערן, שטילע, אמתדיקע.

און דרויסן איז שוין גרויסער טאָג. דער הימל ווינט זיך
אַ בלייערנער, און די זון אויפן הימל איז אַ גלאַנציקע, אַן אויס־
געשייערטע און אַ קאַלטע. עס קלייבט זיך אַ שיינער טאָג.

XI.

זלאַטע איז אַ פּאַרדראָלענע ווי אַ דייזשע, און זי שלעפּט
זיך קוים אַרום איבער דער שטוב, און מאירקע זיצט ביים טיש,
אַ פינסטערער, אַן אָפּגעלאָזענער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן
און מיט אַן אויסגעלאָשענעם פּנים, און יאָסקע וואַרפט זיך, דאָס
צו איר און דאָס צו אים, און ער וואָלט זייביידן אָוועקגעגעבן
די נשמה זיינע, אַבי זיי זאָלן נאָר אויפהערן, נאָר זיי הערן ניט
אויף.

זלאַטע האָט ניט געקאָכט קיין וואַרמעס, עס ליגט גאָר
קיינעם ניט אין זינען, און יאָסקע כאַפּט זיך אַרויס און ברייננגט
אַ גרויסן הערינג און אַ לאַבן ברויט. ער צושנייט עס גלייך
אַזוי, אויפן הײלן טיש, און בעט זיך ביי זיי, אַז זיי זאָלן עפּעס נע־
מען אין מויל אַריין, זיי זיינען דאָך ניכטערע, נאָר זיי ענטפערן
אים ביידע ניט.

מאירקע זיצט און שווייגט, אַז עס קען פּלאַצן די גאַל פון אַזאַ זיצן און פון אַזאַ שווייגן, און זלאַטע דערשלעפּט זיך צו דער בעט און לייגט זיך אַנידער. זי וויל זיך אויסציען, גוט זיך אויסציען, מיט ביידע הענט און מיט ביידע פיס, נאָר זי קען עס ניט, עס שטעכט איר און עס ברעכט איר און זי קרעכצעט:

— גיט מיר אַ ביסל וואַסער!

יאַסקע דערלאַנגט איר אַ פולע קוואָרט און זי טרינקט הונגעריק, זשעדנע, און דאָס קאַלטע וואַסער פרישט זי אָפּ, און אַז זי כאַפּט שוין איבער דעם אָטעם, הויבט זי אָן איר לידל:

—דער גזלן, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, אויף אייביק...

עס גליטשט זיך אַרויס פון איר אַ צושוואָומענע טרער און יאַסקע זיצט לעבן איר און טרייסט זי און בעט זי, אַז זי זאָל אויפהערן, נאָר זי נעמט זיך ניט איין:

— אַז ניט דערלעבן וועט ער! ער מיינט — ער וועט ניט דערלעבן! קויף אים פּאַיעטאַנעו, שלעפּער! בעטלער! גיי איבער די הייזער, איבער די הייזער גיי!

זי רייסט זיך צו מאירקען, ווי אַ משוגענע, און יאַסקע האַלט זי שטאַרק און בעט זיך ביי איר, און מאירקע זיצט ביים טיש און טוט גאָרניט. נאָר אַזאַ גאָרניט טאָן, קען איינעם אַראָפּפירן פון זינען און זלאַטע שרייט טאַקע, מיט אַלע אירע כחות:

— נעמט אים צו פון מיר, דעם גזלן! איך קען מער ניט אַריבערטראָגן!

נאָר קיין סך כוח האָט זי ניט און זי שרייט ניט לאַנג, זי גיט באַלד צוריק אַ פאַל אויף די קישנס, און שפּעטער אַ ווײַלע, אַז דער קערפּער אירער, אינגאַנצן אַ געשוואָלענער, שטילט זיך שוין אַביסל איין, קלאָגט זי זיך, אַ וויינענדיקע, פאַר יאַסקען:

— איך וועל עס ניט איבערלעבן, איך בין ניט פון אייזן, ער האָט מיר אָפּגעשלאָגן די געדערים, איך וועל ניט איבערלעבן...

עס טוט איר שטאַרק ווי דער גאַנצער לייב אירער, וואו זי זאָל זיך ניט צורירן, און עס קלעפּן זיך איר די אויגן, און זי אָטעמט שטיל און גלייך, און יאַסקע מיינט, אַז זי איז שוין

איינגעשלאָפן און ער הויבט זיך פּאמעלאך אויף פון איר בעט און גייט אַרויס פון שטוב.

עס איז נאָך גאַנץ פרי און דער טאָג איז אַ ליכטיקער און עס זיפּט זיך אין דער לופטן אַ זינגענדיקע בלויקייט און די זון שטייט הויך און איז אַ פולע.

נאָר יאַסקע זעט ניט דעם טאָג, ער גייט גלייך צו צו שמואלן און זאָגט אים:

— זי וועט שטאַרבן!

און שמואל זיצט זיך אויף דעם איבערגעקערטן קלאָץ, האַלט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און קוקט אפילו ניט אויף יאַסקען:

— זי וועט שטאַרבן? אפשר!

שמואל זאָגט דאָ, דוכט זיך, גאַרניט, נאָר ווען יאַסקע קען איצט כאַפּן אַ שטיין און פּלעטן אים דעם מוח, וואָלט ער זיך מחיה געווען. שמואל זעט עס און ער שמייכלט פאַר זיך, נאָר ער אַליין איז היינט אויך ניט ווי אַלע מאָל, און ער וויל אים זאָגן:

— וואָס איז זי דיר, אַ שוועסטער? דו ביזט ווי אַ הונט! אַ מענש דאַרף אַזוי ניט זיין...

שמואל הויבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין צום הויז, און יאַסקע בלייבט אַליין. ער דרייט זיך אַרום איבערן הויף, גייט איטליכע ווײַלע אַריין אין שטאַל און אַרויס פון שטאַל, און עס נאָגט אים אַזוי דאָס האַרץ, אַז ער געפינט זיך ניט קיין אָרט. און שמואל קומט אַריין אין שטוב און אין שטוב איז אַלץ אַזוי. פּונקט ווי פריער: אי פּוסט, אין דער גאַנצער שטוב, אי שטאַרק אָנגעפילט מיט עפּעס. זלאַטע דערהערט באַלד, אַז אימיצער איז אַריינגעקומען און זי מיינט, אַז עס איז יאַסקע און זי רופט אים צו זיך:

—יאַסקע...

שמואל רירט זיך ניט פון אָרט, און מאַירקע זיצט ביים טיש און טוט אויך גאַרניט. און זלאַטע רופט נאָך אַמאָל, שוין מיט מער געבעט:

—יאַסקע, קום אַהער!

שמואל גייט צו איר צו, און זלאַטע, אַז זי דערזעט אים

לעבן זיך, קוקט זי און פארשטייט ניט וואס דא איז. שמואלן האט זי גאר פיינט ווי דעם טויט. נאר שמואל שטייט לעבן איר א גוטער, א צוגעלאזענער, עס שפילט אזש ביי אים א רויטקייט אויף זיין ביינערנעם פנים, און זלאטע גיט פלוצלונג א כאפ אן זיין האנט און שרייט ניט, נאר זאגט אים:

— איך שטארב, ראטעווע מיך!

זלאטעס פנים איז געל ווי א וואקס, מיט בלויע סיניאקעס, און די אויגן אירע זיינע גרויסע און שווארצע, אזש פינסטערע. און שמואל גיט זי פאמעלאך א גלעט, מיט א ציטערדיקער האנט און זאגט איר שטיל:

— באלד.

און ער גייט ארויס פון שטוב, זאמט זיך א ווײַלע און קומט צוריק מיטן דאקטאר. דער דאקטאר פארט שטענדיק מיט מאירקען, ווען ער דארף נאר צו דער סטאנציע, און ער קען זיי אלעמען, ווייסט זיי אלעמען.

— נו, וואס־זשע טוט אונז וויי?

דער דאקטאר איז א גוטער, א צוגעלאזענער און זלאטע גלויבט אים אינגאנצן, און זי ווײַנט זיך פאר אים פאנאנדער:

— ער האט מיך דערהרגעט! איך שטארב!

דער דאקטאר קוקט זי ארום, הייסט איר הוסטן און אטעמען, און דרייט זי אהער און דרייט זי אהין און טאפט אויס איר יעדן אבר, דעם גאנצן לייב אירן, און שמייכלט צום סוף:

— נישקשה, מיר וועלן נאך לעבן און געזונט זיין, אוי וועלן מיר נאך לעבן!

ער שרייבט איר צו א רעצעפט, דערנאך גייט ער צו צו מאירקען, און זאגט אים, ווי אן עלטערער, וואס אים מוז מען פאלגן:

— דו בעסער הער אויף, דו קענסט איר נאך טאקע אמאל אפשלאגן די לונגען און דעמאלט — געדענק!

מאירקע פארשטייט קלאר, וואס דער דאקטאר זאגט אים און ער ענטפערט קלאר דעם דאקטאר:

— איך וועל זי מער קיינמאל ניט אנרירן.

דער דאָקטאָר קוקט אים פּלוצלונג אָן, אַט ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען. נאָר מאַירקע איז רואיק און קלאָר ביז צום סוף, און דער דאָקטאָר פאַרלירט זיך עפּעס. ער זעט, אַז ער פאַרשטייט דאָ עפּעס ניט און ער פרעגט:

— נו, און דו אַליין, דו ביזט געזונט?

— יאָ, איך בין געזונט.

דער דאָקטאָר קוקט אים נאָך אַמאָל אָן און שמייכלט:

— מסתמא, אַז דו זאָגסט! אַ גוטן טאָג!

זלאַטע ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן און אָטעמט שטיל, זי מיינט, אַז זי איז שוין אַ געראַטעוועטע, און מאַירקע זיצט ווייטער ביים טיש, אַזוי ווי פריער. נאָר איצט טוט ער שוין עפּעס. ער טראַכט, אַז דער דאָקטאָר האַלט אים נאָך פאַר אַ מענטשן, פרעגט ביי אים וואָס ער מאַכט, און יאָסקע ווייסט, אַז דאָס האָט שמואל גערופן דעם דאָקטאָר, אַלץ ער! און ער וויל אים זאָגן:

— איך האָב שטענדיק געוואוסט, אַז דו ביזט אַ גוטער, ווי איך בין אַ איד!

יאָסקע רייבט זיך אַרום שמואלן, קלעפּט צו אים, און שמואל ווייסט ניט ווי אַזוי ער זאָל פון אים פּטור ווערן, און ער רוקט זיך אַרויס פון זיין ווינקל, גיט אַ נעם פון טיש אַ שטיק הערינג און אַ שטיק ברויט, שפּאַרט עס אַריין אין מויל און עסט, הילכיק, קנאַקנדיק מיט די ציין, און יאָסקע קוקט אויף אים און קוועלט פון אים אָן.

דער טאָג רוקט זיך פאַמעלאַך, ווי אויף אַ פוילן וואָגן, און אַט זעצט זיך שוין די זון און מען דאַרף שוין גיין און שפּאַנען די פערד.

יאָסקע גייט צו צו מאַירקען און זאָגט אים:

— קום!

מאַירקע הויבט זיך אויף, מאַכט אַ טראָט, נאָר פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ, בלייבט שטיין און גיט שאַרף אַזוי אַ קוק אויף יאָסקען, אַז יאָסקע ווערט אַ פאַרציטערטער:

— וואָס איז מיט דיר, ביזט פון זינען אַראָפּ?

מאַירקע ענטפערט אים גאָרניט, קוקט שוין אפילו ניט אויף אים, און יאָסקען ווייזט זיך אויס פאַר עפּעס, אַז ער וועט באַלד

אומפאלן, און ער כאפט אים אונטער און פירט אים צו דער שמאָלער, אייזערנער בעטל. מאירקע גיט זיך א ווארף, ציט זיך אוים, און אז ער ליגט אַט אזוי, אַן אויסגעצויגענער און מיט צוגעמאַכטע אויגן, קוקט ער אוים ווי אַ טויטער.

יאַסקע מיט שמואלן זיינען שוין דערנאָך אַליין געפאָרן צו דער סטאַנציע אָן מאירקען, און יאַסקע איז געווען די גאַנצע ציים אַזאַ צוגעלאָזענער צו שמואלן, ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן און פרעגן און דערציילן, און שמואל האָט אים אַלץ געשוויגן און האָט אַלץ געליטן פון אים, מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און מיט פארביסענע ליפּן.

און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון דער סטאַנציע, האָט שוין געגרויט אויף טאָג, אזוי ווי אַלעמאָל.

שמואל איז געבליבן אויסשפּאַנען די פערד און יאַסקע איז גלייך אריינגעלאָפן אין שטוב, נאָר אין שטוב איז געווען — אַט ווי עס וואָלט נאָר ערשט איצט נאַכט געוואָרן און ניט עס איז שוין טאָג. דער לאָמפּ ברענט מיט אַפולן פייער און זלאַטע ליגט מיט אָפענע אויגן און מאירקע איז אינגאַנצן ניטאָ. יאַסקע פרעגט:

— וואו איז ער?

זלאַטע גיט אַ קרעכץ און ענטפערט אים, אַ שולדיקע:

— איך ווייס ניט, די גאַנצע נאַכט אזוי...

יאַסקע גייט ארוים פון שטוב און גייט גלייך צו צו שמואלן:

— מאירקע איז ניטאָ, די גאַנצע נאַכט.

נאָר שמואל קען עס שוין מער נישט אריבערטראָגן, און ער ענטפערט אים, רואיק און איינגעהאַלטן, אזוי ווי ער איז גע־וואוינט צו ריידן:

— אפשר וועסטו זיך אָפּטשעפּען פון מיר, ניין?

יאַסקע גייט ארוים פון הויף, גייט דורך די גאַס און גייט אריין אין שיינק. אין שיינק איז ניט אַנגערויכערט און ניט פינצטער, נאָר געדיכט, שווייסיק, און אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז באַלד ביי דער טיר, ליגט אויסגעצויגן אַ גוי. דער גוי כאָרכלט פון שלאָף, ווי מען וואָלט אים געוואָרגן, נאָר קיי־

נער קוקט זיך אויף אים ניט אום, ער ארט ניט קיינעם און עס ארט ניט קיינעם.

יאַסקע רייסט זיך די אויגן אויף אַלע זייטן, און מאירקע דערזעט אים באַלד און שרייט צו אים:

— יאַסקע!

מאירקע הויבט זיך אויף און שטייט און וויגט זיך אַ שיכורער, און עס קוקט אויס, אַז ווי ער וואָלט דאָ נאָר געזעסן די גאַנצע צייט און וואָלט נאָר געוואַרט אויף יאַסקען, און אַז יאַסקע איז איצט געקומען צו אים — ביי מאירקען ווייגען די אויסגעשטרעקטע הענט, דער צופּאַטלטער קאָפּ האָר...

ער שפּאַרט זיך אויף אים אָן, און יאַסקע פירט אים ארויס פון שיינק, פירט אים דורך די גאַס, און פירט אים אריין אין הויף. ער פירט אים צו צום הויז, עפנט שוין פאַר אים די טיר, נאָר מאירקע גיט זיך דאָ פּלוצלונג אַ שטעל אוועק, ניכטערט זיך מיט אמאָל אויס, און זאָגט:

—ניין!

ער גיט זיך שאַרף אַ קער אום, וויל שוין צוריק ערגעץ אוועקגיין, נאָר יאַסקע האַלט אים שטאַרק און לאָזט אים ניט. מאירקע בויגט זיך אָן צו אים, נאָענט־נאָענט, און שיפּעט אים גלייך אין פּנים אריין מיט נאַקעטע ציין:

— אוועק!

נאָר יאַסקע לאָזט אים נאָך אַזוי גיך ניט אָפּ, און מאירקע ציט אויס אַ האַנט און גיט אים אַ זעץ אין האַרצן, אַז יאַסקע פליט שוין פון אים אָפּ.

מאירקע לאַכט, איז צופרידן און ער לאָזט זיך אוועקגיין, ער גייט, נאָר די ניכטערקייט זיינע ווישט זיך צוריק פון אים אָפּ, אַזוי פּלוצלונג, ווי זי איז געקומען, און אַז ער דערפילט, אַז ער איז שיכור, בלייבט ער שטיין, וואַקלט זיך, וויל זיך אָן עפּעס אָנכאַפּן, נאָר ער איז שוין שיכור, אינגאַנצן, טויט־שיכור, און ער גיט אַ פאַל אויף דער ערד און בלייבט ליגן אַ צעשפּרייטער, אַז ער פּרוווט זיך אפילו ניט אויפהויבן.

ער לאַכט, און פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן. ער ליגט ניט ווייט פון שוועל, און אויפן שוועל באַווייזט זיך באַלד

זלאטע. זי ביינט זיך אַן צו אים און זיי וועלן זיך, דוכט זיך, באַלד אַרומכאַפּן, וועלן זיך צוטוליען איינער צום אַנדערן, נאָר זי רירט אים ניט אָן און ער ליגט ווי אַ טויטער.

— קום אין שטוב אַריין...

נאָר ער רירט זיך ניט פון אָרט, און זי בלייבט איבער אים אַ דערשלאָגענע, אַ צוקוועטשטע. זי שלעפּט זיך דערנאָך אַליין אַריין אין שטוב, לאָזט נאָך זיך אָפן די טיר און ער הייבט זיך אויף, שפּאַרט זיך אָן אויף יאַסקען, און יאַסקע פירט אים צום שטאַל. און אַז זיי קומען אין שטאַל, גיט ער גלייך אַ פאַל אויף די אָנגעוואָרפענע היי, ניט ווייט פון די פערד, און שלאָפט גלייך איין ווי אַ דערהרגעטער, און די פערדלאַך — זיי קאָנען אים, זיי ווייסן אים, און זיי ציען אויס צו אים די לאַנגע העלדזער זייערע און בלאָזן אויף אים מיט אַ וואַרעמען אָטעם.

און זלאַטע ליגט ביי זיך אין בעט מיט אָפענע אויגן, און קוקט צו דער ליידיקער טיר.

XII.

מאירקע ווערט גלייך שיכור פון דער ערשטער גלעזל וואָס ער גיסט נאָר אַריין אין זיך אינדערפרי, אויפן ניכטערן האַרצן, און דערנאָך דערלייגט ער שוין דורכן טאָג צו ביסלאַך, איטליכע ווײַלע אַן אַנדער גלעזל, און אַזוי וואַקלט ער זיך אַרום דעם גאַנצן, לאַנגן טאָג און איז ביידע זאַכן, אי ניט ניכטער, אי ניט שיכור.

אַז אַ פרעמדער זאָל אויף אים אַ קוק טאָן פון דער זייט, איז ער, דוכט זיך, אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. ער עסט און טרינקט און שלאָגט זיך נאָך אפילו אַרום מיט זלאַטען און פאָרט צו דער סטאַנציע און טוט נאָך אַנדערע צוואַנציק זאַכן, נאָר אַז דאָס אַלץ קאָן גאָר עפּעס ניט געגומען ווערן אין קאָן! די אויגן זיינע זיינען ביי אים געוואָרן האַלב די גרויס, זיינע

אריין טיף אין שטערן און זיי קוקן שטענדיק, ווי פארגליווערטע אויף איין פינטל, אז עס ווילט זיך אים זאגן: — וואס שטעקט דארט ביי דיר אין מוח? ווערסט גאר ניט אויסטראכטן!

ווען ער קומט פון דער סטאנציע, שפארט ער זיך צו, אינם אנטאן, שלאפט אפ א שעה, צוויי שעה, און דערנאך, באלד ווי ער שטייט נאר אויף, כאפט ער אריין א גלעזל, און עס איז אים שוין נמאס אי דאס הויז, אי די שטאל אפילו, און ער גייט אוועק פון דער היים און ווערט פארפאלן אויפן גאנצן טאג.

ער האט אויף אלץ א מאך געטאן מיט דער האנט, עס ארט אים גארניט, און א מאל האט ער גאר אפילו הנאה, זעענדיק, פילנדיק נאקעט, ווי עפעס קייקלט זיך אין אים בארג אראפ — דאס גאנצע לעבן זיינס! ער לאכט דעמאלט, גיסט אין זיך א גלעזל נאך א גלעזל, און רעדט צו זיך אליין: — וועל פגרן ווי א הונט, וועמעס דאגה?

און זלאטע זעט וואס זי האט אנגעטאן און זי האט עס דאך ניט געוואלט, זאל זי שטארבן אויב זי האט עס געוואלט, און זי וואלט זיך א ווארף געטאן צו אים, וואלט אים געפאלן פאר זיינע פיס, וואלט געוויינט, וואלט געבעטן, נאר אז ער איז צו איר ווי א גזלן, פון דער ערשטער מינוט אן, איז — ניין! און זי פאר־שטיקט אין זיך די גוטסקייט צו אים, און אליין גייט זי אום א פאר־ביסענע און טראכט פארביסן: — זאל ער געהרגעט ווערן!

נאר אמאל, אז יאסקע קומט אויך אריין אין שטוב אין מיטן העלן טאג, און זעצט זיך אויך אנידער, ווי ער וואלט אימעצן באוויינט, ווערן ביי זלאטען דין און בלוי די ליפן, ווי ביי א שלאנג און זי שרייט:

— וואס ווילסטו נאך פון מיין לעבן, וואס? אפשר געפעלט דיר אויך ניט? אויסצאלן דיר אפשר אויך, הא?! זאג!

יאסקע שווייגט, און די קולות אירע טראגן זיך פאנאנדער איבערן גאנצן הויף, און שמואל קומט אויך באלד אריין אין שטוב, גלאט אזוי, ווי ער וואלט זיך נאר געוואלט אביסל אנווארימען ארום אירע קולות. און זלאטע אז זי דערזעט אים, איז זי זיך גאר מחיה:

— נאָך אַ קווייט! אַן אַנשיקעניש אויף מיין קאָפּ, אַז טרעפן זאָל אייך אַלעמען איין דונער, וואָלט איך פון אייך אַלע־מען פּטור געוואָרן אין איין טאָג און אויס!

זלאַטע טענהט און שרייט, טענהט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי ווײנט זיך גאָר פאַנאַנדער, אַזוי, אין מיטן דערינען, און יאַסקע האָט שטאַרק אויף איר רחמנות, נאָר שמואל שטייט אים דאָ ווי אַ דאָרן אין אויג, און יאַסקע הויבט זיך אויף און גייט אַרויס פון שטוב.

עס איז שוין האַלבער טאָג און יאַסקע גייט צו די פערד. ער גיט זיי אַ טרונק און פאַרשיט זיי דעם האָבער און קוקט אַרום די פאַיעטאָנען און זעט צי אַלץ איז אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז איצט דער גאַנצער באַלעבאָס, גיט אַכטונג אויף אַלצדינג, און עס איז טאַקע נאָר אַ נס, וואָס ער איז אַזוי צוגע־לאָזן, וואָרים אַז ניט, וואָלט שוין דאָ פון אַלץ געוואָרן אַ תל.

אַז זיי קומען פון דער סטאַנציע און ער גיט אָפּ מאַירקען דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט איינגענומען, איז גנבעט ער זיך ניט אַראָפּ אַפילו קיין איין צובראָכענעם גראָשן, עס מעגן אים אָפּדאָרן די הענט! ער טוט עס מיטן גאַנצן האַרצן, און מאַירקע זעט עס יאָ, אָדער זעט עס ניט, נאָר אַז עס אַרט אים אינגאַנצן ניט, מעגסט אַפילו גנבענען, מעגסט טאָן וואָס דו ווילסט, און יאַסקע בלייבט עפּעס ווי אַן אָפּגעשמיסענער. עס פאַרדריסט אים שטאַרק, ער איז אויך אַ מענטש און ער וויל אים זאָגן:

— מיינסט איך בין דיר מחויב? אַ נייע געשיכטע!

נאָר מאַירקע גייט זיך אַרויס פון שטאַל, גייט מיט שווערע טריט, ווי געטיאַפּקעט אין בלאָטע, און די הענט זיינען ביי אים ווי צוגעקלעפּטע, און די אַקסלען זיינען אַראָפּגעלאָזט און יאַסקע קוקט אים נאָך און טראַכט: — פאַרפאַלן אַ מענטש! פאַר גאָרניט!

ער זאָגט עס ניט הויך אויפן קול, ער טראַכט עס ביי זיך, אין האַרצן, נאָר שמואל קוקט שוין אויף אים און לאַכט שוין פון אים. יאַסקע זעט עס, נאָר עס אַרט אים ניט. ער וויל נאָר צוגיין צו אים און אים זאָגן: — ווען עס טרעפט מיט דיר אַן אומגליק, וואָלט שוין מיר גאָר ניט געאַרט, מעגסט מיר גלויבן!

און ער אַרבעט ווייטער ווי אַ פערד. ניט ער ווייסט פון אַ טאָג, און ניט ער ווייסט פון אַ נאַכט, נאָר אַט קומט באַלד צו־לויפן די יונגע פּאַראַסקע, וואָס דינט ביים אַפּטייקער און וואָס פּגרט נאָך אים אפשר צען מאָל אַ טאָג:

— יאַסקע!

יאַסקע קומט אַרויס פון שטאַל, און דער טאָג איז אַ ליכ־טיקער, אַז עס בלענדט פאַר די אויגן. די שיקסע איז אין אַ קלאָרער, אין אַ פרישער העמדה, און מיט רויטע קאָרעלן אויפן האַלדז, און זי שטייט אַן אָפּגעגאָסענע פון דער זון און איז אַזאַ, פון קאָפּ ביז די פיס, אַז עס זינגט פון איר און יאַסקע לויפט צו איר צו און גיט זי אַ כאַפּ, אַז די שיקסע ווערט אַן אַנגע־צונדענע, אַ צופלאַמטע. ער האַלט זי אין זיינע אָרעמס, ווי אין רייפן וואָס ווערן אַלץ ענגער און ענגער, און זי צאַפּלט זיך, פאַרגייט זיך, אַ בליענדיקע אין איר גליק. און דערנאָך, אַז ער האָט זי שוין אָנגעקושט און אָנגעהאַלדזט, בלייבן זיי ביידע שטיין, ווי זיי וואָלטן ניט געוואוסט וואָס זיי דאַרפן איצט טאָן, וואָס עס וועט איצט מיט זיי זיין. זיי זייגען זיך נאָענט און זיי שעמען זיך איינער פאַר דעם אַנדערן, און זיי ווייסן עס ביידע ניט. נאָר די שיקסע קומט באַלד צו זיך, די ערשטע, און זי לאַכט זיך פאַנאַנדער, הויך און אָפּגעריסן, מיט דעם קלונג פון צעבראָכענע גלאָז, און דערנאָך פרעגט זי, גלאַט אַזוי:

— וואָס איז מיט דיינע באַלעבאַטים?

פון יאַסקען שווינקט זיך מיט אַמאָל אַראָפּ אַלץ וואָס עס איז אָקאָרשט געווען מיט אים, און ער ענטפערט דער שיקסע בייז, כעסדיק:

— ניט דיין זאַך, הערסט? האָסט אַ צונג אַן ביינער!

XIII.

און מאירקע שאקלט זיך ארום איבער די גאסן מיט שיכורע טריט, מיט א קלארן מוח, און מיט אן אומעט אויף דער נשמה, וואס ליגט דארט ווי א שטיין און נאגט ווי א ווארעם. ער שאקלט זיך פון איין גאס אויף דער אנדערער, בייט ניט די גאסן, נאר די גאסן בייטן זיך אליין, ביז וואנען ער קומט אויפן מארק און דא באגעגנט ער זיך שטענדיק מיט א בחור, וואס הייסט לייזער־בער. דער בחור איז א יונג פון א יאר פערצן אדער פופצן, א הויכער, מיט א גרויסן, א מגושמדיקן גוף און מיט בלויע אויגן. געקומען איז ער אהער פון א פרעמדער שטאט הפנים, און ער האט דא קיינעם ניט און קיינער האט אים ניט. ווען מאירקע האט אים געטראפן דעם ערשטן מאל, האט ער אים אנגעקוקט און האט געפרעגט:

— ווער ביזטו?

לייזער־בער איז געשטאנען פאר אים ווי א סאלדאט און האט געענטפערט:

— איך ווייס ניט...

מאירקע האט אויסגעשאסן אין א געלעכטער, און לייזער־בער האט איבערגעביטן א פוס אויף א פוס. מאירקע האט אים דערנאך ליב באקומען, האט זיך שטארק צו אים צוגעבונדן, און שעה'ן גאנצע קענען זיי איצט אפזיצן און צווייען, קוקן אויפן מארק, וואס רוישט, קאכט און אין מאירקען רוט אביסל יאפ די נשמה, זיין שטענדיק־קלארער מוח:

— פאסקודנע צו לעבן, לייזער־בער, זייער פאסקודנע!

מאירקע קוקט אויפן מארק, און ביי לייזער־בערן זיינען צעריסן די שטיוול, און דער קאפטן, וואס אויף אים, איז אין לעכער, און דער גאנצער מארק איז אנגעזאפט מיט רעגן. עס שלעפט זיך דורך פארביי זיי אן אנגעלאדענער וואגן און צו די רעדער פונם וואגן קלעפן זיך גרויסע שטיקער בלאטע, און די בלאטע גלאנצט ווי זשע־גאכץ. מאירקע האט שטארק רחמנות אויף לייזער־בערן און ער זאגט אים:

— קום גאר צו מיר, לייזער־בער! איך וועל דיר געבן עסן און טרינקען און אַ מזומנעם קערבל וועסטו אויך האָבן, איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ שמייסער, פאַר אַ פאַלנעם שמייסער!

מאירקע מאַכט עס מיט אַ פריילאַכער מינע, כאָטש טיף ביי זיך אין הארצן גלויבט ער עפעס אַליין ניט אין דעם, וואָס ער זאָגט. און אַז זיי זיינען דערנאָך געקומען אהיים, און זלאַטע האָט זיי ביידן דערזען, האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און האָט געעפנט איר מויל:

— וואָס איז דאָס, אַ נייע אַנשיקעניש? !

לייזער־בער איז געבליבן אַ צעטומלטער, אַ פאַרשעמטער, האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, נאָר דאָ האָט זיך מאירקע אַ ריס געטאָן פון ארט און האָט אַ זעץ געטאָן אַן טיש, אַז עס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שטוב:

— ניט דיין דאגה! שוויג!!

מאירקע איז שוין לאַנג ניט געווען אַט אַזוי אַ, און יאַסקע קוקט אויף אים און קוועלט גאָר פון אים אָן:

— מאַלאַדיעץ, מאירקע!

— וואָס? ! דו זאָגסט מיר מאַלאַדיעץ? דו? !

מאירקע איז צוגעשפּרונגען צו אים, און איידער וואָס ווען, האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט אַ קנאַק, אַז ביי יאַסקען האָבן זיך אונטערגעבראָכן די פיס און ער איז געבליבן זיצן אויף דער פּאָדלאָגע.

זלאַטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו יאַסקען, האָט אים געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס און מאירקע האָט געקוקט אויף זיי, פון דער זייט, און האָט שטאַרק געלאַכט:

— צוקושט זיך, נו, צוקושט זיך!

זלאַטע האָט איבערגעלאָזט יאַסקען, האָט זיך אומגעקערט צו מאירקען, און האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין:

— וואָס האָסטו צו אים?

מאירקע האָט מיט אַמאָל איבערגעריסן זיין געלעכטער און אין דער גאַנצער שטוב איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער, און זלאַטע איז אָפּגעטראָטן צום אויוון, האָט אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסן

טאַפּ און האָט אַ וואָרף געטאָן צו אַלעמען, אַז עס האָט פּאַרטשעפּעט אויך לייזער־בערן:

— גייט צום טיש, אַז דערלאַנגען זאָל איך שוין אייך אַלע־מען סם, ניט קיין וועטשערע!

יאַסקע האָט געגעסן און געשוויגן, אַזוי ווי אַלע אַרום טיש. נאָר ער האָט עפּעס געטראַכט די גאַנצע צייט, ביז ער האָט אַ שליידער געגעבן פון זיך די טעלער, און האָט זיך אַ ריס געטאָן צו מאַירקען:

— מיך אַרט ניט? נאָר פאַרוואָס האָסטו מיך געשלאָגן?

מאַירקע האָט שטיל אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן, וואָס ער האָט געקייט, האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש און איז אַרויס פון שטוב — — — —

XIV.

און לייזער־בער איז שוין געבליבן ביי מאַירקען, אויף שטענדיק. ער רייניקט די שטאַל, און פירט באָדן די פערד, און פאָלגט אַ גאַנג, און טוט גלאַט וואָס מען דאַרף און וואָס מען הייסט, און אַז עס איז ניטאָ וואָס צו טאָן, זעצט ער זיך אַנידער אין אַ שאָטן און קוקט אויף דער זון, אויפן הימל, אָדער ער שלאָפט געשמאַק אין דעם קליינעם שפּייכלער, וואָס איז שטענדיק אָנגעוואָרפן מיט זעקלאַך האָבער און מיט שמע־קעדיקע היי. ער רירט קיינעם ניט אָן, מאַכט קיינעם ניט ענג, און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום, און עס איז זיי אַלע־מען אַלץ אייגנס, צי ער איז יאָ דאָ, צי ער איז ניטאָ. איין איינציקן מאָל נאָר האָט אים יאַסקע אָנגעוויזן אויף שמואלן און האָט אים געזאָגט:

—אים זאָלסטו ניט טשעפּען, ער איז אַ גזלן!

און זלאַטע האָט נאָך דעם מויל אירן מיט די צוויי דינע,

בלויע ליפּן ווי ביי אַ שלאַנג, און זי שלאָגט זיך נאָך אַרום מיט מאירקען:

— שלעפּער! ער וועט מיך לערנען, אַ נייער מענטש!

זי איז אַ געזונטע, אַ שטאַרקע, און זי איז גיך געקומען צו זיך פון זיינע קלעפּ, און ווען זיי האָבן זיך דעם לעצטן מאָל געשלאָגן, איז ער שוין קוים אַרויס פון אירע הענט אַ צוקיילטער און אַ צובייליטער, קוים אַ לעבעדיקער. נאָר איר האָט עס זייער ווייניק געפריים, עס האָט איר זייער ווייניק הנאה געטאָן. ווען זי סיידן? זיך אַליין שלאָגט זי דאָך, זיך אַליין! און עס איז איר שלעכט ווי דער טויט, און זי איז שלעכט ווי דער טויט. זי שרייט און שעלט און קאָמאַנדעוועט, נאָר אַלץ אַרום איר ברענט זיך אין שטיקער, עס פאַלט ביי איר פון די הענט, און זי קען עס ניט איינהאַלטן. וואָס זאָל זי טאָן? זי טראַכט, מאַטערט דעם מוח און די נשמה, און עס דוכט זיך איר, אַז ווען מאירקע וואָלט נאָר געלאָזט צו זיך רעדן, ווען זי וואָלט נאָר געקענט פאַר אים עפענען דאָס האַרץ אירס, די נשמה אירע, וואָלט ער דעמאָלט געזען, אוי וואָלט ער געזען!

זלאַטע איז איצט אַליין אין שטוב, און אינדרויסן פאַרגייט שוין די זון, עס שפּרייט זיך דאָרט דער פאַרנאַכט, דין און רעשיקשטיל, אַט ווי עס וואָלט געפלאַטערט אין דער לופטן אַ גרויסער שטיק זיידנס...

יאַסקע קאַטשעט אַרויס די פּאַיעטאַנען פון שטאַל, און שמואל גרייט צו וואָס מען דאַרף, און מאירקע שפּאַנט די פערד, און לייזער־בער דערלאַנגט אים צו דער האַנט און זיי טוען דאָס אַלץ אַזוי איינגעהאַלטן און אַזוי אַן רעש, אַט ווי עס וואָלט וואָס געהאַנגען איבער זייער אַלעמענס קעפּ.

זלאַטע זיצט ביים פענסטער, קוקט אַרויס אין הויף, און עס דוכט זיך איר, זי ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס און פון וואָנען זי נעמט זיך עס, נאָר מאירקע וועט נאָך אַריינקומען צו איר אין שטוב אַריין, איידער ער וועט אוועקפאָרן צו דער סטאַנציע.

אין שטוב איז טונקל און שטיל, און זלאַטע זיצט און טראַכט וועגן דעם, און טראַכטנדיק וועגן דעם רויטלט זי זיך שוין

און ציטערט שוין, אַט גאָר ווי אַ מיידל, וואָס איז נאָך אַ יונג, אַ נאַריש.

זלאַטע איז איצט אַ גוטע, אַ צוגעלאָזענע, און אַזאַ — אַך, ווען מאַירקע וואָלט עס נאָר געקענט וויסן!

נאָר די פערד שטייען שוין איינגעשפּאַנט, און לייזער־בער האַלט זיי פאַרן צוים און האַלט זיי קוים איין, און מאַירקע שפּרינגט דער ערשטער אַרויף אויף די קאָזלעס און פאָרט דער ערשטער אַרויס פון הויף.

ביי זלאַטען רייסט זיך וואָס אַפּ אין האַרצן, מיט אַזאַ ווייטיק, און זי וועט באַלד אַרויסלויפן אין הויף, וועט זיך אַ וואָרף טאָן אונטער די רעדער:

— צעטרעט מיך! צעטרעט מיך!

עס שטיקן זי טרערן, און זי קוקט אַרויס אין פענסטער, און אין הויף ווערט פּוסט, אויסגעליידיקט, נאָך זייער אַלעמענס אַוועקפאָרן, און זי רעדט צו זיך אַליין: — זאָל ער! זאָל ער!

זי וויל אויפרייצן אין זיך דעם כעס, דעם צולהכעיס, נאָר זי קען עס ניט און אין שטוב קומט באַלד אַריין לייזער־בער.

לייזער־בער פאָרט נאָך ניט אום צו דער סטאַנציע, און אַז ער קומט אַריין אין שטוב, זעצט ער זיך אַנידער אין אַ ווינקל, אַט ווי מען וואָלט אים אינגאַנצן געקענט הייסן גיין פון דאַ־נען, יעדע מינוט, אפילו באַלד. זלאַטע צינדט אָן דעם לאָמפּ, דערזעט לייזער־בערן, און עס ווערט איר אַזוי גוט פון דעם, וואָס זי איז איצט ניט אַליין, און עס נעמט זי אַרום אַ גוטס־קייט צו מאַירקען, פאַר וואָס ער האָט אים געבראַכט אַהער. עס דוכט זיך איר אויף דער רגע, אַז מאַירקע האָט עס געטאָן צוליב איר, נאָר צוליב איר.

לייזער־בער קען לייענען און שרייבן און ער האָט ביי זיך אַ פּאָר ביכלאָך. אין איין ביכל ווערט דערציילט, ווי גרויס די גאַנצע ערד איז, און וויפיל מלוכות עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט און וועלכע מענטשן עס לעבן אין יעדער מלוכה, און דאָס אַנדער ביכל איז גאָר פון אַן אַנדער מין.

ער אַליין האָט בעסער ליב דאָס ערשטע ביכל, נאָר זלאַטען געפעלט בעסער, ווען ער לייענט פאַר איר די מעשה, טאַקע אַז

אויסגעטראַכטע, מען זעט באַלד, אַז עס איז אויסגעטראַכט. אָבער זייער אַ שיינע, זייער!

לייזער־בער ווייסט אויף אויסווייניק דאָס גאַנצע ביכל, נאָר אַז ער לייענט פאַר זלאַטען, לייענט ער פּאַמעלאַך און ציט יעדעס וואָרט, אַז עס קומט ביי אים אַרויס, ווי אַ ניגון. און זלאַטע הערט און הערט, ביז זי גיט מיט אַמאָל אַ ציִ אויס אירע ביידע הענט, שטעלט אָפּ זיין לייענען און זאָגט אים, אַז איר איז ניט גוט, אַך, ווי ניט גוט איר איז!

לייזער־בער לאָזט אַראָפּ די אויגן, בלייבט אַ צונויפגענומענער, ווייל איר עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט פאַר איר מורא, ער האָט פאַר איר אַפשיי. לייזער־בער גייט דערנאָך שלאָפן, און זלאַטע דרייט אַריין דעם לאָמפּ און לייגט זיך אויך אַריין אין איר גרויסער און פוסטער בעט. זי שלאָפט טאַקע באַלד איין, נאָר זי פילט אין שלאָף, ווי עס וואָלט ביי איר געלעגן אויפן האַרצן אַ נאַסע, אַן אַנגעווייקטע שמאַטע.

די נאַכט ציט זיך ניט לאַנג, די נאַכט איז אַ קאַלטע און ליגן ליגט זי ווי אַ ברעט, און אַט קערט מען זיך שוין אום פון דער סטאַנציע. זלאַטע כאַפּט זיך שווער אויף און זי זעט און הערט, ווי מאירקע איז אַריינגעקומען אין שטוב.

זלאַטע מאַכט צו די אויגן, האַלט איין דעם אָטעם, נאָר מאירקע גייט צו איר ניט צו, ער פאַרלעשט אפילו ניט דעם לאָמפּ, נאָר ער גיט זיך גלייך אַ וואָרף אויף זיין שמאָלער, אייזערנער בעטל, אַזוי, אינם אָנטאָן.

זלאַטע קריכט אַראָפּ פון בעט, אַ באָרוועסע, אַ נאַקעטע, און זי פאַרלעשט אפריער דעם לאָמפּ, און דערנאָך גייט זי צו צו מאירקען, און וועקט אים שטיל, פּאַמעלאַך:

—מאירקע, האַ, מאירקע?...

מאירקע רייסט אויף די אויגן און פרעגט:

— וואָס?

זלאַטע שטייט איבער אים איינגעבויגן און שווייגט און מאירקע קוקט זי אָן, און שווייגט אויך. זלאַטע פילט, ווי עס גייט איר אויס דאָס חיות, רינט אַרויס פון אירע ביינער, און

מאירקע וויל נעמען א פוס, אזוי אינם שטיוול, און ארײַנפּאַרן איר גלייך אין בויך אריין, אז די געדערים זאָלן זיך דאָרט איבערקערן! נאָר ער טוט עס ניט. ער מאַכט צו די אויגן און זלאַטע גייט פון אים אַפּ, לייגט זיך צוריק אריין אין בעט און גיט רואיק א טראַכט: איך דאַרף זיך סמען.

XV.

מאירקע איז קיינמאָל ניט ניכטער, אפילו ניט ווען ער שלאָפט. נאָר ער האַלט זיך נאָך שטאַרק אויף זיינע ביידע פיס, און עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, אז ער זאָל זיך, למשל, וואַל־גערן אין מיטן מאַרק, אָדער ער זאָל אויפהויבן א געשלעג. נאָר הלואי וואָלט ער עס יאָ געטאָן, הלואי איז ער א שיכור, ווי אַלע שיכורים. עס וואָלט אים, אפשר, דעמאָלט געווען אביסל גרינ־גער. אז מען איז א שיכור, קען מען זיך נאָך אמאָל אויסניכ־טערן, אזוי אבער, אז מען איז אי יאָ שיכור אי ניט שיכור, אי יאָ ניכטער אי ניט ניכטער, איז עס ערשט פּאַסקודנע, דאָס זויגט ערשט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און דער מענטש ווערט ווי א שאָטן. און אזוי איז עס טאַקע מיט מאירקען: ער קען נאָך ריידן צו א פּאַרשוין, און פאַרברייינגען אפילו מיט א מענטשן, נאָר אז אָך און אז ווײ איז שוין צו אזא ריידן און צו אזא פּאַר־ברייינגען און צו אזא לעבן אינגאַנצן. און דאָ איז ער זיך נאָר מישב און נעמט און זניובעט זיך מיט דער אַלטער, מיט דער קירפּאַטער מאַרפען. זלאַטע איז געבליבן א פּאַרגליווערטע ווי א שטיק האָלץ, ווען זי האָט עס דערהערט, און יאַסקע האָט גע־וואָלט אויסשיסן אין א געלעכטער, נאָר זלאַטע האָט אים אָנ־גענומען פּאַר א האַנט און האָט ארויסגערעדט, אזוי פּוסט, ווי פון א פּאַס ארויס:

— ער איז משוגע געוואָרן!

זלאַטע פּאַרטראַכט זיך שטאַרק, נאָר דאָ דערפילט זי באַלד,

מיט איר גאנצן לייב, אז שמואל שטייט אויפן שוועל און אז ער קוקט אויף איר. ביי שמואלן האבן זיך אויסגעשפּיצט די אויגן און דער גאנצער פּנים זיינער שיינט אַזש מיט אַ שמייכל. אַזוי קלייבט ער פון איר נקמה, אזוי איז אים גוט פון אירע צרות. אַזוי דוכט זיך איר אוים און זי גיט זיך אַ ריס, כאַפּט אַ טאָפּ הייסע וואַסער און וויל אים אָפּבריען. נאָר יאַסקע גיט זיך אַ וואַרף צו איר, און כאַפּט זי שטאַרק אַן פאַר די הענט.

ער לאָזט זי ניט, און אַליין שרייט ער צו שמואלן :

— גזלן, טרינקסט יענעמס בלוט!

זלאַטע גיט נאָך יאַסקען, אויף דער ווייל, זי פאַרעט אים ניט אָפּ, נאָר שפּעטער, אַז מאַירקע איז געקומען אַהיים, איז זי גלייך אויף אים אָנגעפאַלן, האָט אויסגעשאָסן :

— שוין זאָלסטו מיר אים אַרויסטרייבן! גענוג! איך וויל מער ניט ליידן! איך וועל אונטערצינדן דאָס הויז!!

נאָר מאַירקע רוקט זיך אַריין די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און לאַכט איר אין פּנים אַריין:

— אַרויסטרייבן? ניין. און טאָקע דיר אויף צו להכעיס! טאָקע דיר אויף צופּוקעניש!

זלאַטע כאַפּט אַ פּענדל, וואַרפט זיך צו מאַירקען, און עס הויבט זיך שוין אָן אַ געשלעג. און יאַסקע מישט זיך שוין אויך אַריין אין מיטן און שמואל קוקט און האָט הנאה:

— מאַכט עס אויף בילעטן, ס'איז פיין!

זיינע ווערטער פאַלן ווי שטיינער און טרעפן איבערן מוח. יאַסקע וויל זיך דער ערשטער אַרויפוואַרפן אויף אים, און זלאַטע אויך און מאַירקע אויך און עס קוקט טאַקע אויס, ווי זיי וועלן זיך באַלד אַלע אַ וואַרף טאָן אויף אים, וועלן אים צערייסן אין שטיקער, נאָר ער שרעקט זיך ניט. ער האַלט זיי נאָר אָפּ פון זיך מיט אַ קוק, ווי אַ שפּיז, און אַז ער ווייסט, אַז זיי וועלן זיך שוין ניט רירן פון אָרט, זאָגט ער צו זיי שטיל, פאַרשטיקט, ווי עס וואָלט אים שווער אָנגעקומען דאָס ריידן, אַז וואָס, רעכענען זיי, איז ער, אַ מענטש צי ניט? האָט ער אַ האַרץ, אַ נשמה? ער האָט שטענדיק געקוקט אויף זיי, — וואָס זיינען זיי פאַר אַ מענטשן? אַז אַ הונט כאַפּט מיט אַ שטיין אין בויך אַריין,

סקאוואטשעט ער אויך! טאקע, זאלן זיי א טראכט טאן, וואס זיינען זיי פאר א מענטשן?

ער האט נאך עפעס געוואלט זאגן, נאר ער האט מער ניט געקענט און ער איז שטיל דורכגעגאנגען פארביי זיי און איז ארויס פון שטוב. זיי האבן אים באגלייט מיט די אויגן, האבן ניט פארשטאנען וואס דא איז, האבן אים איננאנצן ניט דער־קענט, און מאירקע האט זיך א כאפ געטאן דער ערשטער, איז ארויסגעלאפן פון שטוב און האט א געשריי געטאן:

— שמואל!

ער איז געשטאנען ביים טויער און מאירקע איז צוגעגאנגען צו אים. שמואל האט געוואלט א שמייכל טאן, נאר עס איז ארויסגעקומען א פארקרימעניש, ווי פון א שטארקן ווייטיק און מער גארניט. אנטקעגן האט געשיינט די זון, און זיי האבן ביידע געקוקט פארטראכטע, און פארטראכטערהייט זיינען זיי ביידע אינאיינעם דורכגעגאנגען די גאס און זיינען אריין אין שיינק.

מאירקע האט שוין לאנג ניט געטרונקען מיט אימעצן, ער טרינקט שטענדיק אליין, ווי א חיה, און ער פילט זיך איצט מאד־נע יום־טוב׳דיק:

— לחיים!

זיי טרינקען א גלעזל נאך א גלעזל און זיי זיינען זיך שטארק נאענט, ווי צוויי חברים, וואס זיינען א לאנגע צייט געווען צעקריגט און ערשט איצט האבן זיי זיך עס איבערגעבעטן, און שמואל רעדט צו אים, ווי מיט א גלייכן צו זיך, אז ער זאל אויפהערן, גענוג! וואס וועט פון אים ווערן? און זי האט שוין גענוג געליטן, זי וועט שוין פארזאגן א צענטן!

נאר מאירקע שאקלט מיטן קאפ אויף ניין, ווי ער וואלט געפירט א זעג:

— ניין, קיינמאל ניט! א נקבה? וויפיל דו ווילסט! וועמעס דאגה? אבער א ווייב, אן אייגענע ווייב — דאס איז עפעס אנדערש, איננאנצן אנדערש! איך האב געמיינט ארנט־לאך און דאס איז ווי מען וואלט דיר גענומען און מען וואלט דיר אנגעשפיגן א פולן פנים. און פאר גארניט! באשפיגן פון קאפ ביז די פיס, איננאנצן!

ער וויל נאָךריידן, א סך ריידן, נאָר ער דערפילט, אז ער וויינט און ער הויבט זיך אויף, לאָזט שמואלן איבער אליין, און גייט ארויס פון שיינק.

שמואל טרינקט אויף גיך אויס דאָס לעצטע גלעזל, גייט אויך ארויס פון שיינק און ערשט אין דרויסן דערפילט ער, אז ער איז שיכור. און ער גייט דורך די גאַס, קומט אריין אין הויף און דאָ באַגעגנט ער זיך מיט לייזער־בערן.

שמואל קוקט אויף לייזער־בערן, וויל אים צורופן צו זיך, און וויל אים געבן צו פארשטיין: — מיינסט, אז א מענטש לעבט איז שוין די גאנצע מציאה? פאַראַנען גרעסערע מציאות, גלויב מיר!

נאָר ער איז שיכור, שטאַרק שיכור און ער צוזינגט זיך פלוצלונג מיט אן אָפּגעבראָכענעם קול:

דעם טאַטן דערהרגעט —
האָב איך!
פארפאַלן מיין קאָפּ!

XVI.

עס איז פרייטיק, און פרייטיק פאַרט מען ניט צו דער סטאַנציע. מאירקע זיצט ביי מארפען און מארפע זויגט דאָס קינד, און דאָס קינד, דער ממזר אירער, איז אזא שטיק פארזע־עניש, אז דער אויבערשטער זאָל אויסהיטן, און דאָס פּישטשעט נאָך שטענדיק, ווי א קראַנקע קעצל, אז מאירקע וויל א זעץ טאָן אין טיש:

— איך וועל אייך דערווערגן! אַלעמען!

נאָר ער איז ניט שיכור, ער איז א קאָפּ ניט שיכור. מאַר־פעס ברוסט איז א לאַנגע, אן אויסגעזויגענע און א שוואַרצע.

ווי די כאַלעווע פון אַן אָפּגעטראָגענעם שטיוול, און מאַירקע טראַכט מיט פאַרשטשירעטע ציין, ווי אַ פאַרוואָגלטער הונט: — אַ פּאַליובאַווניצע אַ ביסל!

ער טרינקט אַ סך, אַז אַן אויפהער, גיסט אַריין אין זיך דעם ים, נאָר ער ווערט ניט שיכור. דאָס גאַנצע שיכרות גייט אים נאָר אַריין אין די פיס, און וואָס שיכורער זיי ווערן, די פיס זיינע, אַלץ קלאָרער ווערט דער מוח.

און מאַרפע ליינט שוין אַוועק דאָס קינד, עס שלאָפט שוין. זי טרינקט אויך אַ סך, און זי איז דאָך אַזוי אויך אַ גרויסער פאַרשוין, און אַז זי ווערט נאָך שיכור, איז זי שוין גאָר אַן אָפּגעמאָלטע קראַסאַוויצע.

— איך קאָן אויף דיר ניט קוקן, מאַרפע, עס קערט מיר די גרינע גאַל. איך שטאַרב פון דיר אַוועק!

דאָס האַרץ זיינס ברעכט זיך, ווי אַ ליימענע כלי, נאָר מאַרפע איז שיכור ווי דער טויט, זי פאַרשטייט ניט אַ וואָרט, און זי רעדט אים נאָך:

— שטאַרב אַוועק, שטאַרב אַוועק...

די אויגן אירע, ווי פאַרשמירטע גלעזלאַך, זיינען אַריינגעזעצט אין רויטע, טרערנדיקע לעכער, וואָס זיינען צו גרויס פאַר די אויגן, ניט נאָך דער מאָס נאָך, און דער מויל איז ביי איר אַ לויזער, אַ צעפוילטער, און קיין נאָז האָט זי אינגאַנצן ניט, עפּעס נאָר אַ לעכל אַזאַ מיט פאַרנייטע סימנים, ווי פון ציין, — אַמאָל האָט זי, קענטיק, יאָ געהאַט אַ נאָז, נאָר מען האָט עס ביי איר אָפּגעביסן.

מאַירקע לאַכט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער, — עס קוועלט אין אים די גאַל:

— קראַסאַוויצע מיינע!

ער ציט אויס אַ האַנט, נעמט זי אַן פאַר אַ נאַקעטער ברוסט, און די ברוסט אירע איז אַ ווייכע און אַ טערפּקע, ווי אַ שמאַטע:

— דו ביזט אַ נבלה, מאַרפע, אַ נבלה!

און זי רעדט אים נאָך:

— אַ נבלה...

מאַירקע ניט זי אַ שלעפּ צו זיך פאַר דער ברוסט און אַ

רוק איר אין זיים אריין, אז זי קרעכצעט אזש אויף פאר ווייטיק, און ער שלעפט אראפ פון איר דאס קאפטל, דאס קליידל, און וואלגערט זיך אריין מיט איר אין בעט.

און דערנאך הויבט ער זיך אויף און זעצט זיך אנידער אויף א ביינקל. ער וויל אריינגיסן אין זיך א גלעזל, נאר ער האט פאר עפעס מורא א ריר צו טאן מיט א האנט.

ער זיצט לאנג, און עס איז אים אזוי מיאוס, פאר זיך אליין און פון זיך אליין, אז כאטש נעם און צי אויס די פיס און שטארב. פגר ווי א לייזיקער הונט!

מארפע שלאפט שוין, זי איז איינגעשלאפן באלד נאך דעם, און זי ליגט א פאנאנדערגעווארפענע, אז אפגעדעקטע. זי פייפט מיט איר אפגעביסענעם נאז, מיט איר בויך, וואס איז ווי אן אלטע, צעבויגענע און פארזשאווערטע טאץ, און ביי מאירקען הויבט זיך דער מוח. ער וויל שרייען: — ראטעוועט!

נאר ער איז שטיל, ווי א צונעשלאגענער, און שטיל וויינט אין אים זיין יעדער אבר, אפילו די נעגל. ער איז אויף קיינעם ניט אין כעס, האט צו קיינעם גארניט, נאר אויף וואס דארף עס א מענטש, די גאנצע זאך? א מענטש דארף עס ניט האבן!

ער זיצט נאך א ווײַלע, און דערנאך הויבט ער זיך אויף, גייט פאמעלאך ארויס פון שטוב און לאזט זיך גיין אהיים.

די נאכט איז א קילע, א פרישע, און ער גייט איבער די גאסן, וואס זיינען פוסט, ליידיק, נאר שטיל-איינגעוויגטע אין זיך אליין, און ער פילט: ער לופטערט זיך. עס איז גוט, ביז אין די ביינער אריין, און ער שפיליעט זיך פאנאנדער און לאזט צו דעם ווינט, צו דעם נאקעטן לייב...

עס איז נאך גאנץ פרי אין דער נאכט און ווען ער קומט אהיים, ברענט נאך דער לאמפ אויפן טיש און זלאטע דרייט זיך נאך ארום איבער דער שטוב.

זלאטע איז ערשט נעכטן געווען אין באד און היינט האט זי אויסגעצוואגן דעם קאפ, און טראגן טראגט זי איצט אויף זיך נאר איין קורצע אונטער-קליידל, פון דער טאליע ביז קורץ אריבער די קני, און עס שמעקט פון איר, עס זינגט פון איר.

זי ווייסט עס, פילט עס, און זי גרייסט זיך מיט דעם, און

מאירקע קוקט אויף איר, זעט איר ריינעם ליבּ, און וויל איר זאָגן: — פאַרשטעל זיך ניט זלאַטע, זלאַטע פאַרשטעל זיך ניט!

ער איז ניט אין כעס און איז ניט שלעכט, עס דוכט זיך אים נאָר, אַז עפּעס ווייסט ער היינט אַזוינס, וואָס ער האָט עס פריער ניט געוואוסט, און ער וויל עס איר זאָגן.

ער וואָלט איצט געקאָנט רעדן מיט איר, אַ סך רעדן און גוט רעדן, און זאָל זי פאַרשטיין, זי האָט דאָך אין זיך אַ שטיקל שכל, אַ פאַרשטאַנד: פאַרוואָס האָט זי אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער איר געטאָן? ער האָט נאָר גע־מיינט אָרנטלאַך, ווי עס דאַרף זיין ביי מענטשן, ווי ביי לייט, און צום סוף? אַז זי האָט געוואָלט זיין אַ נקבה, עס געפעלט איר, איז וועמער האָט זיך סיידן געמישט צו איר? ער האָט זי ניט געצוווּנגען, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, טאַ צוליב וואָס האָט זי געפּראַוועט מיט אים די קאָמעדיע? ניין, זי איז ניט גע־רעכט, זאָל ער שטאַרבן, זאָל ער קראַפּירן, אויב זי איז גע־רעכט! און זי איז אים נאָך איצט אויך טייער, אפילו איצט! אַ געלעכטער? יאָ, אַ געלעכטער, מען דאַרף טאַקע פון אים לאַכן, נאָר זי קומט אים אָפט צו חלום, ווי עס קומט אַ טויטער... ער האָט זי ליב, ער גייט אויס נאָך איר, נאָר עס איז שוין פאַרפאַלן, זי האָט אַלץ פאַרפּאַסקודיעט, אַז כאָטש נעם און שטאַרב! און זאָלן זיי טאַקע שטאַרבן, ביידע גלייך, זאָל זי אים דערוווּרגן, זי אים אַ פריער, און דערנאָך וועט ער זי דער־וווּרגן, די בעסטע זאַך!

ער האַלט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, זעט ווי עס טריפט אין אים דאָס האַרץ, און זלאַטע דרייט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרום איבער דער שטוב, פילט אָן מיט זיך דעם גאַנצן חדר, פון וואַנט ביז וואַנט, און אָט וואַרפט זי שוין אַראָפּ פון זיך דאָס קליידל, גייט אַריין אין אַלקער, און לייגט זיך דאָרט אַריין אין בעט.

די טיר פון אַלקער איז אינגאַנצן אָפן, און אין אַלקער איז טונקל, פינסטער, און זלאַטע ליגט אין אַ ווייסער העמד, אויף אַ ווייסער בעט, און דאָס אַלץ שיינט אין דער פינצטער נאָך קלאָרער, נאָך ריינער.

מאירקע קוקט אהין, און עס ווייגען אין אים די ביינער זיינע, און אין הארצן צופט וואָס, ווי מיט אן אייזערנער צווייגל, און דער מוח איז דין און פלאַטערדיק, ווי ביי א משוגענעם, און זלאַטע ליגט זיך ווי זי וואָלט זיך מיט אים געריייצט, און ער קוקט און טראַכט און פארשטייט, אז איר איז גוט, זי איז גליקלאַך, און פאַר אים אַליין עקט זיך די וועלט.

אויפן טיש שטייט א גלאָז און מאירקע ציט אויס א האַנט, נעמט אַריין די גלאָז, האַלט עס א רגע אין דער האַנט, שטאַרק, מיט אַלע זיינע כחות, און גיט עס צום סוף א שליידער אויף זלאַטען. צוליב וואָס טוט ער עס? ער ווייסט ניט. ער ווייסט אפילו ניט, אז ער וויינט. און די גלאָז פליט אַריבער זלאַטעס קאָפּ און ווערט צושאָסן אויף דער וואַנט. זלאַטע גיט זיך א ריס פון בעט און לויפט צו אים צו:

— וואָס ווילסטו?

זי איז א פאַרביסענע און א שלעכטע ווי דער טויט, און ער וויל איר זאָגן: — נאַ, עס מיך אויף!

זיין גאַנצער פּנים ברעכט זיך אין א שמייכל, אז עס קנאַקט אַזש די הויט, ער ווייסט אַליין ניט וואָס ער וויל, נאָר עפּעס ברענט ביי אים אין הארצן, שטענדיק, סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט, און וואָהין זאָל ער זיך אַהינטאָן? און וואָס זאָל ער מיט זיך טאָן? ער וויל עס איר זאָגן, וויל זיך באַקלאָגן פאַר איר, און זאָל זי אויף אים רחמנות האָבן, און דערוויל שטייען זיי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ביידע פאַרביטערטע און ביידע אומגליקלאַכע, ביז ער בויגט אויס א פוס און פאַרט איר אַריין מיט דער קני, גלייך איר אין בויך אַריין.

זי לאָזט פון זיך אַרויס א געשריי, ווי פון א בלאָז־זאַק, און ער קערט זיך פון איר אָפּ, ער האָט זי גאַרניט געוואָלט פאַר־טשעפּען, נאָר דאָ גיט זי זיך שוין א וואַרף אויף אים, ווי א חיה, און זיי הייבן זיך אָן צו שלאָגן.

זיי שלאָגן זיך לאַנג. און זיי זיינען ביידע שטומע, זיי לאָזן ניט אַרויס פון זיך קיין פּיפּס, און זיי שלאָגן זיך ווילד, ווי מענטשן, וואָס זיינען שטאַרק אומגליקלאַך, ווי משוגעים, ביז וואַנען זיי בלייבן ביידע אויף דער פּאָדלאָגע — ווי געקוילעטע.

ער ליגט מיט אָפענע אויגן און עס דוכט זיך אים, ווי אין א

חלום, אַז אימעצער וויינט. און זי הויבט זיך שוין אויף, נעמט זיך צונויף די האָר, ווישט זיך אָרום דאָס בלוט פון פּנים, און גייט און לייגט זיך אַריין אין בעט. עס טוט איר ווי דער גאַנ־צער לייב, נאָר זי פילט עס מאָדנע ווייט פון זיך, אי דעם לייב אירן, אי דעם ווייטיק, וואָס וויקלט זיך אין די ביינער.

— ער איז שוין געקומען! נחת מיינער! גיי צו מאַרפען! ווער דאַרף דיך דאָ האָבן?

מאַירקע הויבט זיך אויף פון דער פּאַדלאָגע און זעצט זיך צוריק אַנידער צום טיש, אויפן זעלביקן ביינקל, וואו ער איז פריער געזעסן. די הענט זיינען ביי אים אָראָפּגעלאָזן, שווערע, צונעקלעפּטע, און די פיס זיינען מאָדנע לאַנג, אַז ווי מען האַלט זיי ניט, טוען זיי ווייי. און דער קאָפּ איז גרויס און געשוואָלן, ווי אַ פוסטער טאָפּ, און אינגאַנצן איז ער, ווי אַן אויסגעקנאָטענער פון ליים, נאָר אין דעם ליים איז אַריינגעקנאָטן אַ מאָדנער ווײ־טיק.

— און אַז צו מאַרפען איז וואָס? טאַקע מיט איר! זי איז טאַקע אַן אַלטע קורווע, אַז אַ נאָז און פונדעסטוועגן האָט זי אַ קינד, און באַלד וועט זי האָבן נאָך איינס, און טאַקע פון מיר אַליין! ווער עס לעבט מיט איר, אַזוי האָט זי באַלד אַ קינד און דו וואָס? אַ נוזשניק! ווער עס וויל קומט און פּאַס־קודיעט און דו שווייגסט!

זלאַטע הערט ווי ער זאָגט עס איר, און ער רעדט דאָך איצט צו איר מיטן בלוט פון זיין האַרצן, און זי טראַכט, אַז טאַקע, ער איז טאַקע גערעכט, און זאָל ער זי נעמען איינמאָל פאַר אַלע־מאָל און זאָל ער זי דערהרגענען. דערהרגענען! עס אַרט איר ניט, אַז זי וויל גאָר ניט לעבן, נאָר זאָל ער איר זאָגן: וואָס איז זי שולדיק? ער מיינט דער טעלעגראַפיסט? ניין, עס איז ניט דער טעלעגראַפיסט! זי האָט אים טאַקע ניט גערופן צו זיך, ער איז אַליין געקומען, נאָר אַז זי וואָלט ניט געוואָלט, ער האָט זי ניט גענויט! זי וויל אים מער ניט ליגן, זי וועט אים דער־ציילן דעם גאַנצן אמת. אַט זאָל ער נעמען אַ מעסער און זאָל ער איר אויפשניידן דאָס האַרץ אירס, וועט ער דאַמאָלט זען, אוי וועט ער זען! פאַרוואָס איז זי אינגאַנצן אַנגעקומען אין די נאַ־

מערעס, פון אנהויב אן? מען האט זי ניט געשלעפט אהין פאר די האר! אהא, ער זעט, זי באהאלט פון אים גארניט, נאר הלואי וואלטן איר דעמאלט אפגעדארט די הענט און די פיס, איידער זי איז געגאנגען אהין! זי דערציילט אים אלץ, פון אנהויב אן, און זאל ער וויסן. זי האט אים ליב, זי דארף מער קיינעם ניט, און זי וויל מער קיינעם ניט, נאר אמאל — זאל זי שטארבן, אויב זי איז שולדיק, אויב זי טוט עס אומישנע! זי ווייסט גארניט וואס דאס איז פאר אזוינס, נאר עפעס ציט זי ערגעץ ווי מיט א מאגנעט. אז זי פארגעסט אלץ אויף דער וועלט! אפשר זיצט אין איר א קליפה אזא? אט זאלן זיי צוגיין צו דער זנאכערקע, אפילו באלד. די זנאכערקע וועט איר אפשפרעכן. וועט איר געבן גראזן אזעלכענע, און זי וועט אפשר געהאלפן ווערן, יא, עס וועט איר העלפן, זי וויל סיידען ניט לעבן ווי א מענטש?

זי קריכט אראפ פון בעט, זי ווייסט נאך ניט וואס זי וועט טאן, נאר אז זי קומט אריין אין קיך פון אלקער, דערזעט זי זיך אין דעם אנטקעגנדיקן שפיגל. די האר אירע זיינען פאנאנ־דערגעלאזן איבער די נאקעטע פלייצעס, און פון אונטער דער ברייטער, ווייסער העמד זעט זיך, פילט זיך דער גאנצער לייב אירער, א פולער, א שטארקער, ווי אן אויסגעגאסענער, און אזא קלארער, אז עס פארכאפט אזש דעם אטעם. זי וויל אראפ־ווארפן פון זיך די העמד, און בלייבן איננאנצן נאקעט, און זי ניט זיך א דריי פארן שפיגל, רירט אן ביי זיך מיט די שפיץ פינגער א פארדרויטלטע ברוסט, און זי ווייסט ביי זיך, אז זי איז א מענטש:

— א נוזשניק, זאגסטו, בין איך? ביז מיין לעבן, גאטעניו אין הימל, זאל איך זיין אזא, ווי איך בין!

זי גרויסט זיך ניט פאר אים, בארימט זיך ניט אפילו, זי וויל נאר לאכן פון אים און זי לאכט טאקע, הויך אויפן קול:

— אז איך בין א נוזשניק, טא וואס איז מארפע? זאג!

ווען זי נעמט איצט א טאפ הייסע קיילן און שיט זיי אויף אים, אויף זיין נאקעטן לייב, וואלט עס אים אזוי ניט וויי גע־טאן, וואלט עס אים אזוי ניט געארט, ווי אט א די רייד אירע.

וואָס זי רעדט צו אים. עס פאַרדריסט אים ניט פאַר זיך, עס אַרט אים נאָר פאַר איר, פאַרוואָס זי פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס זי קען ניט פאַרשטיין, און ער טראַכט ביי זיך: — פאַרפאַלן!

זלאַטע לייגט זיך צוריק אַריין אין בעט. זי איז אַן אָנגע־האַרעוועטע, אַן אָנגעמאַטערטע, און זי פילט ווי זי שלאָפט בים־לאַכווייז איין, ווייך אַזוי ווי איינגעגלעט, ווי איינגעשטילט. נאָר זי רייסט באַלד פאַנאַנדער די אויגן, שוין פון שלאָף דוכט זיך, און דערזעט לעבן זיך מאירקען. זי וויל אים אַרומכאַפּן מיט אירע ביידע הענט און צוטוליען אים צו זיך, איינשטילן אים, איינגעמען, נאָר זי ליגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, און ער וויל איר, קענטיק, עפּעס זאָגן, כאָטש נאָך איין וואָרט, דעם לעצטן מאָל, נאָר ער גיט אַ פאַל צו איר אין בעט אַריין, ווי אַן אונטערגעשניטענער, און עס גערויערט ניט קיין רגע, און ער שלאָפט שוין ווי אַ שטיין.

זלאַטע קוקט אויף אים און זיין פּנים איז בלייך און שטיל, ווי ביי אַ קראַנקן, וואָס איז טאַקע קראַנק, און זי נעמט מיט אַ האַנט, וואָס ציטערט ביי איר, און קאַלופּעט אַראָפּ פון זיין פּנים, פון זיין האַלדז, די פאַרטריקנטע שטיקלאַך בלוט...

פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן, נאָר זי ווייסט עס ניט, זי איז אינגאַנצן אַ פריידיקע אַזאַ, אַז אויסגעטאַנענע פון זיך, ווי אַ מאַמע, און אַ מאַמע קען שטענדיק אוועקגעבן פון זיך די נשמה, דעם לעבן.

ער וואַרפט זיך דורך אין שלאָף און זי כאַפּט צו די האַנט, נאָר ער שלאָפט ווי אַ שטיין, און זי לייגט זיך אַנידער לעבן אים, טוליעט זיך צו אים און מורמלט:

— איך האָב דיך אַזוי ליב, אַזוי ליב...

אין קיך ברענט נאָך דער לאָמפּ אויפן טיש מיט אַ פולן ליכט, און צו די פענסטער קלעפּט זיך די נאַכט, אַ גלאַנציקע, ווי אַ שפּיגל. זלאַטע לייגט אוועק דעם קאָפּ אירן ביי מאירקען אויפן האַרצן, קושט אים פּאַמעלאַך, אַז זי זאָל אים ניט אויפ־וועקן, און שלאָפט שטיל איין — אַ גליקלאַכע.

XVII.

זלאַטע זיצט אַ פאַרחלומטע, אַ פאַרוועבטע, און לייזער־בער לייענט פאַר איר, אַז ערגעץ ווייט אויף דער וועלט, זייער ווייט פון דאַנען, איז דאַ אַ לאַנד, און דאָס לאַנד הייסט אַפריקע.

ווען מען דערציילט עס איר גלאַט אַזוי, וואָלט זי זיך אפשר גאָרניט געוואונדערט. זי ווייסט דאָך, אַז די וועלט איז אַ גרויסע, און איז פול מיט חידושים, נאָר אַז ער לייענט עס פאַר איר, איז אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי כּישופדיק, און עס רירט זי שטאַרק אָן, און זי טראַכט, אַז זי וואָלט גאָר געדאַרפט נעמען מאַירקען, איבערלאָזן אַלץ מיט אַנאַנדער און אַוועקפאָרן מיט אים אַהין. אין אַפריקע!

לייזער־בער לייענט שיין, מיט אַ ניגון, און זלאַטע הערט ניט וואָס ער לייענט. נאָר ווען ער וואָלט מיט אַמאָל אויפגע־הערט צו לייענען, וואָלט זי אויך אויפגעהערט צו טראַכטן דאָס וואָס זי טראַכט, און טראַכטן טראַכט זי, אַז מאַירקע האָט זי ניט אויסגעביטן אויף מאַרפען, אַ ליגן! נאָר ער האָט ניט געוואָלט גיין מיט איר צו דער זנאַכערקע. ער האָט זיך אויס־געלאַכט פון איר, ער האָט איר געזאָגט: — לייגסט זיך פיי־געלאַך אין בוזים, קיין טאַטער וועט דיר שוין אויך ניט העלפן! — וואָס אַרט דיך? עס קאָסט דיר טייער?

נאָר ער האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף איר, אין איינמאָל, אין אַן אָוונט, ווען מען איז אַוועקגעפאָרן צו דער סטאַנציע, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ שאַל און האָט אַ זאָג געטאָן צו לייזער־בערן:

— קום!

זיי זיינען לאַנג געגאַנגען און זיי האָבן ביידע געשוויגן. זלאַטע האָט אַלץ געוואָרט, אַז ער זאָל ביי איר פרעגן, וואוהין זיי גייען, זי וואָלט אים דעמאָלט געזאָגט: — ניט דיין דאגה, מיש זיך ניט.

נאָר לייזער־בער האָט געשוויגן דעם גאַנצן וועג און אַז זיי־נען זיי שוין געקומען אַהינטערן שטאָט, אַוואו עס וואוינט די

זנאַכערקע. לייזער־בער איז געבליבן ווארטן אין דרויסן און זלאַטע איז אריין אין שטוב.

זי איז אריין אַ רואיקע, ווי אַ באַשלאָסענע אויף עפּעס. און ערשט אין שטוב ביי דער זנאַכערקע האָט זי דערפילט, אַז עס ווערט לויז אונטער איר די ערד.

די זנאַכערקע האָט גערעדט מיט גוטע רייד, מיט גוטע ווער־טער, נאָר די ווערטער אירע האָבן געשטאָכן אין הארצן, ווי נאָדלען. די זנאַכערקע האָט איר אָפּגעשפּראָכן, האָט איר מיט־געגעבן אַלערליי גראָזן אָזעלכענע, אַז זי זאָל עס עסן יעדן אינ־דערפרי און יעדן ביינאַכט פאַרן שלאָף. און זלאַטע האָט, דוכט זיך, נעדאַרפט געוועזן זיין צופרידן. נאָר אַז זי איז דערנאָך גע־גאַנגען צוריק אַהיים, האָט זי געטראַכט דעם גאַנצן וועג, אַ פאַר־ביטערטע, אַן איינגעעקשנטע, ווי אימעצן אויף צו להכעיס: — עס וועט ניט העלפן!

לייער־בער האָט ביי איר גאָרניט געפרעגט, ניט וואָס אַזוינס די זנאַכערקע האָט איר דאָרט געטאָן, ניט וואָס זי האָט איר געזאָגט, און זלאַטע האָט געקוקט אויף אים — אָך, ווען ער איז נאָר אירער אַ ברודער, זי וואָלט אים דעמאָלט אַזוי ליב גע־האַט! זי וויל אימעצן ליב האָבן, זי שטאַרבט, נאָר זי האָט ניט וועמען...

די גראָזן, וואָס די זנאַכערקע האָט איר געגעבן, זיינען ביטער ווי גאַל. מען קען פון זיי שטאַרבן, נאָר זלאַטע קיים זיי ווי אַ הונגעריקע, מיט אַ חיהשער הנאה. עס דרייט איר דערנאָך אין בויך, עס דרייט איר אַרוים די געדערים, די קישקעס, נאָר עס אַרט איר ניט. פאַר מאַירקען האָט איר די זנאַכערקע אויך געגעבן אַ פּראַשעק אַזאַ, וואָס זי דאַרף עס אַריינשיטן אין זיין עסן, יעדן מאָל אַ קליין ביסעלע. נאָר מאַירקע האָט עס גלייך דער־זען און ער האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיך די טעלער:

— ווילסט מיך פאַרסמען?!...

ער ווייסט אַליין, אַז עס איז אַ ליגן, אַז זי וויל אים ניט פאַרסמען, נאָר זי ווערט ניט אין כעס, זי וויל אים נאָר זאָגן:

— איך וואָלט געדאַרפט אויף דיר אַ שפּיי טאָן, און געוווּנ, נאָר גאָרניט, איצט ביסטו אויפן פערד, טאַ זיץ!

זי ווייס נאָך ביי זיך, אַז זי איז אַ יונגע און אַ שיינע, אַ שפּיגל זאָגט ניט קיין ליגן, נאָר כאָטש נעם און וואַרף דאָס אַרויס פאַר די הינט, און זי וואָלט גאָר, דוכט זיך, געווען די גליקלאַכסטע, ווען זי איז אַן אַלטע און אַ מיאוסע, אַ פאַרזעעניש. ווען זי איז אַזאַ ווי מאַרפע — — —

לייזער־בער לייענט שיין, מיט אַ ניגון, און זלאַטע זיצט אַ פאַרחלומטע, אַ פאַרוועבטע, און ווי קאַלירטע סטיינגעס פלאַ־טערט פאַר איר אַט־אָ דאָס אַלץ, וועגן וואָס זי טראַכט. און דאָ עפנט זיך פּלוצלונג די טיר און עס קומט אַריין — דער אַלטער טעלעגראַפיסט!

לייזער־בער רייסט מיט אַמאָל איבער דאָס לייענען און זלאַטע בלייבט אַ צעמישטע, אַ פאַרגליווערטע, אַ צוגעשמידטע, און דער טעלעגראַפיסט לייגט אַנידער די עטלאַכע פּעקלאַך, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, ער האָט עס, קענטיק, איינגעקויפט אויפן וועג, גייענדיק אַהער, אַלערליי נאַשעריייען, און ער רייבט זיך אַזש די הענט:

— גוט נאַוונט!

זלאַטע וויל אויסשיסן אין אַ געלעכטער, און לייזער־בער שטייט ווי אַן איינגעגראָבענער, ווי אַן אַרויסגעוואַקסענער פון דער ערד, און דעם טעלעגראַפיסט איז אויפגעלייגט אויף דער נשמה און גוט אויפן האַרצן. ער גייט צו צו זלאַטען און נעמט זי אַן פאַר אַ האַנט און זאָגט איר אַ גוט, פאַרצויגן וואָרט, און נאָך עטלאַכע ווערטער, נאָר די ווערטער זיינע פאַלן און הילכן אָפּ, ווי שטיינדלאַך, וואָס מען וואַרפט אין אַ פּוסטקייט. דערנאָך שווייגן זיי אַלע, און עס געדויערט אַ לאַנגע מינוט, און דער טעלעגראַפיסט לאַכט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער. ער ווייזט אַן אויף לייזער־בערן און פרעגט ביי זלאַטען:

— ווער איז ער?

זלאַטע פילט ווי זי עפנט דאָס מויל, ווי זי מאַכט מיט די ליפּן, נאָר זי הערט ניט, אַז עס זאָל עפּעס אַרויסקומען, אַז זי זאָל עפּעס זאָגן. און דער טעלעגראַפיסט גייט צו צו לייזער־בערן, גיט צו אים אַ וואונק מיט אַן אויג און אַ פּאַטש איבער דער פּלייצע. זיי שטייען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, לייזער־

בער און דער טעלעגראפיסט, און זלאטען ווייזט זיך אויס, אז זיי האבן שוין וואס אפגערעדט צווישן זיך, און זי וויל שרייען, אז ניין, זי וויל ניט! און זי קוקט נאר צו זיי אט אזוי־א, מיט א הארץ, וואס איז פוסט און קאלט, ווי א ליידיקער טאפ. זיי קענען ביידע טאן מיט איר, וואס זיי וועלן נאר ווען, אז א ברעקל רחמנות צו איר, און דער טעלעגראפיסט זאגט זאגט עפעס צו לייזער־בערן, זלאטע הערט ניט וואס, און לייזער הויבט גאר אויף א האנט, א שווערע ווי א קלאץ, און גיט א זעץ דעם טעלעגראפיסט, אז דער אלטער גיט זיך א וואקל, און שרייט:

— וואס?!

זלאטע רייסט די אויגן, נאר עס דרייט זיך אלץ פאר איר, ווי אין א ראד, און זי קען נאר כאפן, ווי דער טעלעגראפיסט קלייבט די פעקלאך, וואס ער האט געבראכט מיט זיך, און ווי לייזער־בער שטייט איבער אים און נויט אים דאס צו טאן. זלאטע וויל זיך ארייננמישן, און דער טעלעגראפיסט שטייט שוין אויפן שוועל, נאר ער פארהאלט זיך א רגע, און זאגט צו איר מיט אזא קלארן קול, אז עס שניידט אזש:

— איך האב אייך קיינמאל ניט געוואלט קיין שלעכטס, קיינמאל ניט, איר זאלט עס וויסן!

ער גייט דערנאך גלייך ארויס פון שטוב, פארהאקט נאך זיך די טיר, און זלאטע זיצט און הערט זיך צו, און זי הערט ווי עס הילכן זיינע טריט, אפריהער אין פארהויז און דערנאך איבער דעם לאנגן און פוסטן הויף. און לייזער־בער שטייט פאר איר אינמיטן שטוב, האלט אראפגעלאזט די הענט און קוקט צו דער ערד. עס איז א רחמנות אויף אים צו קוקן, און זי וויל אים צורופן צו זיך און אים דערציילן, אז זי איז קראנק, זייער קראנק, נאר עס ווערט איר מיט אמאל היים אזוי אין אלע אירע אברים און עס מאכן זיך ביי איר צו די אויגן און עס דוכט זיך איר, גוט אזוי, אז זי גליטשט זיך ערגעץ אוועק, ווי אויף א ווייסן, א גלאנציקן שניי. און דערנאך, אז זי עפנט די אויגן, דערזעט זי, אז לייזער־בער שטייט איבער איר, רייסט פון איר שטיקער און שרייט:

— זלאטע! באלעבאסטע!!

זי פארשטייט ניט וואס דא איז, וואס ער שרייט, און

לייזער־בער זאָגט איר, אַז ער האָט געמיינט, אַז זי איז שוין גע־שטאָרבן, און זי הערט אים און פרעגט: — טאַקע? זי ווייסט, אַז ווען מען חלשט איז ניט גוט און אַט האָט זי געחלשט און איר איז גאָרניט שלעכט, נאָר ניין, זי האָט ניט געחלשט, וואו איז דער טעלע־גראַפיסט? לייזער־בער! און זי וויל מאַכן אַ טראָט, נאָר זי דער־פילט, אַז זי קען אַפילו ניט איינשטיין אויף די פיס, זי האָט ניט קיין כוח, און זי גיט אַ פאַל צו צו לייזער־בערן און וויינט זיך פאַ־נאַנדער.

זי וויינט אַ פאַרלאָרענע, און זי איז שוואַך, אַזוי שוואַך, אַז איין גאָט זאָל איר העלפן, און לייזער־בער ווייסט ניט וואָס ער זאָל מיט איר טאָן, און ער בעט זיך ביי איר, אַז זי זאָל אויפ־הערן, און זי וויל אים פאָלגן, נאָר זי קען ניט. זי האַלט זיך שטאַרק איין, נאָר זי כליפּעט נאָך הויך, און אינגאַנצן איז זי אַזאַ מאָדנע, עפּעס ווי אַ ריינער וואַסער, וואָס קוקט זיך דורך, און לייזער־בער וויל איר עפּעס זאָגן, וויל איר עפּעס טאָן, אַז זי זאָל זיך מחיה זיין, נאָר ער ווייסט ניט וואָס, און ער איז גרייט, אויב זי וויל נאָר, ער קען זיך אַפילו פאַנאַנדערוויינען, צוליב איר.

און זי טוליעט זיך צו אים, זי וויל אַז ער זאָל זי גלעטן און האַלדזן, אַז ער זאָל זי טרייסטן, און ער גלעט זי און האַלדזט זי, ער טוט אַלץ וואָס זי וויל. דאָס קאָפּטל אויף איר איז ברייט פאַנאַנדערגעריסן, ווי מיט די נעגל וואָלט מען דאָס געטאָן, און דערנאָך, אַז זי איז צוגעפאַלן צו אים, האָבן זיך אירע גרויסע און פאַרגעסענע ברוסטן אַריינגעלייגט צו אים אין די הענט אַריין. ער האָט עס אַפריער ניט געזען, האָט עס ניט געוואוסט, נאָר באַלד דערפילט ער עס מיט זיין גאַנצן מגושמדיקן גוף, וואָס ער טראָגט אויף זיך, און זי וויל אים דאָ עפּעס אָפּטאָן, ער פילט עס, און ער וויל עפּעס אַרויסשפּייען פון זיך, וויל זיך אָפּ־רייסן פון איר און אַנטלויפן, נאָר ער גיט זי נאָר אַ כאַפּ אויף די הענט, אַז עס דערהערט זיך דאָס קנאַקן פון אירע ביינער אינ־איינעם מיט אַ געשריי, מיט אַן אויסגעשריי. דער אויסגעשריי בלייבט שטעקן אין דער לופטן ווי אַ שפּיז און ער האַלט זי אויף די הענט, גרינג ווי אַ שפּענדל און טייער ווי אַן אוצר, און אַליין איז ער אַ גרויסער און אַ סך ווי אַ באַרג, און ער זוכט, ווי אַ חיה.

אוואו ער זאָל זיך באַהאַלטן מיט איר, און זי עפנט ברייט די אויגן און קוקט אים אָן. זי ווייסט וואָס ער וועט מיט איר טאָן, און אויף איר פּנים פּאַרציט זיך אַ שמייכל ווי אַ דינער הויך. זי האָט קיי־נעם ניט, ער איז איר איינציקער אויף דער גאַנצער וועלט און זי וועט אים אַלץ אָוועקגעבן, די גאַנצע נשמה אירע, ניט צוליב זיך, נאָר צוליב אים אַליין. דער גוף אירער ווערט אַנגעגאָסן ווי אַ קוואָל און זי ליגט ביי אים אויף די הענט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ האַלב־צוגעמאַכטן מויל און ער האַלט זי אין זיינע הענט ווי אין אייזערנע רייפן, נאָר ער רירט זיך מיט איר ניט פון אָרט. ער ווייסט ניט וואָס ער זאָל טאָן מיט איר, ער ווייסט גאָרניט, און ער לאָזט אַרויס פון זיך אַ בּרום, ווי אַ צוטומלטער אָקס. זי עפנט די אויגן, בייסט זיך איין אין אים מיט אַ קוש, נאָר אין אים שטאַרבט שוין וואָס אָפּ, מיט גרויסע שטיקער, און ער שאַרט זי אַראָפּ פון די הענט, שטעלט זי אַוועק אויף דער ערד, ווי עפּעס אַ זאַך אַזאַ, וואָס קען זיך נאָך צעברעכן, און זי שטייט פאַר אים מיט צוגעמאַכטע אויגן, און טאַקע ווי ניט קיין לעבעדיקע. ער קערט זיך אָפּ פון איר, רייסט אָפּ פון איר זיינע הענט, די שפּיץ פינ־גער, און די פינגער זיינען ביי אים ווי אַנגעגליטע שפּיזלען, וואָס שטעכן זיך אַליין, און ער לאָזט זיך לויפן, ניט זעענדיק און ניט הערנדיק פאַר זיך גאָרניט, און זי יאָגט זיך ניט נאָך אים, שרייט ניט צו אים, און ער איז שוין אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זי בלייבט אַליין.

זי איז ניט צוטומלט, ניין, עס לאָזן זיך נאָר ביי איר אַראָפּ די הענט און זי גייט אָפּ צו דער באַנק און זעצט זיך אַנידער, און ניט רואיק און קלאָר אַזוי אַ טראַכט, אַז אַלע אַנטלויפן פון איר, אַלע!

און לייזער־בער, אַז ער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, איז ער געלאָפן ווי פון אַ שׂרפה, ווי פון אַ פייער, נאָר אַז ער איז שפּעטער אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערזען אינדרויסן, ביים טויער, און אַז עס ציט אים צו דער ערד. אין קאָפּ איז אים געווען שווער און פּוסט און איבערן לייב האָט וואָס געציטערט אָפּגעבראָכן און קאַלט, ווי די פונקען פון אַ דורכגעברענטער האָלאַוועשקע, און ערגעץ ווייט האָט מען געקלונגען אין אַ גלאָק, אַז עס האָט געשיפּעט אין די אויערן. ער האָט זיך געוואָלט אַ רים טאָן פון אָרט, אַריינרייסן זיך

אין שטוב און אַנפּאַלן אויף זלאַטען, דערהרגענען זי, דערוואַרגן, פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. עס האָט זיך אים געוואָלט צו־ריק אין שטוב אַריין, צו זלאַטען, אויסציִען זיך פאַר איר מיט די הענט און מיט די פּיס, און זאָל זי זיך איבערבעטן! עס האָט שטאַרק געוויינט אין אים, טיף אין זיין נשמה, און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט וואָס אָנגעוואָרן אין זיין לעבן, אויף שטענדיק שוין, אויף אייביק.

דער הימל, אַן אָפּענער, איז אָנגענייט מיט שטערן, און אַרום איז שטיל און פּוסט, און די נאַכט וויגט און פאַרוויגט זיך אַליין ווי אַ שטילער ניגון אין רו, נאָר באַלד דערהערט זיך פון וויטן, פון אַנהויב גאַס, אַז מען פאָרט שוין פון דער סטאַנציע.

לייזער־בער גיט זיך אַ כאַפּ, וויל אַנטלויפן, וויל זיך באַהאַלטן. נאָר מען איז שוין ניט וויט און אָט איז מען שוין אַריינגעפאָרן אין הויף, מיט אַ קנאַק.

און דערנאָך, אַז מען איז אַריין אין שטוב און מען האָט דער־זען: דער לאָמפּ שטייט נאָך אויפן טיש און ברענט מיט אַ פולן ליכט, און זלאַטע ליגט אין בעט, אַן אָנגעטאָנענע און שלאָפט ניט. זי האַלט אָפן די אויגן, — האָט מען גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז שוין דאָ היינט געווען.

נאָר מאַירקען אַרט עס ניט, עס אַרט אים גאָרניט, ער גיט זיך אַ וואָרף אויף זיין בעטל און ער שלאָפט שוין ווי אַ שטיין, און שמואל גייט זיך אויסשפּאַנען די פערד, און נאָר איין יאָסקע לויפט אַרויס פון שטוב און שרייט:

— לייזער־בער, וואו ביסטו?!

לייזער־בער האָט ניט מורא, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט און יאָסקע גייט צו אים צו און פרעגט ביי אים, אַז וואָס איז דאָ היינט געווען, וואָס?

לייזער־בער קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין, איז ווי אַ אינגל, וואָס נעמט זיך איבער, און ענטפערט צום סוף, אַז ער גייט אַוועק פון דאַנען אינגאַנצן, ער פאָרט אַוועק!

יאָסקע האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ, ווי ער איז איצט, און ער קוקט און וואונדערט זיך:

— וואוהין פאָרסטו?

לייזער־בער האט געלייענט פאר זלאטען וועגן אפריקע. און ער ענטפערט:

— אין אפריקע!

עס ווערט אים פריידיק אויף דער נשמה און ווארים אין אלע זיינע אברים, און יאסקע הויבט ניט אן צו פארשטיין וואס דא טוט זיך, און עס מישט זיך אין אים אי כעס, אי שרעק: — אלע זיינען משוגע געווארן. אלע!

XVIII.

לייזער־בער האט ארויסגעפירט פון שטאל די צוויי נידעריקע, קיילעכיקע בולאנטשיקעס, האט זיי איינגעשפאנט אין דעם גרינגן פאיעטאן און איז געשטאנען מיט זיי און האט געווארט אויף מאיר־קען. די בולאנטשיקעס זיינען פון א ריינעם בלוט, און ווי נאר מען שפאנט זיי איין, אזוי רייסן זיי זיך אין דער לופטן, און מאירקע קומט באלד ארויס פון שטוב און גייט צו און נעמט אריין די לייצעס. ער איז שוין מיט איין פוס אויף די קאזלעס, און לייזער־בער לאזט אפ די צוים, נאר דא, — צי א בייזע פליג האט זיי א ביס געטאן, די ביידע פערדלאך אויף אמאל, צי דער ניט־גוטער אליין ווייסט וואס זיי זיינען משוגע געווארן, נאר זיי האבן זיך פלוצלונג א שטעל אוועק געגעבן דיבאם, פון דער העלער הויט, און א שאם אין דער לופטן.

מאירקע האט זיך גלייך אראפגעקייקלט פון פאיעטאן, ווי א שייטל האלץ, און איז געבליבן ליגן אויף דער ערד, ווי א שטיין, און די פערדלאך טראגן זיך ווי א וואלקן, און דער פאיעטאן, א צוגעבונדענער צו זייערע פיס, יאגט זיי נאך מיט א קלאפן, מיט א טראסק, און אט־אט און זיי וועלן ארויספליען אויף דעם הויכן, צוגעמאכטן טויער און עס איז אוים פערדלאך און אוים פאיעטאן.

אין הויף ווערט מיטאמאל פוסט און פארגליווערט ווי אויף א בית־עולם, עס האט ביי אלעמען אפגענומען דער אטעם, דער

לשון, און זיי זיינען געבליבן פארשטיינערטע פון שרעק. נאר איין לייזער־בער גיט זיך באלד א ווארף צו די פערד, ווי א פייל פון בויגן, אז עס רייסט זיך ביי אלעמען ארויס א געשריי — ער וועט צוטראטן ווערן א לעבעדיקער! נאר ער שטייט שוין גראדע אין פאיעטאן, אן איינגעגעסענער מיט זיינע פיס, מיט אלע זיינע אברים. שטייט ווי א לייב, ווי א אדלער. ער האלט פאנאנדערגעשפרייט די הענט, ווי צוויי אזייערנע שטאנגען, און אין די הענט האלט ער די לייצעס. און די לייצעס זיינען אנגעצויגן, אז מען קען אויף זיי שפילן, און די פערדלאך זינקען שוין אין דער ערד מיט זייערע הינ־טערשטע פיס און מיט די פאדערשטע ווארפן זיי אין דער לופטן. נאר רירן זיך פון ארט קענען זיי ניט, זיי קענען ניט, לייזער־בער האלט זיי אין זיינע הענט און דאס אלץ, באגאסן מיט דער בלוי־רויטער שיין פון דער פארנאכטיקער זון, איז אזוי שיין, אז עס ווערט אוים מיטן שרעק. אין הויף ווערט א טומל, א רעש, מען רינגלט ארום די צעיושעטע פערד, און לייזער־בער לאזט ביסלאכווייז אפ די לייצעס, שטארק אויסגערעכנטע, און אימיצער פון די ארומיקע זאגט הויך אויפן קול:

— ער איז ווערט א מעדאל!

די פערדלאך שטייען מיט אראפגעלאזטע קעפ און עס שלאגט פון זייערע לייבער א ווייסער, אן אויפגעקאכטער שוים, ווי אנגע־ריבענע זייף, און זיי אטעמען שווער מיט זייערע איינגעשרומפטע בייכער און עס ברעכן זיך ביי זיי די קני, עס קנאקן די קנעבלאך. און אט הויבט זיך שוין מאירקע אויך אויף פון דער ערד, קוים א לעבעדיקער, ער האלט זיך פאר א פוס, ביי א זייט, און ער גייט צו צום רעדל, צו דער שמחה און זאגט צו לייזער־בערן:

— מאלאדיעץ!

לייזער־בער קריכט אראפ פון פאיעטאן, וויל אים איבערגעבן די לייצעס, נאר מאירקע שאקלט מיטן קאפ אויף ניין. ער האט שוין זיינס אפגעפארן...

ארום ווערט שטיל, אז עס בלייבט שטעקן אין דער לופטן אן אפגעריסענער אטעם. און אימעצער גייט אינגאנצן אוועק אן א זייט, און אימעצער קערט אפ דעם קאפ, און לייזער־בער שטייט מיט אראפגעלאזטע אויגן, ער שעמט זיך עפעס, און מאירקע רעדט

צו אים מיט ווערטער, וואס זיינען זאפטיק און פול, ווי א צייטיקע פירה, אז זאל ער נעמען די פערדה, דעם שפאן און זאל ער ווערן א מענטש!

מאירקע גלעט די פערדלאך, און די פערדלאך וויסן זיין האנט, האבן זי ליב, און ער געזעגנט זיך מיט זיי:

— דו ווייסט וואס דאס זיינען פאר א פערדלאך? דאס זיינען סוסים ניט קיין פערד! דער פריץ, אז ער האט זיי מיר פארקויפט, האט ער געוויינט ווי א קינד, האט געכאפט די פאפלעקציע...

מאירקע וויינט, זיין יעדער ווארט איז א טרער, א שטיק נשמה ארויסגעריסן מיט די אייגענע הענט, און לייזער־בער שטייט א שולדיקער און ווייסט ניט וואס צו טאן. מאירקע זעט, אז לייזער־בער איז אים געטריי, און עס ווילט זיך אים צופאלן צו לייזער־בערן און עפענען פאר אים די גאנצע הארץ זיינע:

— איך האב דיך ליב, לייזער־בער, זאל איך שטארבן, אז איך האב דיך ליב, און מיך ארט ניט, נאר מיר איז פאסקודנע, אך, ווי מיר איז פאסקודנע!

נאר אט פארט מען שוין ארויס פון הויף, היינט שטילער איידער אלע מאל, און מאירקע בלייבט אליין. אין הויף איז פוסט, אויסגע־ליידיקט, און מאירקע שטייט אין מיטן הויף און פירט מיט די אויגן. ער וויל עפעס א טראכט טאן, וויל עפעס פארשטיין, נאר עס פארשטייט זיך ניט. עס וויינען ביי אים די הענט, וואס זיינען שווער אראפגעלאזט, די נעגל, וואס שנײַדן מיט א שארפקייט, און די שווע־רע האר אויפן קאפ, וואס שטעכן ווי געבראכענע שפיזלען. ער דער־פילט, אז ער וואקלט זיך, אז ער וועט באלד אומפאלן, און ער שלעפט זיך אריין אין שטוב. ער וויל צוגיין צו זלאטען, זי זיצט ביים פענ־צטער, און זי האט אלץ געזען, צוגיין צו איר, אוועקשטעלן זיך פאר איר און איר זאגן:

— נא, האסט אויסגעפירט, מעגסט זיך פרייען!

נאר ער גיט זיך א ווארף אויף זיין בעטל, און גראבט איין דעם פנים אין דער הארטער קישן. אזוי וויינט אמאל א דער־וואקסענער מענטש, אן אלטער מענטש...

XIX.

אויפן טיש ברענט נאך דער לאמפ און אין חדר ציטערן שאטנס. מאירקע ליגט אן אויסגעצויגענער, האלט אפן די אויגן, און אין קיך, אויף דער אנטקעגנדיקער וואנט, ברעכט זיך א שאטן, ווי די אפשפיגלונג פון עפעס א משונהדיקער באשעפעניש. מאירקע וויל זיך פאנאנדערלאכן, הויך אויפן קול.

ערגעץ ווייט, דרויסן פון דער נאכט און פון אלץ, איז שוין זייער שפעט און די שפעטקייט קלאפט און הערט זיך, ווי אז אדער וואס איז פארלארן טיף אינם לייב.

זלאטע קוקט צו מאירקען פון איר בעט, און טראכט צו אים די גאנצע צייט, אז א מענטש דארף אלץ קענען אריבערטראגן. אט זאל ער א קוק טאן אויף איר, וועט ער זען. איר איז, דוכט זיך, גענוג שלעכט, זי לײדט, דוכט זיך, גענוג און פונדעסטוועגן שווייגט זי און גארניט. זלאטע איז איצט אינגאנצן פארנומען מיט זיך, זי טראכט נאר וועגן זיך, און פאר די לעצטע עטלאכע טעג איז זי קליגער און עלטער געווארן אויף יארן און יארן. פון יענער נאכט אן, ווען זי איז געזעסן מיט לייזער־בערן, און ער האט פאר איר געלייענט און אינמיטן איז געקומען דער טעלע־גראפיסט און דערנאך איז זי געבליבן אליין מיט לייזער־בערן, — זי האט זיך דערזען אזא ווי זי איז, האט זיך דערזען ווי אין א שפיגל.

זי האט דערנאך לאנג געטראכט, האט זיך לאנג געמאטערט, און איצט ווייסט זי שוין, אויף געוויס: עס שטעקט אין איר א קליפה אזא, זי איז אינגאנצן קליפה, און זי ווייסט וואס זי דארף טאן: זי דארף זיי דא איבערלאזן, אלעמען, זי טאר קיינעם ניט טשעפען, טאר קיינעם ניט פארביטערן דעם לעבן. זי דארף אוועקגיין צוריק אין די נאמערעס. אליין, אז קיינעם ניט. זי וויל עס ניט, איין גאט אין הימל ווייסט, אז זי וויל לעבן ווי אלע מענטשן, נאר מסתמא איז איר שוין באשערט אזוי, און מיטן מזל קען מען זיך ניט שלאגן. זי וויל נאר, עס פארדריסט איר, זי שווערט, אז עס פארדריסט איר, פאר וואס זי האט זיי אזוי פיל געמאטערט. זי האט זיי אלעמען ליב, אלעמען, אי מאירקען, אי יאסקען, אי שמואלן אפילו, ער איז אויך א מענטש

און אים איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין, אַ מענטשן אַז אים איז שלעכט קען ער ווערן ווי אַ וואָלף. און לייזער־בער איז אַ וואוילער בחור, זייער אַ וואוילער, כאָטש ווען ער אַנטלויפט ניט דעמאָלט פון איר. ווען ניט ער, וואָלט זי נאָך אפשר לאַנג געלעבט אין איר פאַרבלענדעניש. נאָר וואָס איז ער שולדיק, אַז זי איז אַזאַ? וואָלט ער שולדיג געווען, ווען זי איז אַ קרעציקע? און דאָס איז דאָך טויזנט מאָל ערגער פון קרעץ, זי ווייסט סיידען ניט? הלואי וואָלט זי ניט פאַרשטאַנען, ווי זי פאַרשטייט. זי וואָלט נאָך אפשר געוואַרט, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און מען דאַרף זי ניט טרייבן, מען דאַרף זי ניט יאָגן, גיין אין די נאָמע־רעס איז דאָך פונקט ווי אין גרוב אַריין, ווי אין קבר אַריין. נאָר אַז עס האָט היינט געטראָפן מיט מאַירקען דאָס וואָס עס האָט געטראָפן, זי זעט דאָך, אַז ער איז שוין אויס מענטש, אַז ער קען שוין ניט איינשטיין אויף די פיס, קען שוין ניט האַלטן קיין לייצע אין די הענט, איז זאָל נאָר טאָג ווערן און זי וועט אַוועקגיין. זי וועט אַוועקגיין און ער וועט צוריק ווערן אַ מענטש, זי ווינטשט עס אים מיטן גאַנצן האַרצן, זי האָט צו אים גאָרניט. וואָס זאָל זי צו אים האָבן? און זי אַליין איז אויך ניט שולדיק, זי איז פון געבוירן אַן אַזאַ.

די נאַכט ציטערט לעבעדיק, און מאַירקע גיט זיך פלוצלונג אַ ריס פון בעט און לויפט אַרויס פון שטוב. ער האָט דערהערט, האָט דערפילט, מיט זיין הויט, מיט זיין לייב, אַז ערגעץ ווייט, אַהינטער דער שטאָט נאָך אפשר, נאָר מען פאָרט שוין פון דער סטאַנציע. ער איז אַרויס פאַרן טויער און פון ווייט האָט זיך טאַקע באַלד דערהערט דאָס לויפן פון פערד, דאָס קלאַפּן פון פאַיעטאָנען. ער האָט זיך צוגעהערט, האָט ברייט פאַנאַנדערגע־עפנט דעם טויער, האָט אַלץ צוגעגרייט, מיט געזונטע, מיט פריי־דיקע הענט, און דערנאָך איז ער געשטאַנען און געוואַרט, און די רגעס אַרום אים זיינען געפאַלן מיט אַ קלונג, און ווי פאַר־ביקע שטיינדלאַך.

און אַט איז מען שוין גאָר נאָענט, און אַט איז מען שוין אַריינגעפאָרן אין הויף מיט אַ רעש, מיט אַ געפּילדער, און מען האָט גענומען אויסשפּאַנען די פערד. —

מאירקע איז שטארק געווארן פארטאָן, פארהאַוועט, איז אומ־געלאָפן אַהער און איז אומגעלאָפן אַהין, האָט געהאָלפן דאָ דעם, דאָ יענעם און ער האָט אַלץ געוואָלט פרעגן, וואָס אַזוינס עס האָט זיך דאָרט געטאָן ביי דער סטאַנציע, ווי אַזוי איז מען געפאָרן אַהין, און ווי אַזוי איז מען געפאָרן צוריק. נאָר ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען, אַז מען דאַרף פון אים לאַכן, און ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון אַלעמען. האָט זיך צוגענומען און איז שטיל אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, ווי אַ שאָטן. ער האָט געזען, אַז ער איז דאָ אַן איבעריקער, אינגאַנצן אַן איבעריקער, און ער האָט קוים געקאָנט אויפהויבן זיינע הענט און פאַרשטעלן זיך דעם פּנים — זאָל מען אים באַגראָבן, אַ לעבעדיקן!

נאָר קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, ניט באַ־מערקט אַפילו, און אַט איז מען שוין פאַרטיק געוואָרן מיט די פערד, מיט די פּאַיעטאָנעס און מען איז אריין אין שטוב. אין שטוב איז שוין געווען ליכטיק, טאָג, און זלאַטע איז אַרומ־געגאַנגען אַן אָנגעטאָנענע און אויפן טיש האָט געקאָכט דער סאַמאָוואַר.

מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און זלאַטע האָט דער־לאַנגט דאָס עסן. יאָסקע מיט שמואלן האָבן געגעסן געשמאַק און אַ סך, ווי אַלע מאָל, און לייזער־בער איז זיך געזעסן אַן אַ זייט, אויך אַזוי ווי אַלע מאָל, אָט ווי גאָרניט, ער האָט זיך אַ קאָפּ ניט געגרויסט, נאָר מאירקע האָט אַלץ געקוקט אויף אים און האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט אים געדאַרפט צוברעכן רוק און לענד, אָפּשלאָגן אים די לונגען!

מאירקע האָט זיך אַפילו ניט צוגערירט צום עסן, און עס איז היינט דער ערשטער פרימאָרגן פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, אַז ער איז נאָך ניט געווען אין שיינק. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ שיינק אויף דער וועלט, און ער ווייסט איצט, אַז אים איז טאַקע ניט גוט, אַן חכמות, אַן קאַטאָוועס.

ער קוקט אויף אַלעמען, ווי זיי עסן געשמאַק, אָנגעהאָרעוועטע, פאַרטאָנענע, ווי מענטשן, און ער איז זיי מקנא, ביז טרערן, ביז ווייטיק, — זיי באָדן זיך אַלע אין זיין בלוט!

ער וויל זיך אריינמישן, אויפהויבן אַ געשריי, אַ געשלעג,

אדער קריכן צו זיי אונטער די נעגל, ווי א ווארעם, אבי זיי זאלן אים אריינגעמען אין קאן! און זלאטע קוקט אויף אים פון דערווייטן און שווייגט. זי טוט גארניט. זי ווייסט, אז עס איז היינט דאס לעצטע מאל, וואס זי דערלאנגט צום טיש. וואס זי איז אין דער היים, און זי קוקט ווי זיי עסן און קלייבט שטיל פון זיי נחת — זאלן זיי, זאלן זיי...

און יאסקע האט זיך שוין דערווייל אונטערגעפאקט דאס הארץ, ער איז שוין ניט הונגעריק, ער קייט נאר גלאט אזוי, און ער דערציילט קיוענדיק, אז לייזער־בער איז א מאלאדיעץ! ער האט גלייך צוגעכאפט אלע פארשוינען, האט דער ערשטער אנ־געפאקט זיין פאיעטאן, און אז ער האט זיך דערנאך ארויפגע־כאפט אויף די קאזלעס, איז ער געזעסן ווי א קייסער!

יאסקע איז זאט און צופרידן און ער פלאפלט מיט הנאה, און מאירקע קען עס שוין מער ניט אריבערטראגן, און ער וויל זיך אויפהויבן פון טיש, וויל ערגעץ אוועקגיין, אנטלויפן, נאר דא דערפילט ער, אז זלאטע שטייט לעבן אים, פון הינטן, און אירעביידע הענט ליגן ביי אים אויף די אקסלען. ער וויל אויפ־שפרינגען פון ארט:

— וואס ווילסטו נאך פון מיר? ווייניק נאך!!

נאר ער זיצט א צעגויפגענומענער, ווי ער וואלט מורא גע־האט, אז איין ריר און ער וועט זיך צעברעכן און זלאטע מאכט א טראט נאענטער צום טיש און הויבט אן צו רעדן. זי האט געוואוסט וואס זי וויל זאגן, נאר אז זי האט אנגעהויבן צו ריידן, איז איר נאנצער מוח געווארן ווי א שמאטע, און זי האט נאר געקענט ארויסקוועטשן פון זיך א פאר ווערטער, שווערע אזעל־כע, ווי זי וואלט זיי ארויסגעשטופט פון אונטער דער ערד, אז זי גייט צוריק אוועק אין די נאמערעס, און זיי דא, אלע, זיי קענען אפילו פארגעסן אן איר, אינגאנצן, אויב זיי ווילן נאר...

זי איז געשטאנען פאר זיי א בלייכע, מיט רויטע פלעקן אויף די באקן און מיט א טויטן שפיץ נאז, און יאסקע האט זיך דער ער־שטער א ריס געטאן פון ארט און — א זעץ אין טיש:

— מאירקע?!

נאר מאירקע זיצט ווי ער וואלט געשלאפן, איז ווי א תם, און

זלאַטע שאָקלט זיך צו מיטן קאָפּ, און רירט פּאַמעלאַך אַז יאַסקען פאַר אַ האַנט:

— טשעפּע אים ניט...

און זי לאָזט זיך שוין גיין צו דער טיר, טאַקע אַוועקגיין, נאָר אויפן שוועל שטעלט זי זיך אָפּ, פאַרהאַלט זיך אַ רגע — זי וויל, אַז מען זאָל זי כאָטש באַגלייטן, אַז אימיצער זאָל כאָטש צוגיין צו איר, און לייזער־בער הויבט זיך טאַקע אויף, מיט אַראָפּגע־לאָזטע הענט, און קומט צו איר צו.

זלאַטע גיט נאָכאַמאָל אַ קוק אויף זיי, אויף אַלעמען, וויל זיי אָנזאָגן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן מאַירקען, זאָלן אַכטונג געבן אויף אים, און דערנאָך גייט זי פּאַמעלאַך אַרויס פון שטוב, אינאיינעם מיט לייזער־בערן, און פאַרמאַכנדיק שטיל נאָך זיך די טיר.— — —

ביי לייזער־בערן—אַז געגאַנגען איז געגאַנגען, עס הילכן שטאַרק זיינע טריט, נאָר באַלד ווערט עס אויך אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט, און שמואל גיט זיך אַ הויב אויף פון טיש, גייט אָפּ אין אַ זייט, און עס קאָכט אין אים ווי אין אַ קעסל. ער וואָלט איצט צוגעגאַנגען צו מאַירקען, און וואָלט אים אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין, אַז עס זאָל דערלאַנגען ביז צו דער זיבעטער ריפּ: — וואָס ביזטו פאַר אַ מענטש אַזאַ? זאָג!

נאָר מאַירקע זיצט ווי אַ תם, עס קערט פון אים די גרינע גאַל, און שמואל קערט זיך טאַקע אָפּ פון אים, נאָר ביי יאַסקען ברענען שוין די אויגן, און ער שרייט צו שמואלן:

— דו רייצסט זיך נאָך? האַ?!

מאַירקע קוקט זיי ביידן אָן, און יאַסקע לייגט אויף אים אַרויף אַ האַנט און זאָגט אים אַזוי ווייך, ווי אַ שוועסטער:

— גיי, לייג זיך בעסער...

XX.

און זלאַטע איז געקומען אין די נאָמערעס, ווי צו זיך אַ היים. זי האָט אַפילו ניט געפרעגט ביי דער באַלעבאָסטע, צי מען דאַרף זי, צי מען וויל זי. זי האָט זיך גלייך איבערגע־

טאָן אין אַנדערע קליידער, אין יענע בגדים, האָט הויך אין אַ קובליק פאַרקאָמט די האָר, און די באַלעבאָסטע, אַז זי האָט זי דערזען, אַט אַזאַ אַ, האָט ביי איר אַזש אַ טאַנץ געטאָן די נשמה, — פאַר פרייד. נאָר זאָגן איר האָט זי גאָרניט געזאָגט.

דער טעלעגראַפיסט איז אַרויס פון זיין חדר — ער וואוינט אין די נאָמערעס פון שטענדיק אָן, שוין פון יאָרן — האָט אַ קוק געטאָן אויף זלאַטען, האָט זי דערזען, איז צוגעלאָפן צו איר און האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. עס האָבן זיך געשטופּט פון אים אַ סך זאַכן אויפאַמאָל, אַ סך ווערטער אויפאַמאָל, און ער האָט פאַמעלאַך אַרויסגעלאָזט אירע הענט, האָט זיך שאַרף פון איר אָפּגעקערט און איז צוריק אַריין צו זיך אין זיין חדר.

די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען פון דערוויטן, האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף זיי און איז געבליבן צופרידן.

נאָר אַז עס איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער טאָג, די ערשטע וואָך, האָט זיך די באַלעבאָסטע ביסלאַכווייז אַרומגעזען, אַז זלאַטע איז גאָר עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדערע, ניט די זעלביקע זלאַטע, ניט דער זעלביקער מענטש! אַמאָל, ווען זי איז דאָ פריער געווען, איז זי שטענדיק אומגעגאַנגען אַ בעס׳דיקע, אַז מען האָט ניט געקענט אויסריידן צו איר אַ וואָרט, און די באַלעבאָסטע האָט טאַקע אָפט פאַר איר מורא געהאַט, אָבער איצט מעג מען איר אַלץ זאָגן, הייסן, און זי טוט אַלץ, פאָלגט אַלץ, און שווייגט. די באַלעבאָסטע האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט געווען זיין צופרידן, און זי איז טאַקע צופרידן, נאָר אין זלאַטעס שווייגן און פאָלגן שטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען עס ניט אַריבערטראָגן. עס איז שווער, עס מאַכט שולדיק, און די באַלעבאָסטע וויל אַמאָל צוגיין און פרעגן ביי איר:

— זאָג מיר נאָר, וואָס איז אַזוי גרויס מיט דיר דער יחוס? איך קען דיר אינגאַנצן הייסן גיין פון דאַנען!

דער קאָרידאָר, וואָס טיילט פאַנאַנדער די נאָמערעס איז אַ לאַנגער, אַ שמאָלער און אַ פינסטערער. זלאַטע באַגעגנט זיך דאָ אָפט מיטן טעלעגראַפיסט, יעדן טאָג כמעט, אין דער פרי און אין אָוונט, און שטענדיק ווען זיי באַגעגענען זיך, — דער טעלעגראַפיסט וויל צו איר צוגיין, וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר ער

לאזט אראפ דעם קאפ, די אויגן, און גייט אויף גיך דורך פארביי איר, שטיל און שטארק אפגעהיט, אז ער זאל זי ניט אנרירן און זי קוקט אים נאך און טראכט, אז ער דארף פאר איר ניט מורא האבן, זי טראגט ניט אויף אים קיין הארץ, זי האט צו קיינעם גארניט, זי איז נאר אומגליקליך, אליין ביי זיך, און גענוג.

און איינמאל, אין עטליכע וואכן ארום — דער טעלעגראפיסט איז פלוצלונג צוגעגאנגען צו איר, האט זי שטארק אנגענומען פאר א האנט און האט זי ארייננעפירט צו זיך אין חדר. ער האט זי אנידערגעזעצט אויף א שטול, און אליין האט ער זיך אראפגעלאזט אויף דער קאנאפע, אנטקעגן איר. עס האט אויסגעקוקט, ווי ער וואלט זיך געקליבן צו דערציילן איר א סוד.

אין חדר איז געווען שרייאיק־שטיל און ער האט לאנג געקוקט אויף איר און האט לאנג געשוויגן. זיינע אויגן האבן געקוקט אומעטיק־באנק און דער מויל זיינער האט מאדנע געשמייכלט, אין א מאדנעם טרויער. אז זלאטע האט ניט געוואוסט וואס ער וויל פון איר, צי וויל ער, אז זי זאל בלייבן ביי אים נעכטיקן, אדער ער וויל, אז זי זאל אוועקגיין, באלד.

נאר ער האט זיך שוין צוגעבויגן צו איר און האט אנגעהויבן צו רעדן, מיטן גאנצן הארצן — ער ווייסט ניט, צי ער האט איר טאקע שלעכטס געטאן, נאר אויב יא, בעט ער, אז זי זאל אים מוחל זיין!

ער האט ניט געווארט, אז זי זאל אים וואס ענטפערן אויף דעם, ער האט ווייטער גערעדט. ער האט זיך נאך נענטער צוגעבויגן צו איר און זיין אטעם איז געווען א הייסער און א געהאקטער אין שטיקלאך, אין ברעקלאך: —

ער איז אלט, ער איז אן אלטער, ער וואלט שוין געקענט האבן אזעלכע טעכטער ווי זי. וואלט שוין געקענט פון די טעכטער האבן אייניקלאך, וואס זאלן נאכלויפן נאך אים און שרייען: זיידע! זיידע! נאר דאס לעבן לאכט זיך אויס פון דעם, וואס עס וואלט געקענט זיין, דאס לעבן וויל נאר וויסן און ווייסט נאר דאס וואס עס איז! ער האט קיינעם ניט, אויף דער גאנצער וועלט ניט, און זאל זי אים גלויבן, אויב ער וועט איר זאגן, אז געטריבן צו איר האט אים נאר זיין אומעט, דאס, וואס ער איז

שטענדיק אליין. ער וויסט: זי קען אים ניט מוחל זיין, דארף אים ניט מוחל זיין, ער האט שטארק געזינדיקט קעגן איר, מיאוס געזינ־דיקט. ער האט דאך געוואוסט, אז זי האט שוין א מאן, טא וואס איז ער געלאפן? און זי דארף אים ניט גלויבן, זי מעג אים רופן ליגנער, זי מעג אים אפילו אויספאטשן, אויב זי וויל, זי מעג אלץ. נאר ער שווערט איר, אז ווען ער וואלט איצט געווען אביסל אינגער, באטש אויף א יאר צען, אויף א יאר פופצן, וואלט ער געקומען צו איר און וואלט איר געזאגט: זלאטע, לאמיר אוועקפארן ווייט, ווייט — — —

ער האט נאך לאנג גערעדט, אין דעם זעלבן שטייגער, און זי האט ניט פארשטאנען זיינע רייד, האט ניט פארשטאנען וואס ער וויל, זי האט נאר געזען, אז ער באקלאגט זיך פאר איר, און דאס איז געווען פאר איר אזוי ניי, אז זי האט געקוקט מיט גרויסע אויגן, און ער האט צום סוף א כאפ געטאן איר האנט און האט זי צוגעטראגן צו זיינע ליפן.

ער האט זיך אויפגעהויבן פון ארט, האט נאך געהאלטן איר האנט, און זי האט ניט געוואוסט, וואס זי זאל טאן, וואס זי דארף איצט טאן, צי דארף זי זיך אויסטאן און ארייינלייגן זיך אין בעט, אדער — — — נאר ער האט זי שוין צוגעפירט צו דער טיר און האט נאך אמאל א קוש געטאן איר האנט:

— א גוטע נאכט!

ער איז געשטאנען אויפן שוועל, האט איר נאכגעקוקט, און זי איז אריין צו זיך אין חדר און האט זיך גלייך ארייננעלייגט אין בעט. זי איז אינגאנצן געווען אן אויפגעטרייסלטע, א צעט־טומלטע, אט ווי זי וואלט פלוצלונג אריינגעפאלן אין א נייער וועלט, וואו אלץ איז ניי, די מענטשן, די זאכן, און זי האט ניט געוואוסט וואס צו טראכטן, האט ניט געוואוסט צי דער טע־לעגראפיסט האט געטאן מיט איר גוטס, צי האט ער געטאן מיט איר שלעכטס, און צי האט ער זי ליב, אדער אפשר האט ער זי פיינט. זי האט נאך אמאל און נאך אמאל איבערגעטראכט, וואס ער האט גערעדט צו איר, מיט וואס פאר א ווערטער, און ווי אזוי ער האט געקוקט אויף איר, און ווי אזוי ער האט געקושט איר האנט, און זי האט שארף דערפילט, ווי א בליץ וואלט זי

צעשפּאָלטן אויף צווייען, אַז יאָ, ער האָט זי טאַקע ליב, יאָ! זי איז געלעגן אַ נאַקעטע און די פרייד האָט זיך געגאָסן אויף איר, ווי אַ נעדיכטער רעגן, און זי האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער זשאָלעוועט זי, ער דאַגהט פאַר איר, ווי זי וואָלט געווען זיינע אַן אייגענע, ער נעמט זי אַריין אין איין קאָן מיט זיך! ער רעדט זיך פאַר איר אַראָפּ פון הארצן, ער וויל זיך מיט איר חברן — זי האָט זיך אַזש אַ ריס געטאָן פון בעט. זי האָט פאַרגעסן וואו זי איז און וואָס מיט איר איז און זי וועט באַלד צולויפן צו מאַירקען: — זעסט, אהאַ?!

נאָר ניין, זי וויל זיך מיט אים ניט רייצן, זי וויל אים נאָר ניט אויפוואַרפן, זי וויל נאָר, אַז ער זאָל זיין לעבן איר, שטענדיק, עס איז אַזוי ניט גוט, אַז מען איז אַליין, איינינקע אַליין.

די הענט אירע טאַפּן אַרום זיך, טאַפּן די ליידיקע בעט און זי אַליין איז ווי אַ פאַרלאָרן קינד. עס קלעפּן זיך ביי איר די אויגן, צווישן די דעקלאַך ווערט צעקוועטשט אַ טרער און באַלד דערהערט זיך, ווי זי אָטעם שטיל און רואיק, ווי זי שלאָפט רואיק איין.

XXI.

און וואָס טראַכט מאַירקע? טאַקע, וואָס טראַכט ער זיך? שמואל האָט אַלץ געוואָרט, אַז ער זאָל עפּעס טאָן, איז ער אַ מענטש אָדער ניט? נאָר מאַירקע האָט גאָרניט געטאָן, ער האָט זיך אפילו פון אָרט ניט גערירט, און שמואל האָט געחלשט אים זאָגן, אַז ער איז אַ נבלה, טפו!

שמואל האָט זיך שוין דערנאָך מער איינגאַנצן ניט געמישט, האָט פון גאָרניט געוואָלט וויסן, און אַז יאָסקע איז איינמאָל צו־געגאַנגען צו אים און ביי אים געפרעגט אַן עצה: — וואָס־זשע וועט פאָרט זיין?

האט אים שמואל אפגעענטפערט קורץ און שארף, איינמאל פאר אלעמאל:

— טשעפע זיך אפ פון מיר, הערסט?!

ביי שמואלן האבן געבליצט די אויגן, און ער האט נאר. דוכט זיך, געוואַרט, אז יאסקע זאל נאך עפעס זאגן, ער וואלט אים דעמאלט געוויזן, נאר יאסקע איז ניט נתפעל געווארן פון אים. אמאל האט ער אים טאקע ניט ליב געהאט, ער האט זיך פשוט געשראקן פאר אים, נאר איצט קען ער אים שוין, ווייסט ווער ער איז:

— וואס מאכסטו זיך פאר א גזלן, וואס? ביזט אזא מענטש ווי אלע!

ער זאגט עס אים אבער ניט, ער טשעפעט זיך טאקע אפ פון אים, נאר ביי זיך אליין איז נאך יאסקע לאנג אומגעגאנגען מיט א שטיין אויפן הארצן, און ער האט נאך לאנג געטענהט צו מאירקען, אז וואס שווייגט ער, וואס? זאל ער לויפן, זאל ער טאן, האט זי מיט אים חתונה געהאט, צי ניט? יא, צי ניט? איז מוז זי! ער קען זי אפילו ברייננען מיט פאליציי!

יאסקע קאכט זיך און שרייט, און מאירקע לאזט אין זיך אריינטענהן, ווי אין א פעסל, עס ארט אים ניט, נאר קוקן קוקט ער דערביי אזוי, אז יאסקע ווייסט ניט, צי זאל ער זיך פאנאנדערלאכן, צי וואס:

— דו מיינסט, אז דו ביזט דא דער חכם, הא? מען זעט טאקע!

נאר מאירקען ארט דאס אפילו אויך ניט. ער ליגט זיך דעם גאנצן טאג, אן אויסגעצויגענער אויף זיין בעטל, ווי ער וואלט געווען א געליימטער, אז עס ווילט זיך אמאל א כאפ טאן אן עמער מיט וואסער און אפגיסן אים פון קאפ ביז די פיס. דאס פנים זיינס איז שווארץ ווי די ערד, די אויגן זיינען רויטע, פארלאפענע, און דער מויל איז צענויפגעביסן, אז עס כאפט ארום י שרעק, ווען מען גיט אויף אים א קוק.

ער טוט, דאכט זיך, גארניט, קיינמאל ניט, נאר עפעס היט ער פארט, שטענדיק, היט ווי א הונט. און עפעס קלייבט זיך אין אים, ער ווייסט אליין ניט וואס, נאר ער ליגט און הערט זיך

צו און ציילט, דוכט זיך, ווי עס קלייבט זיך אין אים א קערנ־דעל צו א קערנדל, ווי גרויפן אין א טאפ. ער רעדט קיינמאל ניט וועגן זלאטען, דערמאנט ניט אפילו איר נאמען, נאר ער ווייסט, וואו זי איז און ווייסט וואס זי טוט און וואס מיט איר איז, ווייסט עס צו יעדער רגע פון טאג און ווען מען וואלט ביי אים פלוצלונג א פרעג געטאן: — האסט זי ליב ?

וואלט ער רואיק געענטפערט :

— יא.

ער קען זי ברייגנען אהיים, ווען ער וויל נאר, אפילו באלד, די זעלבע רגע, — אט לויפט ער אוועק, נעמט זי א כאפ פאר די האר און שלעפט זי איבער דער גאס און ברייגגט זי אהיים. נאר מען וועט נאך זען — —

און אמאל ביינאכט, ווען אלע זיינען ביי דער סטאנציע, און ער ליגט אן אויסגעצויגענער און איז אליין און ארום איז שטיל, און די שטילקייט קריכט אריין אין דער נשמה, ווי א וואר־רים, ווי א פיאווקע, אז מען קען ארונטער פון זינען, ווילט זיך אים ארויסקריכן פון בעט און נעמען און באגיסן מיט קעראסין, אלץ, אי די שטוב, אי דעם הויף, אי די שטאל, און צולייגן א שוועבעלע, — זאל ברענען !

זלאטע האט איבערגעלאזט א באלעבאטישקייט, ווען זי איז אוועק אין די נאמערעס, הלואי אויף אלע אידישע הייזער, נאר א באלעבאטישקייט אז א באלעבאסטע איז דאך ווי א שיף אן א רודער, ווי א לעבערדיקער זאק, וויפיל מען זאל ניט שטאפן אהין, גליטשט זיך אלץ מער ארוים פון דארט. עס איז ניטא ווער עס זאל קאכן, און דאס גאנצע עסן זייערס, וואס זיי עסן איצט באשטייט נאר פון ברויט מיט הערינג און הערינג מיט ברויט, און אז מען עסט ברויט מיט הערינג, בעט זיך שוין אליין פון זיך אביסל בראנפן, און יאסקע מיט שמואלן גייען טאקע שטענ־ארום ווי אין א חלום. נאר שמואל ווי שמואל, אבער יאסקע ווייסט קיינמאל ניט זיין מאס : אדער ער דערטרינקט ניט און דעמאלט איז אים אזוי אומעטיק אויפן הארצן, אז ער ווייסט ניט וואס ער זאל מיט זיך טאן, וואו ער זאל זיך צושטעקן, אדער

ער טרינקט איבער און דעמאָלט קלעפּט ער צו מאירקען ווי אַ קלעק:

— דיר איז ניט גוט, מאירקע, האַ? איך ווייס! וואָס מיינסטו בין איך? האָב איך אַ נשמה צי ניט? איך האָב דיך ליב, מאירקע, ווי אַ ברודער! און זי האָב איך אויך ליב. זאָל איך שטאַרבן, אַז איך האָב זי ליב. נאָר זי איז ניט ווערט! זי האָט אונז אַלעמען אומגליקליך געמאַכט, אַלעמען!

יאַסקע פּירט איצט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אי אין שטוב, אי אין שטאַל, נאָר אַז ער איז כמעט קיינמאָל ניט ביי זיין קלאָרן פאַרשטאַנד, און אַז ער האַלט אַ קערבל אין דער האַנט, איז עס, דוכט זיך, טאַקע אַ קערבל און עס איז ניט קיין קערבל, — עס צושווימט גלייך, ווי וואַסער צווישן די פינגער. ביז עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַט איז אויסגעגאַנגען דער האָבער, מען דאַרף קויפן אַנדערן, און עס איז ניטאָ פאַר וואָס. יאַסקע איז עפּעס געבליבן אַ צעטומלטער, נאָר דאָ האָט ער זיך באַלד דערמאַנט, אַז ניט ער, נאָר מאירקע איז דאָך דער באַלעבאָס:

— וואָס זאָל איך טאָן? וואו נעמט מען האָבער?

און מאירקע קוקט זיך מיט זיינע רויטע, פאַרלאָפענע אויגן, און ענטפערט, אַט ווי ער וואָלט גאָר הנאה געהאַט פון דעם, פון דעם גאַנצן עסק:

— גנבע!

אָבער דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, און דערווייל פּעלט היינט אויף האָבער, און מאָרגן אויף היי, און איבערמאָרגן אויף עפּעס אַנדערש און עס איז זייער ניט גוט. מאירקע הויבט זיך אַמאָל אויף אין דער פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך, און גייט אַרויס פון שטוב און קומט אַריין אין שטאַל. די פערדלאַך דערשמעקן אים פון דערווייטן, ווען ער איז נאָך אויף יענער זייט שטאַל, און זיי ציען שוין צו אים זייערע לאַנגע, דינע העלדזער. און ער גלעט זיי אַלעמען אויף אַמאָל און קוקט אויף זיי און וויינט אויף זייער בראָך. די פערדלאַך זיינען שטענדיק געווען ביי אים ווי די אויג אין קאָפּ, ער וואָלט זיך געלאָזט פאַר זיי אָפּהאַקן אַ האַנט. אַראָפּנעמען דעם קאָפּ. און מען האָט זיך טאַקע געקענט שפּיגלען

אין זיי, אַזוי קיילעכיק און גלאַנציק זיינען זיי שטענדיק געווען, און איצט, — אַ פערד איז ווי אַ מענטש. אַז מען גיט אים ניט קיין עסן, אַז מען האָט אים ניט אין זינען, זאָגט ער: לאָ!

די לאַנטערנע וואָס ברענט אין שטאַל רויכערט אַזוי, אַז עס איז איין שטיק סאַזשע און מאַירקע גייט צו, פאַריכט דעם קנייט און גייט אַרויס פון שטאַל. ער קוקט זיך ניט אום, ווען ער גייט אַרויס, ער האָט מורא אַז די פערדלאַך קוקן אים נאָך.

אַזוי גייט ער אַפּ עטלאַכע טריט, כאַפּט איבער דעם אָטעם און בלייבט שטיין אין מיטן הויף. ער קוקט, פירט מיט די אויגן, און ער ווייסט: די שטוב איז זיינע, און דער הויף איז זיינער, און די שטאַל איז זיינע, און די פערדלאַך זיינען זיינע, און ער קען אַלץ טאָן, אַלץ, נאָר ער אַליין איז ווי אַ געפּענטעטער, אַ געבונדענער, ווי מיט אַ שטריק אויפן האַלדז, נאָר מען וועט נאָך זען. — — —

ער קומט צוריק אַריין אין שטוב, לייגט זיך צוריק אַוועק אויף דער בעטל, ציט זיך אויס, נאָר ער קען זיך שוין מער ניט האַלטן, ניטאָ מער קיין כח, און ער גיט זיך אימעצן אַפּ אין די הענט אַריין, פאַרלאָזט זיך אויף אימעצן.

פון צווייטן חדר הערט זיך אַ כראַפּען, דאָס שלאָפט יאַסקע אַזוי, אַדער אפשר שמואל, אַז זיי שלאָפן קען מען זיי ניט דער־קענען, און אין שטוב איז אָנגעוואָרפן און אָנגעפּאַסקודיעט, מען האָט שוין לאַנג ניט געקערט, לאַנג ניט געראַמט און עס שמעקט מיט הערינג, פון אַלץ, אפילו פון די ווענט.

אין דעם אָנטקעגנדיקן פענסטער שפּיגלט זיך די זון, אַ בלויע, אַ שפּילעוודיקע און מאַירקע קוקט און פילט, ווי דער אור־מעט זיינער עסט אים שטיקערווייז, עסט אים אויף.

— לייזער־בער!

מאַירקע זעצט זיך אויף און לייזער־בער זעצט זיך אַנידער לעבן אים און זיי זיצן ביידע, קוקן ביידע און שווייגן ביידע. מאַירקען איז גוט, זייער גוט און ער דערמאָנט זיך, אַז פּונקט אָט אַזוי אַ פלעגן זיי אַמאָל זיצן אויפן מאַרק, פלעגן זיצן און פלעגן קוקן, ווי עס רוישט, ווי עס קאָכט, ווי עס לעבן מענטשן.

לייזער־בער איז אָקערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף און ער

זיצט א רואיקער, און מאירקע גיט אים אזש א גלעט איבער דער פלייצע:

— דו ביסט א גליקלאכער!

מאירקע האט אים ליב, שטארק ליב, און זאל ער — זאל ער אוועקגיין פון דאנען איננאנצן, אויף שטענדיק. ער זעט דאך, אז דא איז א פייער, אז דא ברענט, טא זאל ער אוועקגיין!

לייזער־בער זיצט א גרויסער, א רואיקער, עס שמעקט אזש פון אים, און מאירקע טוליעט זיך צו אים און טראכט זיך זיינע נעדאנקען, טראכט וועגן זיך.

XXII.

לייזער־בער פארט אום צו דער סטאנציע, גלייך ווי יאסקע. גלייך ווי שמואל און די נעבט זיפן זיך איצט בלויע און דער הימל איז אפן און קלאר און די לבנה איז א גרויסע און א שפיגלדיקע, ווי א זון, נאר מען קען אין איר קוקן.

דער וועג איז א גלייכער, אן אויסגעבעטער, און לייזער־בער פארגעסט וואוהין ער פארט און נאך וואס ער פארט. ער ווייסט נאר, אז ער פארט, ערגעץ, און עס דוכט זיך אים, אז ער פארט אוועק. און אוועקפארן, ערגעץ, ווילט זיך אים אזוי שטארק, אז עס ציט אים ארויס די נשמה. נאר ער האט צו לאנגע הענט און צו לאנגע פיס און צו גרויסע און צו שווערע פלייצעס, אז ער אליין איז עפעס שטענדיק א פארלארענער אין זיין אייגענעם גוף, און אז ער גייט, אז ער שטעלט די טריט, איז קלעפט זיך צו אים די ערד. ער קוקט זיך צו צו אנדערע מענטשן, צי זיינען זיי אויך אזוינע ווי ער, און עס דוכט זיך אים, אז ניט.

וועגן זלאטען רעדט שוין איצט קיינער ניט פון זיי, ניט מאירקע אליין, און ניט שמואל און ניט יאסקע, מען דערמאנט ניט אפילו איר נאמען, ווי מען דערמאנט ניט א טויטן, און נאר ער אליין, לייזער־בער, כאפט זיך גאנץ אפט ארויס פון הויף, אין מיטן העלן טאג, און גייט אוועק צו איר.

זלאטע דערזעט אים דורכן פענסטער און זי לויפט צו אים ארויס אנטקעגן, שטענדיק א דערפרייטע, וואס ער איז געקומען:

— ווי די הארץ האט מיר געזאגט!

זי פירט אים אריין צו זיך אין חדר, זעצט אים אנידער לעבן זיך, און הייסט אים, אז ער זאל איר דערציילן, אלץ. און ער דערציילט איר טאקע אי וועגן מאירקען, אי וועגן שמואלן, אי וועגן יאסקען, אי פון די פערד מיט די פאיעטאנען.

ער רעדט א סך און זי הערט אים. זי איז די איינציקע פאר וועמען ער קען רעדן, וואס דארף זיינע רייד, און וועמען ער קען ענטפערן אויף אלץ וואס זי פרעגט נאר.

ער האט שוין לאנג פארגעסן, וואס עס איז פארגעקומען צווישן אים און איר דעמאלט, אין יענער נאכט, עס האט זיך אפגעווישט פון אים, איז אראפגערונען, ווי א וואסער פון א ביין, נאר זי געדענקט עס נאך, געדענקט עס גוט, און זי וויל אים אמאל זאגן, ווי זיי זיצן אט אזוי א, אז ער איז אן איידעלער, א פיינער, און זאל ער טאקע וויסן, אז זי האט אים דערפאר ליב.

דאס וואס ער דערציילט איר איז ניט פריילאך, זייער ניט פריילאך, נאר זלאטע נעמט עס אן פאר ליב, און פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן, שטילע, עס איז ניט קיין געוויין.

נאר לייזער־בער גיט זיך פלוצלונג א כאפ, — עס איז שוין שפעט, מען וועט שוין באלד דארפן שפאנען צו דער סטאנציע, און ער זעגנט זיך מיט איר, אויף גיך, אין איילעניש, און זי באגלייט אים ארויס פון חדר, פון שטוב און פירט אים צו ביז צום טויער. זי בלייבט אויף דעם זייט טויער, קוקט אים נאך, ווי ער גייט אוועק, און זי איז אים מקנא, פארגינען פארגינט זי אים טאקע מיטן גאנצן הארצן, נאר מקנא איז זי, דער גאנצער וועלט.

אין גאס ווערט פוסט, ליידיק, נאך זיין אוועקגיין, און זי קומט צוריק אריין אין שטוב, וויל נעמען עפעס טאן, נאר עס קלעפן זיך ביי איר ניט די הענט, און זי איז עפעס א פרעמדע צו אלץ, און זי גייט אריין צו זיך אין חדר און פארהאקט נאך

זיך די טיר. זי שמעקט מיט דער נאז, מיטן גאנצן לייב, און זי טאפט, דוכט זיך, אז איר אומגליק.

זי לאזט זיך אראפ אויפן בעט, פארטראכט זיך וועגן דעם, וואס לייזער־בער האט איר אקארשט דערציילט, און עס קומט איר פאר, אז זי איז עפעס גרעסער פון זיי אלעמען, אז זי פארשטייט מער פון זיי, ווייסט מער פון זיי און זי דארף זיי ארומקלייבן ארום זיך און זיי זאגן: דו, מאירקע, דו דארפסט אנטאן א פאר לאקירטע שטיוול, א טשומערקע, און אין דער האנט דארפסטו האלטן א בייטש — עס זאל קנאקן! און דו, יאסקע, דו נעם זיך א מויד, א שיינע, א געזונטע, און האב מיט איר חתונה, זי וועט דיר קאכן ווארניטשקעס מיט קאשע, און דיר וועט זיין גוט, אך, ווי גוט דיר וועט זיין... און דו, שמואל, דו ביסט אן אומגליקלאכער, פארוואס ביסטו אן אומגליקלאכער? און דו, לייזער־בער, דו פאר גאר אוועק פון דאנען, וואס דארפסטו דא האבן? גארניט!

אט אזוי טיילט זי זיי אלעמען איין די וועלט, יעדן איינעם זיין חלק, און פאר זיך נעמט זי די נאמערעס, ווייל אזא איז איר מזל.

זי טראכט לאנג וועגן דעם און עס רויטלען זיך ביי איר די באקן, און די אויגן זיינען צונויפגעגאסענע, ווייכע, און זי קומט אט אזא א אריין צום טעלעגראפיסט. זי וויל אים דערציילן, וויל זיך פאר אים אראפרעדן פון הארצן, נאר דער טעלעגראפיסט זיצט מיט א בוך אין האנט און איז, קענטיק, שטארק פארטיפט. זי זעצט זיך אנידער אן א זייט, מישט אים ניט איבער, און דער טעלעגראפיסט הויבט אויף די אויגן און קוק זי אן. ער שמייכלט צופרידן, רואיק און פארטיפט זיך ווייטער אין זיין לייענען, און זלאטע זיצט א שטילע און קוקט שטיל און האט שטיל הנאה. זי קומט אפט אט אזוי־א אריין צום טעלעגראפיסט, אין די אוונטן, און זיצט ביי אים א לאנגע שעה — זי האט עם ליב, עס פארשאפט איר פארגעניגן. זי איז נאך קיינמאל אין איר לעבן מיט קיינעם אזוי ניט געווען, ווי זי איז מיטן טעלעגראפיסט. זי איז צו אים, ווי צו אן עלטערן ברודער, ווי צו א פעטער. און היינט, אז לייזער־בער

איז ביי איר געווען, — לייזער־בער וואָלט דאָ אויך געדאַרפט גע־
ווען זיין מיט זיי, שטענדיק, דער טעלעגראַפיסט וואָלט געווען
צו אים, ווי ער איז צו איר, ער וואָלט עס געטאָן איר צוליב, און
זיי וואָלטן געווען אינדרייען ווי איין הויזגעזינד.

דער טעלעגראַפיסט זעצט זי אַמאָל אַנידער לעבן זיך, און
רעדט זיך פאַר איר אָראָפּ פון הארצן, און זי איז אים געטריי, איז
אים איבערגעבן, מיט דער גאַנצער נשמה, אַז ווען מען וואָלט
אפילו געגאָסן אונטער איר זודיקע וואַסער, ווען ער רעדט, וואָלט
זי זיך אויך קיין ריר ניט געטאָן, אַזוי הערט זי אים, נאָר זי איז
אים שטענדיק מקנא און איז שטאַרק אין כעס אויף זיך. זי
פאַרשטייט, דוכט זיך, די ווערטער, וואָס ער רעדט צו איר, זי
וואָלט זיי געקענט אפילו איבערזאָגן, אויף אויסווייניק, פונקט
ווי פון אַ פּאַפּיר אַרויס, נאָר אַז איר אַליין ווילט זיך אַמאָל
אַראָפּריידן פון הארצן, איז ווייסט זי ניט ווי אַזוי און וואָס
און זי קומט זיך פאָר, ווי זי וואָלט גאָר געווען אַ שטומע, אָט ווי
אַ בהמה, אַשטייגער, וואָס קען נאָר מע, מע, און מער גאָרניט.

און דער טעלעגראַפיסט זאָגט איר אָפּט, שוין נאָך דעם, ווי
ער האָט אָפּגערעדט:

— דו ביזט זייער אַ קלוגע, זלאַטע!

ער איז צופרידן מיט איר, ער רייבט זיך אַזש די הענט, און
זי שפּאַרט זיך ניט מיט אים, נאָר וועלן ווילט זיך איר פרעגן
ביי אים:

— פאַר וואָס בין איך אַ קלוגע? וואָס פאַר אַ חכמה האָב
איך דאָ אָפּגעטאָן?

XXIII.

זלאַטע האָט שוין לאַנג ניט געשריבן אַהיים, נאָר ערגעץ האָט זי
פּאַרט געהאַט אַ טאַטן, אַ שוועסטער, און עס איז פּאַרט גוט געווען
פון דעם, און מרדכי־געצע, דער טאַטע אירער, האָט גאָרניט געוואָרט.

אז די טאכטער זיינע זאָל אים וואס שרייבן, ווארים טאקע, וואס קען זי אים שרייבן?

אין שטאָט ביי אים ווייסט מען, אז די טאכטער זיינע האָט חתונה געהאַט פאַר א רייכן בעל־עגלה, און אַז זי לעבט ווי א פּריצטע, איז גליקלאַך, און מרדכי־געצע זאָגט ניט אויף דעם ניט יאָ און ניט ניין. ער שווייגט, ווייל וואס זיינען אינגאנצן די רייד? וואס באדייטן רייד? מען מאכט מיט זיי ניט איבער קיין וועלט!

די מערק שטעלן זיך איצט גרויסע, ווי א יריד, און מרדכי־געצע איז אַלט און שוואך, און ער האָרעוועט זיך אזוי אַ גאַנצן טאָג, אז ווען ער קומט אהיים, שפּעט אין אוונט, שלאָפט ער איין ביים טיש, מיט א ביסן אין מויל.

דער טיש איז געדעקט מיט א ווייסער טישטוך, און דער לאָמפּ ברענט ליכטיק, און מרדכי־געצע דרעמלט שטיל, און ציפּע, די צווייטע טאכטער זיינע, וואס איז מיט אים, לאָזט אים אזוי א היבשע ווײלע און דערנאָך ציט זי אויס א האַנט און וועקט אים פּאַ־מעלאַך:

— טאַטע, הא, טאַטע?

מרדכי־געצע עפנט די אויגן, קוקט אויף דער טאכטער און גענעצט זיך פאַנאַנדער מיט א מויל, וואס איז ווי א רויטע לאָך:

— איך שטאַרב שלאָפן!

און ער גיט טאַקע א פאַל אין בעט אריין, אזוי, אין די זאַ־כען, און ציפּע נעמט צו פון טיש און פאַרלעשט דעם לאָמפּ און גייט פּאַמעלאַך ארויס פון שטוב, שאַ, אז רעש, און אין הויף וואַרט שוין אויף איר דעם בעל־גופס שייגעץ.

דער שייגעץ איז אין איינע יאָרן מיט איר, און א מאָל, ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער, זיינען זיי ביידע אומגעלאָפן אי־בער דער גאַס און האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד און אין פערד־לאָך. דערנאָך איז ציפּע געוואָרן א גרויסע מיידל און ער א גרויסער שייגעץ און זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו שפּילן אויף דער גאַס, פאַר אלעמען אין די אויגן.

ציפּע האָט זיך מיט א מאָל א הויב געטאָן, איז אויסגעוואַק־סען ווי א בוים און פאַנאַנדערגעבליט האָט זי זיך ווי א בלום,

און שיין איז זי ווי די זון, און די שכנים שפּיגלען זיך אין איר און לאַכן פון איר און רייצן זיך מיט איר, ווי אַ מאַמע לאַכט און רייצט זיך מיט איר אייגן קינד: — דו וועסט אויסכאַפּן דעם בעסטן חתן!

נאָר דער שייגעץ קומט נאָך אַלץ צו איר, אָבער איצט שוין, שפּעט אין די אָוונטן, ווען עס איז פינסטער, ווען קיינער זעט ניט, און ציפּע ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ שייגעץ, און אַז זי טאָר מיט אים ניט האָבן קיין עסקים. נאָר פונדעסטוועגן קומט זי שטענדיק אַרויס צו אים און זיי פאַרגנבענען זיך ביידע טיף אין דעם הויף, ביי דעם זייטיקן פּלויט, אין אַ ווינקל, וואָס איז פול מיט שאָטן.

די נאַכט איז אַן אויסגעשטערנטע, אַ ליכטיקע, און ציפּע שטייט מיטן שייגעץ און ער טוליעט זיך צו איר און זי טוליעט זיך צו אים, און איר איז אַזוי שרעקעדיק־גוט, אַז עס אַרט איר ניט וואָס דערנאָך וועט זיין, און ער רעדט צו איר מיט אַ הייסן, מיט אַ געדיכטן אָטעם און מיט ווערטער, וואָס זיינען ווי די ברענענדיקע קוילן, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן, ער איז גרייט אויף אַלץ, אָט אַזוי האָט ער זי ליב! און דאָס וואָס ער איז אַ גוי און זי איז אַ אידישע, וואָס איז ער אין דעם שולדיק?

דער אָוונט אַרום זיי גליטשט זיך ווי אַ וואַסער, עס ווערט שפּעט, עס קומט אָן די נאַכט, און מרדכי־געצע וואַרפט זיך דורך אין שלאָף, כאַפּט זיך אויף און דערזעט, אַז ער איז אינם אַנטאָן. ער קריכט אַראָפּ פון בעט, צינדט אָן דעם לאָמפּ און וויל זיך אויסטאָן, ערשט דאָ — ער בלייבט מיט אָן אָפענעם מויל און מיט אויסגעשטעלטע אויגן: ציפּעס בעט שטייט אַ גאַנצע, אַ פאַרבעטע, און ציפּע אַליין איז גאָר ניטאָ אין שטוב. וואָס קען עס אַ שטייגער זיין?

ער לויפט אַרויס פון דער שטוב, נאָר די נאַכט אין דרויסן איז אַ זומערדיקע, אַ פרישע, און עס טראָגט זיך אַרום אַ קיל ווינטל, און מרדכי־געצע איז אַרויס אַן אַ קאַפּטן און דאָס פריש ווינטל נעמט אים גלייך אַרום פון אַלע זייטן, דערלאַנגט אים ביז צום נאַקעטן לייב, און מרדכי־געצע ציטערט אויף פון קאָפּ ביז די פיס און איז זיך מחיה. ער פאַרגעסט אויף דער רגע נאָך וואָס ער איז

ארויס, נאָר אַט כאַפּט ער זיך, און ער זוכט שוין מיטביידע אויגן איבער דעם גרויסן הויף, און ער דערזעט זיי טאַקע באַלד,ביידן, אי ציפּען, אי דעם שייגעץ.

מרדכי־געצע האָט שוין לאַנג ביי זיך ניט אַנגעזען דעם שייגעץ, שוין פון יאָרן, און ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז ציפּע איז מיט אים אַזאַ נאָענטע מחותנתטע.

— ציפּע!

דער שייגעץ גיט אַ שפּרונג אויפן פּלויט, ווי אַ קאַץ, און ווערט גלייך נעלם און ציפּע בלייבט אַליין און זי טוליעט זיך צו דעם שטעכיקן פּלויט און עס קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— אַהער גיי!

ציפּע רייסט זיך אָפּ פון פּלויט און גייט צו אים ווי אַ שיכורע, ווי אויף אַ דראָט, און ער נעמט זי שטאַרק אָן פאַר אַ האַנט, פירט זי שטאַרק אַריין אין שטוב און פאַרשליסט שטאַרק נאָך איר די טיר.

ביי ציפּען ציטערט דאָס האַרץ — דער טאַטע האָט זי שוין לאַנג ניט געשלאָגן, האָט שוין לאַנג אפילו ניט געשריען אויף איר, און איצט — וואָס וועט איצט זיין? און מרדכי־געצע, אַז ער האָט פאַרשפּאַרט די טיר, איז ער עפּעס געבליבן אינמיטן שטוב, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס נאָך ער זאָל טאָן. ער האָט געוואָלט פרעגן ביי דער טאָכטער, רחמנותדיק, מיט אַ געבעט, אַז אדרבא, זאָל זי אים געבן צו פאַרשטיין, נאָר דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג אַ ריס געטאָן פון אָרט און האָט אַ כאַפּ געגעגעבן די שטריק, מיט וואָס ער שלעפּט די פּעק אויפן מאַרק, אַז ביי ציפּען האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי, ווי מען וואָלט זי געוואָרגן:

— טאַטע?!

נאָר אָוועקגעשטעלט האָט זי זיך פאַר אים אַ גלייכע, מיט אַ פאַרדריסענעם קאָפּ אפילו, זי בעט זיך ניט ביי אים, און פאַר מרדכי־געצען גיט וואָס פּלוצלונג אַ שיין דורך פאַר די אויגן, ווי אַ שאָטן. דער שאָטן איז אַרויסגעקומען פון ציפּען, האָט זיך אָפּגעטיילט פון איר, און מרדכי־געצע דערזעט פאַר זיך דעם נאַקעטן אָפּגלאַנץ פון זיין עלטערער טאָכטער.

מרדכי־געצע בלייבט א דערשראָקענער, מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט, און פון דער האַנט גליטשט זיך ביי אים אַרויס די שטריק, פון צווישן די פינגער, וואָס זיינען שוין ווי קלעצ־לאַך, גליטשט זיך אַרויס און פאַלט אויף דער פאַדלאָגע מיט אַ קלונג, ווי אַ דראָטענע.

ציפּע שוידערט אויף ווי פון שלאָף, און מרדכי־געצע לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף דער באַנק. ער כאַפּט איבער דעם אָטעם און דערנאָך קוקט ער אויף ציפּען: הלואי וואָלט ער זיי ביידן געוועזן באַ־גראָבן, ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין, אויף וואָס זיינען זיי אויסגעוואַקסן? אויף וואָס האָט ער זיי אויסגעהאָדעוועט?

ער הויבט זיך אויף, וויל אַ געשריי טאָן צו דער טאָכ־טער, אַז זי זאָל פאַרלעשן דעם לאָמפּ, נאָר ער קען זי איצט ניט אָנקוקן, און ער גייט, לייגט זיך אַריין אין בעט און מאַכט צו די אויגן. ער ליגט לאַנג אַזוי, און ער הערט ווי ציפּע דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב, זי טוט עפּעס, און ער קען עס איצט ניט פאַרטראָגן, עס שנייט אים ווי מיט מעסערס איר יעדער קער און ריר, און ער ברומט אַרויס:

— פאַרלעש!

ציפּע פאַרלעשט דעם לאָמפּ, לייגט זיך אַריין צו זיך אין בעט און שאַ שטיל, זיי שלאָפן שוין ביידע. נאָר איבער דער שטוב קייקלט זיך וואָס, אַ גרויסער, אַ שווערער קנויל אַזאַ, און ניין, זיי שלאָפן ביידע ניט. ציפּע שטיקט אין זיך אַ געוויין, און זי וויל צופאַלן צום טאַטן און שווערן זיך פאַר אים, אַז זי וועט עס שוין מער ניט טאָן, זאָלן איר אָפּדאַרן די פיס, אויב זי וועט נאָך איין מאָל אַפילו אַרויסגיין פון שטוב! און מרדכי־געצע ליגט מיט אַ שטיין אויפן האַרצן און מיט אַ שטיין אויפן מוח: ער קען בשום אופן ניט פאַרשטיין פון וואַנען עס קומען צו אים אַזוינע טעכטער. זי, די מאַמע זייערע, איז, דוכט זיך, געווען אַ כשרע אידענע, טאָ פון וואַנען פאַרט?!

ציפּע שלאָפט ביסלאַכווייז איין, מיט אַ געוויין אויף די ליפּן, און מרדכי־געצע דערוואַרט זיך קוים ביז עס הויבט אָן צו טאָגן. ער קריכט דערנאָך אַראָפּ פון בעט, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און גייט אַרויס פון שטוב. נאָר ער גייט היינט

ניט אויפן מארק, ער גייט צו דעם חסידישן רב.

ביים רב איז שוין געווען נאכן דאווענען, ווען מרדכי־געצע איז געקומען צו אים, און ער זיצט, דער רב, מיט א ספר אין די הענט:

— א, מרדכי־געצע, וואס שטייסטו?

דער רב גיט עטלאכע מאל א פיר מיט דער האנט איבער דעם בלאט פונם ספר, מיט צעשפרייטע און טאפנדיקע פינגער, אט ווי די פינגער זיינע וואלטן עס געדארפט פארגעדיינקען דעם ארט אוואו ער לאזט איבער, דערנאך מאכט ער צו דעם ספר און גיט זיך איינגאנצן א קער אום צו מרדכי־געצען:

— נו?

און מרדכי־געצע הויבט אן צו ריידן. ער הויבט אן פון אנהויב אן און ער פארבארגט גארנישט, קיין שום זאך, ניט פאר זיך אליין, און ניט פארן רב. ער דערציילט א פריער וועגן זיין עלטערער טאכטער, ווי אזוי זי איז אוועק פון דער היים און ווי אזוי און וואס זי האט חתונה געהאט און וועגן דעם חשד וואס ער האט אויף איר, — זי האט טאקע חתונה געהאט, ער אליין איז געווען אויף דער חתונה און האט אלץ געזען מיט די אייגענע אויגן, נאר וואס איז עס געווען פאר א חתונה? אויף קאטאוועס און ניט מער! און די אינגערע טאכטער זיינע, ער האט זי נעכטן געזען מיטן שייגעץ, וואס זאל ער טאן?

ער האט גערעדט לאנג און שווער, מיט ווערטער, וואס האבן זיך ניט געקלעפט, האבן זיך ניט געלייגט איינס צו איינס, ווי עס לייגן זיך ניט קיין קרומע קלעצלאך, און דער רב האט אים געהערט און האט אים געשוויגן די גאנצע צייט, נאר אז מרדכי־געצע האט שוין אויפגעהערט צו ריידן, זיינען ביים רב שטארק אזוי געווען צונויפגענומען די ברעמען:

— וואס הייסט ער איז חושד? און נאך אן אייגן קינד? ווי מעג ער עס? עס איז אן עבירה, מען טאר ניט! זי איז געווים א כשרע אידישע טאכטער. וואס האט ער סיידען געזען פון איר? גארניט! און מכח דער אינגערער — —

דער רב האט זיך פארטראכט, האט געשוויגן א ווייל, און

האט דערנאָך אַרויסגערעדט קורץ און ווייך, ווי ער וואָלט וואָס געבעטן פאַר איר ביי מרדכי־געצען:

— מיין עצה, זאָל זי פאָרן צו דער עלטערער! נישקשה...

דער רב האָט שוין מער ניט גערעדט, אַז מרדכי־געצע זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן, זאָל אים וואָס ענטפערן, ער האָט צוריק געעפנט דעם ספר און די פינגער זיינע האָבן טאַקע גלייך געפונען דעם בלאַט און דעם אָרט, וואו ער האָט איבער־געלאָזט, און מרדכי־געצע איז אַוועק אַהיים. ער איז געגאַנגען דורכן מאַרק, נאָר עס איז אים אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז דער מאַרק איז היינט אַ גרויסער און אַז ער האָט וואָס אַנגעוואָרן. ער איז געקומען אַהיים און האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צו ציפּען:

— דו פאָרסט צו זלאַטען!

ער האָט זיך איר פאַר עפּעס געשעמט קוקן אין די אויגן. און זי איז געבליבן מיט אַן אָפענעם מויל. עס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי ניט געריכטערהייט, אַז עס האָט זיך איר ניט געגלייבט וואָס זי הערט, נאָר באַלד האָט זי אַרומגעכאַפּט אַזאַ פרייד, אַז עס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:

— עס קען ניט זיין!

זי האָט שטענדיק געטראַכט וועגן זלאַטען, האָט שטענדיק געחלומט פון איר, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע טראָגט אויף איר אַ האַרץ, און אַז מען טאָר ניט דערמאָנען איר נאָמען, און דאָ, פּלוצלונג אַזוי — דו פאָרסט צו זלאַטען! און געזאָגט האָט ער עס ניט סתם אַזוי, נאָר ער האָט טאַקע גענומען איינפּאַקן אירע זאַכן.

ציפּע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, האָט גענומען אַרומלויפן איבער דער שטוב, האָט איטליך ווײַלע דערלאַנגט דעם טאַטן אַן אַנדער זאַך, און ער האָט עס צונויפגעלייגט און אַריינגעפּאַקט אין דער גרויסער, געפלאַכטענער קאָרזינע. און אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די זאַכן, האָט ער זיך אָפּ־געווישט דעם שווייס פון פּנים, אַ רואיקער, אַ צופרידענער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו זיין בעט, האָט אַריינגעשפּאַרט אַ האַנט אין דער פערענע און האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרבונדענע פּאַטשיילע. אין דער פּאַטשיילע האָט מרדכי־געצע

געקליבן און געהאַלטן זיין גאַנצן אייגנס. ער האָט עס צוגעטראָגן צום טיש, טאַקע ווי אַן אוצר, האָט עס פאַנאַנדערגעבונדן, פאַנאַנ־דערגעלייגט און האָט גענומען ציילן דער טאַכטערס נדן. עס איז דאָרט געווען אי פּאַפּיר־געלט, אי זילבער, אי גרויסע, קופּערנע מטבעות. ער האָט לאַנג געציילט, און אַז ער האָט איבערגע־ציילט, האָט ער עס צוריק צונויפגעלייגט מיט ציטעריקע, מיט געטרייע הענט, האָט צוריק פאַרבונדן, ווי געווען, און מיט זיינעביידע הענט צונויפגעלייגט אויפן נדן, האָט ער געקוקט אויף ציפּען, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און האָט איר שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט זי געבענטשט, אַ יום־טובדיקער אַזאַ אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס:

— זאָל דאָרט די מאַמע דיינע זיין אַ גוטע בעטערן פאַר דיר...

דערנאָך האָט ער זי באַגלייט צום וואָקזאַל, און אַז זי איז שוין אַריין אין וואַגאָן, און דער וואַגאָן איז האָט זיך גע־רירט פון אָרט, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, האָט זיך אַ יאָג געטאָן, האָט איר עפּעס נאָכגעשריען, אַליין ניט וויסנדיק וואָס. נאָר דער גאַנצער פּאַיעזד האָט זיך געגעבן אַ טראָג אַוועק, אַז מרדכי־געצע איז געבליבן ביים ברעג פון דער פּלאַטפאָרמע, איז געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און ווי מען וואָלט אים אָפּגענאַרט. עס איז אים ליידיק געווען אויף דער נשמה, ליידיק אין מוח, און אין אַלע אברים האָט זיך געשטיקט אַ שווערקייט, ווי קאַלטער בליי.

דערנאָך איז ער געקומען אַהיים, האָט זיך אַליין געגרייט צום טיש, האָט זיך אַליין דערלאַנגט דאָס עסן, וואָס ציפּע האָט נאָך אָפּגעקאָכט, נאָר ער האָט זיך אַפילו ניט צוגערירט צו דעם, ער האָט זיך אַפילו ניט צוגעזעצט. עס האָט אים פאַר־קלעמט ביים האַרצן און ער איז אַרויס פאַרן שוועל.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָוונט און מרדכי־געצע האָט באַלד דערזען, אַז דאָרט, ביים פּלויט, שאַרט זיך אַרום דער שייגעץ, ווי אַ שאָטן. דער שייגעץ האָט אים אויך דערזען, און ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן, צי זאָל ער יאָ אַנטלויפן, צי זאָל ער ניט אַנטלויפן. נאָר מרדכי־געצע האָט אים באַלד אַ רוף געטאָן צו זיך. דער שייגעץ איז צוגע־

גאנגען, האָט געוואָלט זאָגן גוט נאַוונט, נאָר ער האָט אפילו ניט געעפנט דעם מויל. זיי זיינען געשטאַנען אַ ווײַלע, איינער אנטקעגן דעם אַנדערן, און אַז מרדכי־געצע האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויפן שוועל, האָט זיך דער שייגעץ אויך אַנידערגע־זעצט לעבן אים. מרדכי־געצע האָט אויסגעצויגן די פיס און דער שייגעץ האָט געטאָן דאָס זעלבע, האָט אים נאָכגעטאָן.

מרדכי־געצע האָט שטיל געזאָגט:

— זי איז אוועקגעפאָרן...

דער שייגעץ האָט עס שוין געוואוסט, נאָך פון פריער, און ער האָט זיך איצט אָפן מודה געווען:

— איך האָב זי ליב געהאַט ווי דעם לעבן!

מרדכי־געצען האָט ניט געאַרט אויף דער רגע, ווער דער שיי־געץ איז און ווער ער, מרדכי־געצע איז און עס איז אים אַזוי זיס געווען צו הערן פון אַ מענטשן, אַז מען האָט זי ליב, די טאָכטער זיינע...

XXIV.

דער פּאַיעזד איז פּאַמעלאַך, איינגעהאַלטן צוגעקומען צו דער סטאַנציע, דער קאָנדוקטאָר האָט הייזעריק אויסגערופן אין דער פוסטקייט אריין, אַז דער פּאַיעזד שטייט דאָ צען מינוט, און ציפּע האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע זאַכן און איז אַרויס פון וואַגאָן.

אַרום האָט זיך געזיפּט די בלייענע גראָקייט פון אַ פאַרטאָג, און די זון, אַ פולע און אַ קיילאַכדיקע, האָט געשיינט ווי פאַר־שטויבטע זילבער און האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסע לבנה.

ציפּע איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט שאַרף געפילט, אַז זי איז אין דער פרעמד און האָט זיך מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן פון אָרט. נאָר באַלד איז צו איר צוגעקומען לייזער־בער און האָט זיך אָנגענומען צו אירע זאַכן: וואוהין פאָרט די באַ־

רישנע? צו וועמען? ער וועט איר רעכענען ניט טייער, ער האט גראדע א ליידיק ארט אין פאיעטאן, גארניט טייער! נאר אז זי האט אים געזאגט ווער זי איז און צו וועמען זי פארט, און אז איר שוואגער דארף דאך דא אליין זיין, מיט זיינע אייגענע פאיעטאנען, האט ער גלייך איבערגעלאזט די זאכן און האט זיך צוגעכאפט פון איר ווי אן אפגעבריטער. ער איז געשטאנען ניט ווייט פון איר, האט געקוקט א צוטומלטער, און אז יאסקע — ער האט זיך ניט געקענט דערוואַרטן — איז צוגעקומען צו זיי, זען וואס עס טוט זיך, האט אים לייזער־בער א שלעפ געטאן צו זיך און האט אים אריינגעברומט אין אויער:

— זלאטעס שוועסטער!

יאסקע האט אים געוואלט א שטויס טאן פון זיך, אז ער זאל קלייבן די ציין, און ציפע איז געשטאנען לעבן זיי און האט נאך אמאל איבערגעחזרט ווער זי איז און צו וועמען זי פארט, און אז אפשר ווייסן זיי איר שוואגער? ער איז אויך א בעל־עגלה...

יאסקע האט א נעם געטאן אירע פעקלאך, האט זי אריינגעזעצט צו זיך אין פאיעטאן אריין, און אז מען איז געקומען אהיים, האט ער איר מיט א האנט אנגעוויזן אויף דער שטוב. זי איז אריין אין שטוב און זיי דא זיינען געבליבן אין דרייען, לייזער־בער און יאסקע און אפילו שמואל. זיי האבן זיך איבערגעוואונקען, האבן געשוויגן און ווי זיי וואלטן אויף וואס געוואַרט.

און ציפע, אז זי איז אריינגעקומען אין שטוב, האט איר גלייך א זעץ געטאן אין נאז דער פארזשאווערטער ריח פון אלטע הערינג, און אין שטוב איז געווען אזוי טונקל, אזוי אנגעווארפן און אזוי פוסט, אז זי האט גארניט געקענט זען. נאר מאירקע האט זיך באלד אויפגעהויבן פון זיין בעטל — ער האט יא געזען, אז אימיצער איז אריינגעקומען. ער איז געווען א צעפאטלטער, א פינצטערער, אז ציפע האט זיך געוואלט א כאפ טאן און ארויסלויפן פון שטוב, נאר זי האט זיך ניט געקענט רירן פון ארט, אזוי צעשראקן איז זי געווען. ער האט ביי איר געפרעגט ווער זי איז און וואס זי דארף, וועמען זי זוכט. און זי האט

אים געענטפערט וואס און ווען. ער האט געהערט, וואס זי דער־
ציילט אים, און ער האט זיך נאר אראפגעלאזט אויף א שטול, האט
זיך א וויש געטאן דעם שטערן, און אז זי איז אנטשוויגן געווארן,
האט ער ארויסגעזאגט מיט א פוסטן קול:

— איך בין מאירקע, איך!

לייזער־בער איז שטיל אריינגעקומען אין שטוב, האט זיך
גענומען אויפשטעלען דעם סאמאוואר, און דערנאך איז יאסקע
אריינגעקומען, אויך אזוי שטיל, ווי א שאטן. מאירקע איז
נאך געזעסןביים טיש, אזוי ווי ער האט זיך אנידערגעזעצט,
און ציפע איז געשטאנען א דערשראקענע אויף טויט. קיינער
האט צו איר ניט גערעדט און זי האט צו קיינעם ניט גע־
רעדט און באלד איז אויך שמואל אריינגעקומען. ער האט א
קוק געטאן אויף אלעמען, ער איז קענטיק געווען אין כעס, אויף
אלעמען, און ער איז צוגעגאנגען צו ציפען. האט איר גע־
וואלט זאגן, עפעס אזוינס, א גוטע זאך, ווי מען דארף באגע־
גענען א מענטשן, נאר ער האט ניט געפונען וואס צו זאגן
איר אויף דער רגע, און ער איז אפגעטראטן פון איר און האט
גענומען אויפראמען פון טיש. ער האט ניט געקוקט אויף
מאירקען און מאירקע האט ניט געקוקט אויף אים, נאר זייערע
אויגן האבן זיך אליין באגעגנט, האבן זיך צונויפגעפלאכטן און
מאירקע האט ארויסגערעדט, פונקט אזוי פוסט, ווי פריער א
ווײלע:

— זלאטעס שוועסטער!

שמואל האט אויסגעצויגן צו איר א האנט, אזוי באקאנט מען
זיך מיט א מענטשן אויף א פיינעם שטייגער, און ציפע האט
אויסגעפלאצט אין א געוויין, ווי עס פלאצט ארויס א דונער, און
זיי האבן זיך אלע אווארף געטאן צו איר, און עס האט זיך מיט־
אמאל אויפגעהויבן א רעש, א טומל, נאר מאירקען האט עס ניט
געארט, עס האט אים ניט אנגערירט. ערגעץ וואו האט געקלונגען
א הייזעריקער קלויסטער־גלאק, און אין א ווינקל האט געמיאאוקעט
א קעצל...

מאירקע איז געזעסן א רואיקער און האט רואיק געשמייכלט,
ווי א משוגענער.

XXV.

ציפע האָט געוואוסט, פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס זי האָט אריבערגעטראָגן דעם שוועל, אַז עס האָט עפּעס געטראָפן מיט זלאַ־טען, עס איז ניט קיין גלאַטע זאַך, נאָר זיי אַלע אַרום האָבן איר ניט געוואָלט דערציילן וואָס און ווען, זייענדיק גוט צו איר, און זי האָט זיך ניט געשפּאַרט, אַז זי וויל גראָדע וויסן.

ציפּע איז אַ הויכע און אַ שטאַרקע, מיט אַ קערפּער, וואָס הויבט זיך אַן אין זיך אַליין און לאָזט זיך אויס אין זיך אַליין. זי האָט צוויי גרויסע אויגן, וואָס בייטן זיך אָפט, אָט זיינען זיי בלוי, קינדיש און אָט זיינען זיי געל, ווייבעריש־מיאוס, און דער געדיכטער קאָפּ האָר אירער איז אַזוי שוואַרץ, אַז עס גלאַנצט אַזש, און אַ האַלדז האָט זי אַ פולע און אַ קלאָרע, ווי געריסענער פוך, ווי געפּאַלענער שניי.

זי האָט זיך גיך צוגעוואוינט צו איר נייער היים, איז גע־וואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע פון שטוב, און אין דער גאַנצער הויז איז איצט אַזוי ריין און אַזוי ציכטיק, אַז עס שיינט, אַז עס זינגט אין יעדן ווינקל. און זי איז שטענדיק אינמיטן פון דעם אַלעמען, אַז עס דוכט זיך, אַז ווען מען וואָלט זי פּלוצלונג צוגענומען פון דאַנען, וואָלט גלייך איינגעפאַלן די גאַנצע שטוב. אַז מען זעצט זיך איצט צום טיש, איז וואַשט מען פריער די הענט, גוט, מיט זייף, און דערנאָך, אַז מען זיצט שוין ביים טיש, דאַרף מען זיך היטן און מען היט זיך טאַקע שטאַרק, אַז מען זאָל ניט פאַרגיסן דעם טישטוך, און שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע, גלייך וואו מען זיצט, טאָר מען אויך ניט. יאַסקען געפעלט עס, עס דוכט זיך אים, אַז עפּעס איז עס שיין, זייער שיין, און ער קען ניט פאַרשטיין, פון וואַנען ווייסט זי עס, אָט דאָס אַלץ, די אַלע זאַכן? און שמואל אפילו קוקט אויך אויף דעם מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם שמייכל, עס געפעלט אים קענטיק אויך, און מאַירקע אַליין — ער האָט זיך אַפריער ווי געשעמט, קלאָר האָט ער אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס, נאָר ער האָט לאַנג געטראַכט, ביז וואַנען ער האָט אָוועקגעשטעלט נאָך אַ פּאַיעטאָן, נאָך אַ געשפּאַן, פאַר זיך אַליין, און אַזאַ געשפּאַן,

אַז עס האָט געקוואָלן דאָס האַרץ צו קוקן אויף דעם. און ווען ער האָט זיך דעם ערשטן מאָל אַרויפגעזעצט אויף די נייע קאָזלעס און האָט אַ נעם געטאָן די נייע לייצעס און איז אַרויסגעפאָרן פון הויף, — ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט גרויס געמאַכט, ער האָט נאָר געציטערט אינגאַנצן, מיט די שפּיץ פינגער אַפילו, אַז טאָמער גליטשן זיך ביי אים אַרויס די לייצעס, טאָמער טרעפט וואָס — ער איז שוין דעמאָלט אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק. נאָר עס האָט גאָרניט געטראָפן, און ער פאָרט שוין איצט יעדן טאָג צו דער סטאַנציע, און איז ווידער דער גאַנצער באַלע־באָס, נאָר ער שרייט ניט וועגן דעם, ליאַרעמט ניט, ער איז מאָדנע שטיל מיט דעם, פאַרבאַהאַלטן, אַט ווי די גאַנצע זאַך וואָלט ביי אים עפּעס געווען אַ געגנבעטע.

ער האָט צוריק אָנגעטאָן אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול, און אַ נייע טשומערקע, האָט ריין אויסגעוואַשן דעם פּנים און האָט זיך צוריק פאַרקעמט די האָר אין אַ פּראָזור, נאָר אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל און האָט זיך דערזען, ער האָט זיך מיט קיינעם ניט גערייצט און האָט קיינעם ניט געשאָלטן, ער האָט צו קיינעם גאָרניט, נאָר עס האָט אים דורכגענומען אויף דורך און דורך ווי מיט אַ טומפּן צוואַק: — זלאַטע! ער וואָלט זי געדאַרפט דערהרגענען, פאַרוואָס האָט ער זי ניט דער־וואָרגן?

ער טרייבט זי פון זיך, וויל וועגן איר ניט טראַכטן, זאָל זיך אים דוכטן, אַז זי איז טויט, שטאַרבן סיידען ניט קיין מענטשן? נאָר וואָס שטאַרקער ער טרייבט זי פון זיך, אַלץ שטאַרקער קריכט זי צו אים, אין מוח, אין האַרצן. ער וויל זיך אָנשפּייען אין פּנים אַריין, זיך אַליין און איר, נאָר ער ווייסט, אַז ווען מען וואָלט אים איצט אַ שטיינער אָנגעזאָגט, אַז זי איז קראַנק, אַז איר איז ניט גוט, וואָלט ער גלייך אוועקגעלאָפן צו איר.

און אַמאָל, ווען עס קומט אים אויס צו פירן אַ פּאַרשוין אין די נאָמערעס, — ער וויל קיין מאָל ניט פאָרן צו די נאָמע־רעס, און אַז מען דאַרף, שיקט ער לייזער־בערן אָדער שמואלן, אָדער יאָסקען, אָדער וועמען ניט איז, נאָר שטענדיק ציט עס אים אַזוי אַהין, און ער קען זיך אַ מאָל ניט בייקומען, און ער

ניט א שמיץ די פערד און פארט אליין. און ווען ער קומט צו די נאמערעס, פארגעסט ער נאך וואס ער איז געקומען, פאר־געסט אן אלץ, און אט — ער וועט באלד אריינגיין אינוויינים, וועט צוגיין צו איר און וועט איר זאגן: — זלאטע, האב רחמנות!

און זלאטע קוקט אויף אים פון א ווינקל, פון א באהאל־טעניש, און זי זעט, אז ער איז שוין צוריק געווארן א מענטש, און עס פלאטערט אין איר דאס הארץ פאר פרייד, און פון די אויגן קייקלען זיך טרערן. זיי זיינען אזוי נאענט איינער לעבן דעם אנדערן, אט קען זי ארויסשפרינגען פון איר באהאלטע־ניש און צולויפן צו אים, ריידן צו אים, זיינען אזוי נאענט און אזוי וויים!

זלאטע ציילט די שעה'ן, די טעג, אז לייזער־בער זאל שוין אמאל קומען צו איר און זאל איר דערציילן ווי אזוי און וואס. ווי אזוי איז עס פארגעקומען מיט מאירקען, זאל איר אלץ דער־ציילן, נאר לייזער־בער קומט עפעס ניט צו איר, פאר וואס קומט ער ניט?

זי נייט א פארטראכטע אריין צום טעלעגראפיסט, זעצט זיך אנידער אין א ווינקל און זיצט א ליימערע, א דורכזיכטיקע. זי זעט נאך פאר זיך מאירקען, ווי ער זיצט אויף די קאזלעס, און ווי ער האלט די לייצעס, די בייטש, אינגאנצן א באגאסטנער מיט זיך, און זי וויל ריידן מיטן טעלעגראפיסט, וויל אים זאגן, אז עס ארט איר ניט, פארוואס זי איז אין די נאמערעס, עס איז ניט אומזיסט — מאירקע האט זיך טאקע ארומגעוועזן סוף כל סוף איז געווארן א מענטש...

און ווען די באלעבאסטע זאגט איר שפעטער, שפעט אין אוונט, ווען אלע שלאפן שוין, אז דער גאסט פון דעם און דעם נומער וויל, אז זי זאל היינט אריינקומען צו אים, גיט זי אפילו ניט קיין ציטער, ניט זיך אפילו ניט קיין קרים. זי קוקט זיך נאר ארום, צי זי איז ריין, פודערט זיך א ביסל צו דעם פנים און די הענט און גייט אריין אין דעם נומער און שלאפט דארט איבער די נאכט.

און מאירקע, אז ער קומט אהיים, שטייט שוין די זון אין

אלע פענצטער, און ציפּע דרייט זיך אַרום איבערן שטוב אַזאַ שיינע און אַ שמעקעדיקע ווי אַ צובליטער בוים. ער זעצט זיך אַנידער, קוקט אויף איר, און ער וויל איר דערציילן, אויס־ריידן פאַר איר וואָס עס טוט זיך ביי אים אויף דער נשמה. ער זעט דאָך, אַז זי וועט פאַרשטיין, אָך, ווי זי וועט פאַרשטיין. נאָר ווי ער קוקט אָט אַזוי אויף איר, פאַלט אים פּלוצלונג איין, אַז זי איז גאָרניט קיין שוועסטער צו זלאַטען, נאָר אַז זלאַטע איז איר מאַמע און אַז ער אַליין איז אירער אַ טאַטע. ער דערשרעקט זיך ניט פאַר דעם, ווערט פון דעם ניט צוטומלט, עס נעמט אים נאָך דורך ביז טיף אין דער נשמה אַריין.

XXVI.

ציפּע האָט ניט גערעדט וועגן זלאַטען, ניט וואו זי איז, ניט וואָס מיט איר איז, און זיי אַלע זיינען אַפּריער אַרומגעגאַנ־גען אַרום איר, ווי אַרום אַ קראַנקער, וואָס מען דאַרף פון איר עפּעס באַהאַלטן, און דערנאָך האָבן זיי געמיינט, אַז עס אַרט איר שוין ניט, אַז זי האָט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, און עס איז זיי אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, נאָר ציפּען האָט שוין גראָדע יאָ געאַרט און זי האָט שוין גראָדע ניט פאַרגעסן, ביז איין מאָל, ווען מען איז געזעסן ביים טיש, האָט זי פּלוצלונג אויס־געפּלאַצט אין אַ געוויין, — זאָל מען איר זאָגן וואו זלאַטע איז, זי האָט ניט מער ווי איין שוועסטער, און אויב זי איז געשטאָרבן, טאָ זאָל מען איר באַטש ווייזן דעם קבר אירן, זי וויל אים זען!

אַרום טיש האָט זיך עפּעס איבערגעריסן און איז געבליבן הייגגען אויף אַ האָר, איבער אַלעמענס קעפּ, און זיי זיינען נער־וועז, האָבן געשוויגן, און ווי זיי אַלע וואָלטען עס געוועזן די שולדיקע אין דעם, אַלע גלייך.

מאירקע האט געוואוסט, אז לייזער־בער גייט אמאל צו זלאטען, און ער האט אויפגעהויבן די אויגן, האט א קוק געטאן אויף אים, און לייזער־בער האט פארשטאנען, וואס מען וויל פון אים, און ער האט זיך אויפגעהויבן אין דער שטילקייט און איז צוגעגאנגען צו ציפען:

— קום!

זיין זאגן צו איר קום איז געפאלן מיט א קלונג, ווי עס צוברעכט זיך א שטיקל גלאז, און שמואל האט זיך שיעור ניט א כאפ געטאן פון ארט און האט שיעור ניט א זעץ געטאן אן טיש: — זאל זי ניט גיין, מען דארף ניט!

נאר זי האט שוין וואס ארויפגעווארפן אויף זיך, און זיי זיינען שוין ארויס פון שטוב. מאירקע פילט, אז שמואל קוקט אויף אים, קוקט אזוי, אז אט און מאירקע וועט זיך צו אים א ריס טאן: — איך האב זי אזוי ליב ווי דו, וואס ווילסטו פון מיר?!

און יאסקע איז זיך געזעסן אליין, באזונדער, און ער האט שטיל ארויסגערעדט:

— א רחמנות אויף איר!

שמואל האט א קוק געטאן אויף יאסקען, דערנאך האט ער א קוק געטאן אויף מאירקען, האט א שמייכל געטאן איבער זיי. פון ביידען, דערנאך האט ער צוגערוקט צו זיך די שיסל מיט קאשע און האט געשמאק גענומען עסן. ער האט געקנאקט מיט די ציין, מיט די ליפן, נאר מאירקע האט געזען אן אים, אז עס איז א ליגן, אז ער מאכט זיך עס נאר און ניט מער, אז ער פארשטעלט זיך, און ער האט עס אים געוואלט זאגן, נאר דא האט יאסקע גענומען קוקן אויף אים, אויף שמואלן, און האט ארויסגערעדט צום סוף, אזוי רואיק און פארביסן־שלעכט, אז מען איז גאר אזוינס ניט געוואוינט געווען פון אים צו זען:

— איך פלעט דיר באלד דעם מוח, הער אויף!

— טאקע?

יאסקע סקריעט מיט די ציין, שיסט מיט פונקען, און שמואל קוקט און לאכט אים גלייך אין פנים אריין, און מאירקע ווארט שוין אז זיי זאלן זיך א ווארף טאן איינער אויף דעם

אנדערן, אַז זיי זאָלן זיך אָנהויבן צו שלאָגן.

יאַסקע האָט זיך שטאַרק געביטן פאַר דער לעצטער צייט, פון זינט ציפּע איז געקומען. אָדער ער לאַכט זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער, אַליין צו זיך, אַליין פאַר זיך, אָדער ער ווערט פּלוצלונג אַזוי אויפגעקאָכטער, ווי עס וואָלט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ בראַנד. נאָר עס געדויערט ניט לאַנג, ער איז פּונקט ווי אַ שוועבעלע, פלאַקערט אויף און לעשט זיך באַלד אויס. און שמואל איז אויך געוואָרן אַן אַנדערער, כאָטש ער פאַרבאַהאַלט עס שטאַרק, מיט אַלע זיינע כחות. ער וויל עס ניט אַרויסווייזן, נאָר מען זעט. ציפּען זאָגן זיי אַלע דו, און זי זאָגט זיי אַלעמען דו, נאָר ער איינער, שמואל, ער זאָגט איר גראָדע איר, און זי זאָגט אים אויך איר. יאַסקע וויל פון דעם לאַכן: ברעכן זיך, ווי ביי פּריצים! נאָר עס פאַרדריסט אים שטאַרק, אַלץ וואָס שמואל זאָל ניט טאָן פאַרדריסט אים ביז איןביין אַריין, און ער לאַכט ניט.

און שמואל גייט אַמאָל צו צו ציפּען, נאָענט אַזוי, און זי ווייסט ניט וואָס און ווען, נאָר דאָס גאַנצע בלוט אירס גיט איר פּלוצים אַ שלאָג אין פּנים אַריין, און זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, האַלט איין דעם אָטעם און אַ ציטער, אַ מאָדנער אַזאַ, נעמט שטעכיק־קאַלט אַרום איר גאַנצן לייב. שמואל זאָגט איר עפּעס, זי הערט קוים וואָס, און דערנאָך, אַז ער טרעט שוין אָפּ פון איר, וויל זי צולויפן צו מאַירקען : — איך האָב פאַר אים מורא !

שמואל גייט נאָך, לאַנג נאָך דעם, אַרום, ווי אין אַ חלום, ער זעט, דוכט זיך, פאַר זיך די וועלט ניט, און יאַסקע זעט אַלץ און ווייסט אַלץ, און זיי היטן זיך ביידע, איינער דעם אַנדערן, יאַסקע שמואלן און שמואל יאַסקען. דער היט דעם און דער היט יענעם, און זיי האָבן זיך ביידע אַזוי פיינט, אַז איינער וואָלט דעם אַנדערן גרינג געקענט פאַרסמען. שמואלן שטייט טאַקע אפילו ניט אָן, וואָס ער שטעלט זיך אויף איין ברעט מיט אַזאַ איינעם, ווי יאַסקע איז, נאָר ער שליגנט דאָס אויך אַראָפּ און שווייגט. און יאַסקע קען זיך אַמאָל אַ לאָז טאָן צו אים, ווי אַן אָפּגעריסענער פון אַ קייט :

— אָדער דו וועסט מיך דערהרגענען, אָדער איך דיך!

און מאירקע קוט אויף זיי, אויף זיי ביידן, זעט פאר וואס זיי שלאגן זיך ארום און טראכט ביי זיך: — הלואי קריינקט איר נאר! ביידע!

XXVII.

ציפע האט ניט געפרעגט ביי לייזער־בערן וואוהין ער פירט זי, און ער האט איר ניט געזאגט וואוהין זיי גייען. זיי זיינען ביידע געגאנגען מיט גיכע און שטארקע טריט, ביידע פאר־טאנענע, און די גאסן האבן זיך בלינדערהייט געגליטשט אונ־טער זיי און פארביי זיי. און אט זיינען זיי צוגעקומען צו די נאמערעס, זיינען אריין אינווייניק, זיינען דורכגעגאנגען דעם לאנגן, פינסטערן קארידאר, זיינען צוגעקומען צו זלאטעס חדר, וואס איז געווען אן א זייט, און לייזער־בער האט געעפנט די טיר.

זלאטע האט דערזען א פריער לייזער־בערן, און זי האט זיך שטארק מיט אים דערפרייט, נאר דא האט זי באלד דער־זען, אז אהינטער לייזער־בערן שטייט נאך אימיצער, א מיידל אזא. זי האט זיך גוט איינגעקוקט אין איר, און ווי אין א שפיגלדיקער ראד האט זיך פלוצלונג דורכגעטראגן פאר איר דער שוועסטערס פנים און דער שוועסטערס בארוועסע פיס — ווען זלאטע איז אוועקגעפארן פון דער היים איז נאך ציפע אומ־געלאפן א בארוועסע.

זלאטע האט געוואלט א געשריי טאן פאר שרעק, נאר זי האט ניט געקענט, און ציפע איז געשטאנען אויפן שוועל און זלאטע איז געשטאנען אינמיטן חדר. זיי האבן זיך אנגעקוקט מיט גרויסע, ניט געפינטלטע אויגן, ביידע פארגליווערטע, אפ־געשטארבענע, ביז זיי האבן זיך א ווארף געטאן איינע צו דער אנדערער מיט אן אויסגעשריי, ווי דאס קנאקן פון א בייטש.

זלאַטע האָט זיך געקנייפּט די הענט און דעם פּנים, די באַקן, און אַ געלעכטער האָט געכאַרכלט אין איר געוויין, ווי קאַלטע טראָפּנס וואַסער אויף אַ הייסער פּאַן, און אַ געוויין האָט זיך געשטויסן אין איר געלעכטער, און ציפּע האָט געהאַלטן אין איין אויפשרייען :

— שוועסטער ! שוועסטער !

און לייזער־בער איז געשטאַנען לעבן זיי מיט גרויסע, אַראָפּגעלאָזטע הענט, און ער וואָלט זיך, דוכט זיך, איצט ניט געקענט רירן פון אָרט, ווען מען וואָלט אפילו געשאָסן אונטער אים.

זלאַטע האָט אַנידערגעזעצט לעבן זיך די שוועסטער, האָט זי געהאַלטן אין איין אַרומטאַפּן מיט די הענט און האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט גלויבן. זיי זיינען לאַנג געזעסן אַט אַזוי און זלאַטע האָט שטיל גערעדט צו איר, האָט גערעדט, ווי עס טריפט אַן אָדער. ציפּע טאָר מער קיינמאָל ניט קומען צו איר, קיינמאָל ניט. זי טאָר ניט, זאָל זיך איר דוכטן, אַז די שוועסטער אירע איז געשטאָרבן, שטאַרבן סיידען ניט קיין שוועסטער? און זי דאַרף זיך היטן, פאַר אַלעמען, אָך ווי זי דאַרף זיך היטן, אי פאַר יאַסקען, אי פאַר שמואלן, אי פאַר מאַירקען אפילו, כאָטש ער איז איר אַן אייגענער שוואָגער. נאָר איין לייזער־בער איז אַ וואוילער, אים מעג זי גלויבן, אָך, וואָס פאַר אַ וואוילער ער איז !

זי רופט אים צו, זעצט אים אַנידער לעבן זיך, און זיי זיצן אין דרייען, ציפּע ביי איר לינקער האַנט, און לייזער־בער ביי איר רעכטער האַנט און זי אַליין אינמיטן. ביי איר איז פריידיג אויף דער נשמה, און ביי לייזער־בערן גיסן זיך אַן די אויגן אין ציפּען איז אַזוי גוט, וואָס די שוועסטער פּעשטשעט זי, אַז זי מאַכט צו די אויגן און עס דוכט זיך איר, אַז זי לאַכט. און שפּע־טער, אַז מען האָט שוין געדראַפּט אוועקגיין, ווען לייזער־בער מיט ציפּען זיינען שוין געשטאַנען אויף יענער זייט שוועל, האָט זיך זלאַטע אַ כאַפּ געטאָן פּלוצלונג און האָט אים צוגערופן צו זיך. לייזער־בער איז צוגעגאַנגען און זי האָט אים געוואָלט אַנזאָגן, בעטן, און צום סוף — פרעגן ביי אים, צי געדיינקט ער יענע נאַכט,

ווען ער האָט זי פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און האָט זי פּלוצלונג אָפּגעלאָזט? זאָל ער שטענדיק זיין אַט אַזאַ, צייט ער וועט לעבן, ער ווייסט גאָרניט ווי גוט אים איז! זי האָט לאַנג געקוקט אויף אים, און ער האָט, דוכט זיך, דערפילט, וואָס זי וויל אים זאָגן, וואָס זי וויל ביי אים פרעגן, און ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ פאַרשעמטער און אַ צופלאָמטער און אַזאַ געטרייער, אַן איבער־געבענער אי צו איר אַליין, אי צו איר נייער שוועסטער, צו ציפען, ווי ער איז נאָך ביז איצט קיין מאָל אין זיין לעבן צו קיינעם נים געווען. ער שווערט זיך אַזש שיעור נים פאַר איר און זי רעדט שטיל אַרויס, ווי זי וואָלט זיך מיט אימיצן געזעגענט, אויף אייביק.

— נו, גייט ...

זיי זיינען אַרויס פון די נאַמערעס, האָבן זיך פאַרנומען מיט דער גאַס, און ציפע האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן ביי יעדן טראָט, האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדערוויינען ווי אַ קינד: זי וויל נים גיין אַהיים, זי וויל צוריק צו דער שוועסטער, וויל זיין ביי איר שוועסטער. נאָר לייזער־בער איז שטאַרק געגאַנ־גען, אַלץ ווייטער און ווייטער, און זי איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ צוגעבונדענע צו אים. און אַז מען איז געקומען אַהיים, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק, האָט ערגעץ געקוקט פאַר זיך מיט גלייכע און אָפּגעשטעלטע אויגן, ווי אַ בלינדע, און האָט צו קיינעם נים אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

זי איז געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטע, און די שאַל, וואָס זי האָט געטראָגן, האָט זיך פּאַמעלאַך אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען, און דער פּנים אירער איז געווען אָפּגערעקט, נאַקעט און בלייך. מאירקע האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער גרויסער קיך, אַהין און צוריק, האָט איטלאַך ווייִלע געקוקט אויף איר פון דער זייט און האָט היים גערעדט צו איר, מיט זיין מוח, אַז ער איז נים שולדיק, אדרבה, זאָל זי אַליין זאָגן, וואָס זאָל ער טאָן?

ער האָט נים געקענט פאַרטראָגן ווי זי זיצט, איר זיצן און איר קוקן האָבן אים געריסן ביים האַרצן, און ער האָט געפילט, אַז זי איז גערעכט, אַז ער האָט איר נים וואָס צו זאָגן, און ער איז אַרויס פון שטוב, האָט זיך איינגעצן

געלאָזט אַרויסגיין פון הויף. נאָר ער האָט זיך באַלד אָנ־געשטויסן, שוין ביים טויער, אָן לייזער־בערן. לייזער־בער איז זיך געשטאַנען אַ גרויסער און אַ רואיקער, און מאַירקע האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אים, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, צי איז ער איצט אין כעס אויף לייזער־בערן, צי ניט:

— וואָס שטייסטו, וואָס?

לייזער־בער האָט איבערגעביטן אַ פוס אויף אַ פוס, האָט רואיק געקוקט אויף אים און האָט אים רואיק געענטפערט:

— גאָרניט.

עס איז נאָך ווייט געווען צו פאַרנאַכט און די גאַס איז נאָך פול געווען מיט זון. אין מאַירקען האָט געציטערט דאָס האַרץ, די נשמה, און לייזער־בער האָט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, אוועק־אַוועקגיין, און ציפּע איז נאָך געזעסן אַליין, און האָט נאָך אַלץ געטראַכט:

— וואָס זשע איז פאַרט מיט זלאַטען? פאַרוואָס איז זי פאַרט ניט אין דערהיים?

נאָר פרעגן וועט זי ביי קיינעם ניט!

XXVIII.

היינט איז פרייטאָג, און פרייטאָג פאַרט מען ניט צו דער סטאַנציע. דער טאָג איז אַ ליכטיקער און אין הויף איז שטיל און פון דער נידעריקער שטאַל וואַרפט זיך אַ שאָטן, ווי אַ וועג, און לייזער־בער שטייט אין דעם שאָטן און טוט גאָרניט. ער האָט נאָר־וואָס אויסגעריייניקט דעם גרויסן הויף, האָט אָפּגעוואַשן די פאַיעטאָנען און איצט שטייט ער און בלאָנדזשעט די אויגן אויף דער טיפער, צעשוואָומענער זון און האָט שטאַרק הנאה אי פון דער זון, אי פון דעם שאָטן, אי פון די פאַיע־טאָנען, וואָס גלאַנצן ווי שפּיגלען — פון אַלץ. איבערן הויף דרייט זיך אַרום אַן אַלטער, פאַרוואַקסענער הונט און אַ יונגינק קעלבעלע און אַ קרומע הון — די הון איז אַמאָל

אונטערגעשפּרונגען אונטער אַ פּאַיעטאַן, האָט עס איר צונג־קווענטשט אַ פּיסל. דאָס קעלבל שטעלט זיך אָפּ אין מיטן דערינען, ציט אויס דעם האַלדז און רופט אימיצן, אַט ווי אַ לעבעדיקער מענטש להבדיל, וואָס בײנקט נאָך וועמען:

—מממו! מ־מ־מ־מ־ע!!

און דער הונט פאַרקלײבט זיך ערגעץ אין אַ זײטיקן ווינקל, ציזט זיך דאָרט אויס אויף דער זון און בורטשעט אַפּגעריסן און בײז, כאָטש קײנער טשעפּעט אים ניט. נאָר אפשר בורטשעט ער עס אַזוי פון אַלטקייט, ווײל ער איז אַלט, און אפשר דערפאַר, ווײל דאָס איז סתם אַ בײזער הונט, אַ הונט וואָס האָט אַלעמען פײנט און לעקט זיך צו קײנעם ניט.

— בילאָם!

לײזער־בער רופט אים ניט צו זיך, ער גיט נאָר צו אים אַ געשרײ, און דער הונט קוקט אים אָן מיט אַ זײטיק אויג, באַטראַכט עפּעס און גראָבט טיפער אײן די מאָרדע אין דער ווײכער און אָנגעוואָרעמטער ערד, וואָס איז ווי זאַמד. לײ־זער־בער שטעלט אַוועק אין אַ ווינקל דעם הויכן, גרויסן בע־זים, וואָס ער האַלט נאָך אין די הענט און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם אויסגעשפּרײטן קלאָץ. דער קלאָץ איז שוין דורכ־געפוילט בײ די זײטן, איז ווײך ווי אַ פּוטער און בײנאַכט. אין דער פינצטער, ברעכן זיך פון אים שטראַלן, רײסן זיך ווי פײערדיקע פליגעלאַך אַזעלכענע, וואָס אַט צינדן זײ זיך אָן. און אַט לעשן זײ זיך אויס, און אונטער דעם קלאָץ ראַיען זיך ווערים, גרויסע און זאַטע, ווי שלײנג.

פון שטוב לויפט אַרויס ציפּע, מיט אַ לײדיקן עמער אין די הענט, און זי לויפט צו צום ברונעם, שעפּט אָן אַן עמער וואַ־סער און לויפט צוריק אין שטוב אַרײן. פון עמער גיט זיך אַ כליאַפּ אַרויס אַ לוסטע וואַסער, גאַנץ און גלאַנציק ווי גלאָז, ווי אַ שפּיגל. ציפּע האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן און איז פּלוצלונג ניט געוואָרן, איז פאַרשוואונדן, ווי אַ פלעק פון דער זון.

לײזער־בער פירט מיט די אויגן איבערן הויף, איבער אַלע זאַכן אין הויף, און ער שטעלט זיך ווידער אָפּ אויפן הונט:

— בילאם!

און בילאם טרייבט פון זיך פליגן: — ב־ר־ר־ר־ר...

א מענטש, אז ער לעבט אויף דער וועלט, איז האט ער אימעצן, אדער א שוועסטער, אדער א ברודער, אימעצן. נאר לייזער־בער, ער האט קיינעם ניט, אין ערגעץ ניט, אויף דער גאנצער וועלט, ניט קיין טאטן און ניט קיין מאמען, ניט קיין שוועסטער און ניט קיין ברודער, קיינעם ניט! ער האט ביי זיך א פאפיר און אין דעם פאפיר שטייט געשריבן, אז אין דעם און דעם טאג, אין דעם און אין דעם יאר, איז ביי דעם און דעם אידן געבארן געווארן א זון און מען האט דעם זון א נאמען געגעבן לייזער־בער. ער האלט טייער דעם פאפיר, היט אים ווי די אויג אין קאפ, נאר ביי זיך, טיף אין הארצן, ווייסט ער, אז דאס איז גארניט מיט גארניט, דער גאנצער פאפיר! עס איז ניטא און עס איז קיינמאל ניט געווען אזא איד אויף דער וועלט, און ער האט ניט קיין טאטן און האט ניט קיין מאמען, ער איז גאר אינגאנצן ניט געבארן געווארן — ער איז א ממזר!

ציפע איז גוט צו אים, ווי אן אייגענע שוועסטער, ווי אן אמת׳ע שוועסטער, נאר לייזער־בער וויל אמאל ארויסכאפן דעם פאפיר און ווייזן איר, אלץ וואס עס שטייט דארט געשריבן, און זאל זי וויסן, זאל זי ניט מיינען!

אין שטאל צעהירזשעט זיך א פערד, און לייזער־בער גיט זיך א כאפ אויף, ווי מען וואלט אים פלוצלונג אויפגעוועקט. ער קוקט זיך ארום, ווי מען וואלט אים מיט וואס געכאפט ביי דער האנט, און ער שטייט און ווייסט ניט וואוהין ער זאל גיין, צי אין שטאל, צי אין שטוב אריין. דער שאטן וואס פאלט פון שטאל איז לאנג און ברייט און אזוי איינגעגעסן אין דער ערד, אויף דורך און דורך, און בילאם, דעם הונט, ליגט ווי א געפגרטער, האלט אפן די אויגן און די אויגן זיינען ביי אים פון גרינע גלאז. לייזער־בער רירט זיך פון ארט, זיינע טריט זיינע שווערע, קלעפיקע און דער הונט שיקט אים נאך: — ב־ר־ר־ר־ר!

לייזער־בער קומט אריין אין שטוב און אין שטוב איז שוין אויפגערמט, צוקגעקליבן, און ציפע דרייט זיך ארום אן אויסגע־

פוצטע אין א ווייסן, אקארשט־אויסגעפרעסטן פארטוך, און די האר אירע, צוגענעצט און שטייף פארקעמט, שמעקן אזוי, ווי די גראזן, וואס וואקסן פון א וואסער ארויס, און זיינען ווי זאנגען.

לייזער־בער נעמט ארויס פון זיין קעסטל א בייגעלע פא־פיר און א קאנווערט — פון זינט ציפע איז דא, האט ער שטענ־דיק ביי זיך פאפיר מיט קאנווערטן, און יעדן פרייטיק שרייבט ער פאר איר א בריוו — אהיים, צו איר טאטן.

ער גייט צו, זעצט זיך אנידער בײַם טיש, און ציפע קומט אויך צו און זעצט זיך אויך אנידער. ער קוקט אויף איר א ווײַלע, פרעגט ביי איר גארניט און שרייבט אן, אליין:

— פיל גליק און פרייד זאל גרייכן צו מיין ליבן און טייערן פאטער מרדכי־געצע, לעב!

ער לייענט עס פאר איר פאר, ניט קוקנדיק אויף איר און פרעגט:

— נו?

ציפע ווייסט, אז ווען זי זאל נאר פרעגן ביי לייזער־בערן: וואס איז מיט זלאטען? וואלט ער איר גלייך דערציילט, ער ווייסט דאך! נאר זי זיצט א פארטראכטע, און עס איז איר גוט פון דעם, וואס זי קען פרעגן ביי אים און פרעגט ניט, און וואס ער קען איר דערציילן און דערציילט ניט, זי האט אים דערפאר ליב... און לייזער־בער ווארט ניט, אז זי זאל אים זאגן, וואס זי וויל שרייבן, ער הויבט גלייך אן אליין, פון זיין אייגענעם קאפ. ער שרייבט לאנג, אן אן אויפהער, און זי זיצט און ווארט נאר, וואס פון דעם אלעמען וועט ארויסקומען. און ער פארשרייבט דעם גאנצן בייגעלע פא־פיר, פון אלע זייטן, און דערנאך, אז ער לייענט פאר איר דעם בריוו, קוקט זי אויף אים די גאנצע צייט און וואונדערט זיך: פון וואנען האט ער געוואוסט וואס ביי איר אויפן הארצן טוט זיך? ער האט, דוכט זיך, געשריבן אלץ וואס זי האט גע־וואלט, וואס זי פילט, נאר זי אליין אפילו האט עס פריער ניט געוואוסט און ער האט עס יא געוואוסט. ער לייענט פאר איר דעם גאנצן בריוו, און דער בריוו איז אן אומעטיקער, ווי אומעטיק עס איז א קינדערשע פרייד, און ציפע הערט און מורמלט

כסדר, אז גוט אזוי, גוט אזוי... נאר ער פארהאקט זיך פלוצלונג, דערשלינגט א שווערן אטעם, און דערנאך לייענט ער שוין אזוי שטיל, אז קוים וואס מען הערט: און זלאטע גריסט דיר מיטן גאנצן הארצן, נאר ווײַלע זי איז איצט שטארק פארנומען, קען זי דיר ניט שרייבן...

ציפע גיט אים א כאפ אן פאר א האנט, און ער לאזט אראפ די אויגן, קוקט ניט אויף איר, און דער אנגעשריבענער בריוו ליגט אויפן טיש, לעבן אים. ציפען ארט איצט ניט פאר זלאטען, נאר עפעס שטעכט איר אין האלדז א געוויין, קראצט ווי מיט נעגל, און לייזער־בער ליגט צונויף דעם בריוו, לייגט אים אריין אין א קאנווערט, פארקלעפט און שרייבט אן דעם אדרעס.

ציפעס אויגן זיינען איצט ווייכע ווי סאמעט און טיפע ווי דער ים, וואס האט ניט קיין ברעג, און לייזער־בער נעמט דעם בריוו און הויבט זיך אויף פון ארט. ער איז א גע־פענטעטער און ער חלשט א קוק טאן אויף ציפען, נאר ער האט מורא, ציטערט, און ער לאזט זיך ארויסגיין פון שטוב. ציפע ווייסט וואוהין ער גייט עס, ער גייט אוועקשיקן דעם בריוו, נאר זי שטעלט אים אפ מיט אירע אויגן און פרעגט:

— וואהין גייסטו?

זי דערקענט ניט איר אייגענעם קול, עס קלינגט שווער און פרעמד, נאר זי שרעקט זיך ניט פאר דעם, און אז לייזער־בער גייט ארויס פון שטוב, גיט זי זיך מיט אמאל א ריס פון ארט, לויפט צו צום פענצטער און קוקט אים נאך ווי ער גייט...

XXIX.

ציפּע האָט שוין לאַנג געוואָלט שרייבן דעם טאַטן אַז ער זאָל באַלד קומען אַהער, זלאַטען איז דאָך אַזוי ניט גוט, אַזוי ניט גוט, מען מוז זי ראַטעווען. נאָר אַז לייזער־בער האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן דעם בריף און האָט ביי איר אַ פרעג געטאָן: נו? וואָס זאָל איך שרייבן? האָט זי עפּעס פאַרגעסן אויפן טאַטן, האָט פאַרגעסן אויף זלאַטען. זיי זיינען ביי איר נאָר אַרויסגעפלויגן פון איר מוח, פון איר האַרצן, און זי האָט נאָר געקוקט אויף לייזער־בערן, און האָט שיעור ניט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט, וואָס האָט געשריבן דעם בריף, האָט שיעור־שיעור וואָס ניט אָפּגעטאָן.

ציפּע קאַמט זיך איצט די האָר און קוקט אויף זיך אין שפּיגל. די צייגדלאָך פונם קאַם שטעכן איר דעם שאַרבן, רייסן אַרויס מיט אַ ווייטאָק איינציקע האָר פון קאָפּ, נאָר זי האָט פון דעם הנאה. עס איז איר שווער אויפן האַרצן, שווער און מאָדנע אַזוי, אַז זי איז גאָר ניט געוואוינט צו דעם. זי רופט צו זיך לייזער־בערן, רופט אים מיט פאַרצויגענע ווערטער און מיטן גאַנצן האַרצן, און עס איז איר ווייענדיק אויף דער נשמה. זי ווייסט ניט פון ווען אָן און ווי אַזוי דאָס איז גע־קומען צו איר, זי ווייסט אָבער אַז זי דאַרף זיך מיט דעם היטן, און זי היט זיך טאַקע מיט דעם, — פאַר אַלעמען. נאָר עס איז איר שווער און אַט כאַפּט זי זיך אַרויס פון שטוב און לויפט אַוועק צו דער חברטע צו אירער, וואָס זי האָט זיך דאָ געקראָגן. די חברטע באַגעגנט זי אַ צופרידענע, אַזוי ווי שטענדיק, נאָר ציפּען פאַרדריסט שוין פאַר וואָס זי איז געקומען צו איר. זי האָט גראָדע יאָ וואָס צו דערציילן דער חברטע, וואָס צו רעדן מיט איר, נאָר זי איז אין כעס, אויף דער גאַנצער וועלט, און די חברטע פרעגט ביי איר:

— וואָס איז?

ציפּע גיט זיך אַ כאַפּ, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און ענטפערט שטיל, ווי אַ גנבטע:

— נאָר ניט.

די חברטע וואָס ציפּע האָט זיך דאָ געקראָגן, איז אפשר צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, און ציפּע מיינט, אַז זי איז זייער אַ קלוגע. זי איז אַ דינסט, זי דינט ביי אַ רייכן תבואה-הענדלער, און היימן הייסט זי באַשע, נאָר ליב האָט זי, אַז מען זאָל זי רופן באַשקע, כאָטש דער נאָמען באַשקע קלעפּט זיך צו איר, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. זי האָט שווערע, קלייענדיקע הענט און פולע, אָנגעגאָסענע ליפּן, און די ליפּן גלאַנצן ביי איר שטענדיק, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעשמירט מיט פעטס.

ציפּע קען לויפן צו דער חברטע, ווען עס פאַרווילט זיך איר נאָר, באַטאָג איז באַטאָג, און פאַרנאַכט איז פאַרנאַכט. נאָר שבת קומט שוין באַשע צו איר און ניט גלאַט אַזוי, נאָר טאַקע אין געסט. באַשע איז דאַמאָלט אַן אויסגעפּוצטע אין עסיג און האָניק, מיט צוויי פעדערן אויפן קאָפּ און אין אַ פּאָר ענגע שיכלאַך אויף די פיס, אַז עס קוועטשט איר אַרויס די נשמה, און אָנגעטאָן איז זי אין אַ גרינער קלייד, באַפּוצט מיט געלע סטיינגעס און מיט ווייסע קנעפּ, וואָס יעדער קנאָפּ איז די גרויס ווי אַ זילבערנער רובל. זי איז גאָר ניט אַזאַ הויכע און גאָר ניט אַזאַ פעטע, נאָר זי האָט צוויי גרויסע, אָנגעגאָסענע ברוסטן, און זי טראָגט זיי עפּעס, די ברוסטן אירע, אין פאַראויס פאַר זיך, יעדן איינעם אַנטקעגן. זי דערציילט, אַז זי האָט ערגעץ וואו אַ טאַטן און אַז זי שיקט אים געלט און אַז ער איז אַ שוחט. נאָר אַמאָל פאַרגעסט זי זיך אַן דעם און דערציילט עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס אַרט קיינעם ניט, — זאָל זי, אויב זי האָט אין דעם איר פאַרגעניגן.

דער שבת איז היינט אַזאַ ווי אַלעמאָל. מען האָט אַקאָרשט אָפּגעגעסן וואַרמעס, אַ פעטן, אַ זאַטן, און עס איז שטיל און רואיק אויף דער נשמה. ציפּע נעמט צו פון טיש, גלייכט אויס דעם טישטוך און זי רוקט דערביי אָפּ מיט די שפּיץ פינגער די פאַרקילטע לייכטער, אַז עס קומט אויס, אַז אַי זי האָט זיי ניט אָנגערירט, אום שבת, אַי זיי זיינען אָפּגערוקט.

אין דעם אַנטקעגנדיקן פענצטער קוקט אַריין די זון, און ציפּע

גייט צו און נעמט נאָך ברייטער פאַנאַנדער דעם פאַרהאַנג. אויף דער גאַס, פון דערוויטנס, באַווייזט זיך באַלד באַשע, און ציפּע קערט זיך אָפּ פון פענצטער און זאָגט זיי אַלעמען אָן: — זי גייט שוין.

באַשע איז אַ פריילאַכע, אַ שרייאיקע, און ווי נאָר זי קומט אַריין, אַזוי ווערט גלייך פול מיט איר די גאַנצע שטוב:

גוט שבת!

זי זעצט זיך אַנידער צום טיש, אויבנאָן, און זי קוקט אויף אַלעמען און חנדלט זיך פאַר אַלעמען. עס איז איר גוט, וואָס זי זיצט אין איינעם מיט יאָסקען, מיט שמואלן, מיט לייזער־בערן, עס דוכט זיך איר, אַז זיי רינגלען זי אַלע אַרום, און זי רעדט אַ סך און לאַכט אַ סך. זי לייגט זיך אַוועק אויפן האַרצן די שווערע, קלייענדיקע הענט אירע, גלעט זיך די שטייף־איינגעצוויגענע ברוסטן, דעם בויסט, און זיי אַלעמען ווערט עפּעס מאָדנע, זיי פאַרשעמען זיך, דוכט זיך, און אי זיי קוקן יאָ אויף איר, אי זיי קוקן ניט אויף איר. ציפּע דערלאַנגט צום טיש אַ גרויסע זופּ מיט אַרבעס און מיט באָב און באַשע נעמט אָן אַ פולן הויפן, וואַרפט עס אין מויל אַריין און קייט שטאַרק מיט אירע שטאַרקע ציין, און ציין האָט זי גראַדע שיינע, — ווייסע, גרויסע, ווי ביי אַ חיה.

יאָסקע האָט גרויס אָפּשיי פאַר באַשען, און ער האַלט זיך די גאַנצע צייט ווי אַ מענטש, און שמואל קוקט די גאַנצע צייט אויף ציפּען, נאָר אַזוי, אַז מען זעט גאָר ניט, אַז ער זאָל אויף איר קוקן, און לייזער־בער איז גלאַט ניט גוט. עס איז אים ענג, ער קען זיך ניט קיין ריר טאָן.. שמואל וויל זיי עפּעס דערציילן, עפּעס אַזוינס, אַז זיי זאָלן זען, אַז ער איז ניט ווי אימיצער אַנדערש, אַז עס איז דאָ אַ נפקא־מינא, נאָר טיף אין אים ציטערט און וואַקסט אַ כעס, אַ בלינדער, אַ שלעכטער. עס שטייט אים עפּעס ניט אָן, פאַר זיך אַליין, און ער זיצט אַ פאַרביסענער און שווייגט.

און באַשע עסט דעם באָב, האָט שטאַרק הנאה, און האַלט אין איין ריידן און איז איין לאַכן. שמואלן אַרט עס ניט,

נאָר אַז ציפּע לאַכט זיך אויף פאַנאַנדער אויף אירע רייד, קערט ער זיך אום צו באַשען, קוקט זי אַן פון קאָפּ ביז די פיס, סקריעט מיט די ציין, און אַקאָרשט וואָס ער פרעגט ניט ביי איר:

— איר וועט אויפהערן, צי ניט?

נאָר אָט קומט שוין מאירקע צוריק אריין אין שטוב, ער איז געגאַנגען אַ קוק טאָן צו די פערד, און ער וויל זיך אויך צוזעצן צום טיש, זיין מיט אַלעמען, נאָר ער בלייבט שטיין אַן אַ זייט, קוקט, און זיין גאַנצער פּנים שמייכלט ליבטיק:

— איר עסט באָב?

ער קוקט צו באַשען, און באַשע ענטפערט אים טאַקע, — פאַר אַלעמען:

— יאָ, מיר עסן באָב!

מאירקען געפעלט עס, זייער, אַז עס איז שבת, אַז מען קומט צו אים צו גאַסט, און ער שטייט און שעפּט פון דעם נחת, ווי אַ אידענע. ער ווייסט עס, ווייסט, אַז ער איז אַ אידענע, נאָר עס אַרט אים ניט.

אַרום טיש איז פריילאַך, גוט, מען עסט, מען שמועסט און מען האָט הנאה, נאָר שמואל קען עס ניט אַריבערטראָגן, ער קען ניט. יעדע רגע, וואָס ער זיצט דאָ ביים טיש, פאַלט אין זיין נשמה ווי אַ טראָפּן בליי, מיט אַ צופּ, מיט אַ ברען, ביז ער גיט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ אויף פון אָרט, שליידערט אָפּ פון זיך דעם ביינקל און לאָזט זיך אַרויסגיין פון שטוב. עס קומט אים אויס דורכצוגיין נאָענט פאַרביי ציפּען, און ער פאַרהאַלט זיך לעבן איר און שנייט זי דורך מיט די אויגן, אַז ציפּע גיט זיך אַ צאַפּל און קען זיך ניט איינהאַלטן:

— אוי!

אַרום טיש ווערט מאָדנע שטיל, מען קוקט זיך איבער, מען קוקט זיך אָן, נאָר יאָסקע גיט זיך באַלד אַ כאַפּ — ער וועט ניט לאָזן פאַרשטערן דעם שבת! און ער שפּרינגט צו צו ציפּען, כאַפּט זי שטאַרק אַרום, פון הינטן, און לאַכט מיט אַ געמאַכטן געלעכטער:

— שפיי אויף אים, וואָס אַרט ער דיר?

ער שפּאַרט צו איר דעם פּנים, די ליפּן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַ קוש טאָן, און ציפּע קען אים איצט ניט פאַרטראָגן, קען אים ניט ליידן לעבן זיך, און זי שטופּט אים פון זיך, רייסט זיך פון אים, און באַשע קוקט אויף זיי מיט געלע אויגן, מיט אָפענע טוטווייאַיקע ליפּן און אירע גרויסע ברוסטן נעמט דורך אַ ציטער.

ציפּע רייסט זיך צום סוף אַרויס פון זיינע אָרעמס, און ער בלייבט עפּעס אין מיטן שטוב, אַ רחמנותדיקער, אַ נאַרישער, אַט ווי מען וואָלט אים דאָ אויסגעשטעלט, אַז מען זאָל אויף אים קוקן. און ציפּע פאַרריכט זיך די האָר, קוקט זיך אַרום, און דערזעט אַז לייזער־בער איז שוין אויך ניטאָ ביים טיש. זי ווערט מיטאַמאָל אַן אַנדערע, אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַז מאַירקע דערזעט און דערקענט אין איר זלאַטען. נאָר זי לאָזט זיך אויף גיך אַרויסגיין פון שטוב, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, ניט זאָגנדיק קיינעם גאָר ניט, אַט ווי קיינער וואָלט דאָ גאָרניט געווען און וואָלט גאָר ניט געזען:

— לייזער־בער!

און ער שטייט ביים טויער און רופט זיך אפילו ניט אָפּ. זי וואַרט נאָך אַ רגע און אַז ער שווייגט, גייט זי אַליין צו אים צו:

— וואָס ביזטו אַנטלאָפן?

זי האָט זיך שטאַרק געבאָרעט מיט יאַסקען, און זי אָטעמט נאָך שווער, און דאָס פּנים איז ביי איר אַ צעפלאַמטס, און די ליפּן זיינען דרין און שלעכט. נאָר ער קוקט אפילו ניט אויף איר, ער וויל איר נאָר זאָגן, אַז זי זאָל פון אים אַוועקגיין, אַז ער האָט זי פיינט. ער וויל זי אָפּטרייבן פון זיך, און זי ווייסט פאַר וואָס ער איז איצט אין כעס אויף איר און זי פאַר־ענטפערט זיך פאַר אים אַ רואיקע — זי איז גאָרניט שולדיק:

— אַז ער הויבט זיך שטענדיק מיט מיר אָן, ווי אַ קלעק, איך טשעפּע אים קיין מאָל ניט!

נאָר ער הערט אפילו ניט וואָס זי זאָגט אים, ער שטייט

זיך א גרויסער, ווי א לײמענער, און איר פאַרדריסט עס זייער. נאָר זי זאָגט אים שוין מער גאָר ניט, זי קערט זיך נאָר פּאַמעלאַך אָפּ פון אים און קומט צוריק אַריין אין שטוב. זי וואָלט געוואָלט, אַז באַשע זאָל איצט אַוועקגיין, אַז אַלע זאָלן אַוועקגיין. נאָר זי ווייסט, אַז באַשע וואַרט אויף איר מיטן שפּאַציר, און זי גייט אַריין אין אַנ'אַנדער חדר, טוט זיך דאָרט איבער און קומט באַלד צוריק אַרויס אַן אָנגעטאָנענע אין דער נייער, רויטער קלייד, וואָס איז פון אַזאַ גוטן וואָלנס, אַז עס גלאַנצט ווי אַ סאַמעט, ווי זײַדנס. אַז ציפּע טוט זיך אָן אין אָט־אַ דער רויטער קלייד, ווערט זי אַזאַ מאָדנע, ווי אַ ווײַטע פּריצטע, און מאַירקע קוקט אויף איר און עס פאַרגייט אים אַזש די נשמה. נאָר באַשע לאָזט ניט לאַנג קוקן, זי אײַלט זיך צום שפּאַציר, און ציפּע טוט זיך אָן דאָס היטעלע און זיי גייען ביידע אַרויס פון שטוב.

שמואל שטייט אין הויף, אין אַ ווינקל, און ער זעט ווי זיי זײַנען אַרויס פון שטוב, ווי זיי גייען צום טויער, און ער וויל זיך אַ יאָג טאָן נאָך זיי, וויל צולויפן צו ציפּען און איר זאָגן, אַז זי דאַרף ניט, זי איז דאָך אַנ'אַנדערע, פאַר וואָס ווייסט זי עס אַליין ניט?

נאָר זיי זײַנען שוין דורכגעגאַנגען דעם הויף, זײַנען אַרויס פון טויער, און ווען זיי זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ לײַזער־בערן, האָט ציפּע אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף אים. שמואל האָט אויך דאָס, הפּנים, געזען, און ער גייט צו דערנאָך צו לײַזער־בערן, און אַ ווײַלע שטייען זיי ביידע, איינער לעבן דעם אַנדערן, און קוקן ביידע ווי ציפּע און באַשע גייען איבער די גאַס, ווערן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. לײַזער־בער אָטעמט ניט, און שמואל לאַכט פון אים.

לײַזער־בער גיט זיך אַ כאַפּ, ווי פון אַ שטאָך אין זײַט אַרײַן, און קוקט אים אָן. לײַזער־בער האָט פאַר אים קיין מורא ניט, פאַר קיינעם ניט, הלוואי רירט אים נאָר ווער אָן, ער וואָלט יענעם צעקוועטשט ווי אַ פליג. נאָר שמואל לאָזט אים באַלד איבער, אין מיטן דערינען, קערט זיך אָפּ און גייט פון אים אַוועק.

ער קומט צוריק אַריין אין שטוב און אין שטוב — מאַירקע

שפאַנט אַרום איבער דער קיך, אַהין און צוריק, מיט גרויסע און פעסטע טריט. ער איז שטאַרק געהויבן ביי זיך, שטאַרק תקיף, און יאַסקע זיצט ביים טיש, קוקט ערגעץ פאַר זיך, טראַכט וועגן וואָס, שטעלט זיך וואָס פאַר, און זאָגט אַרוים צום סוף, ווייט אַזוי, ווי אַן אָפּקלאַנג:

— זי איז אַ קייסערינע!

שמואל קוקט אויף מאַירקען און אויף יאַסקען, וויל זיי זאָגן, ביידן אינאיינעם, און זאָלן זיי וויסן ווער זיי זיינען. נאָר דאָס איז אויך פאַר זיי צופיל, און ער גענעצט זיך פלוצלונג פאַר־נאַנדער, מיאוס אַזוי, און שלעכט, ווי אימיצן אויף צו־להכעיס. נאָר אַז ער מאַכט שוין צו דאָס מויל, דערפילט ער מיטאַמאָל, אַז ער איז שטאַרק אויסגעמאַטערט, מיט אַלע זיינע אברים, און ער זעצט זיך צו, אינאיינעם מיט יאַסקען, אינ־איינעם מיט מאַירקען, און זאָגט צו זיי שטיל און רחמנותדיק, ווי ער וואָלט זיך ביי אימיצן געבעטן:

— עס איז אומעטיק...

XXX.

שפּאַצירן גייט מען אויפן פּראָספּעקט, און דער פּראָספּעקט איז אַ ברייטע גאַס, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ווייט און גלייך צווישן פאַנאַנדערגעוואַקסענע ביימער. די ביימער ציען זיך געדיכט, פון ביידע זייטן, אַז די גאַס ציט זיך ווי אונטער אַ דאַך, און דער דאַך, וואָס איז פון בלעטער און צווייגן, ציטערט און וויגט זיך פון דעם קלענסטן ווינטל, און איבערן פּראָספּעקט טראָגט זיך שטענדיק אום דער נאָהענטער גערויש פון בלעטער, צווייגן, בוים און ערד.

פאַראַן דאָ אַקאַציע־ביימער, נוס־ביימער און ביימער ווי פון אַ וואַלד אַרוים. די אַקאַציע־ביימער בליען פרי, אַנהויב זומער, און די נוס־ביימער שמעקן דערמאָלט מיט דעם זיסלאַך־פאַרזשאַווערטן

ריח פון ערד, און שפּעטער, ווען עס בליען די נוס־ביימער, ווערן שוין די אַקאַציע־ביימער באַדעקט מיט געלע בלעטער, וואָס רייסן זיך פון זיך אַליין, אַז אַ ווינט, און פאַלן אונטער די פיס...

ווען ציפּע מיט באַשען קומען אויפן שפּאַציר, איז שוין דער פּראָספּעקט פול מיט מענטשן און מענטשן שטעלן זיך אָפּ און קוקן אויף דער שיינער ציפּען און אויף דער מאָדנער באַשען, וואָס מאַכט אַ גוואַלדן מיט איר יעדן טראָט און וואָס קוקט אויס אין דער גרינער קלייד מיט די געלע סטיינגעס און די גרויסע, ווייסע קנעפּ, ווי אַקאַרשט פון אַ צירק אַרויס. מען קוקט אויף זיי און מען פאַרשטייט ניט וואָס דאָס זיינען פאַר אַ מיידלאַך, ווער איז די און ווער איז די אַנדערע און פון וואַנען זיי קומען עס ביידע.

עס איז נאָך ווייט צו פאַרנאַכט און איבערן פּראָספּעקט שפּאַצירן אַרום פאַבריקמאַכערס מיט געקרייזלטע האָר, נייטאַרקעס וואָס קוויטשען ווען זיי לאַכן און די אַרבעטער פון דער גרויסער מיל. די מיל־אַרבעטער האָבן אַ שווערן טראָט און זיי שפּאַנען פּאַמעלאַך, באַרעכנט און ווי ניט ווילנדיק.

דער רייכער תבואה־הענדלער, ביי וועמען באַשע דינט, האַלט ביי זיך אַ קרוב, אַ בחור פון אַ יאָר אַכט און דרייסיק, אָדער די גאַנצע פערציק. דער בחור טראָגט פענסנע און ער מישט זיך יאָ אין דעם תבואה־הענדלערס געשעפטן, אָדער מישט זיך ניט אין אין די געשעפטן, נאָר האַלטן האַלט מען אים ניט ווי אַ משרת, ניט ווי אַ פּריקאַזטשיק אפילו, נאָר טאַקע ווי אַן איינגענעם.

באַשע דערציילט פאַר ציפּען, אַז דער בחור, דעם באַלעבאָס קרוב, שטאַרבט נאָך אירע טריט, עס גייט אים ממש אויס די נשמה, און ער לאָזט זי ניט לעבן, ער טשעפּעט זיך צו איר, נאָר זי איז ניט פון יענע מיידלאַך, און זי האָט אים אָפּגע־שניטן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אויב ער וויל טאַ זאָל ער שטעלן אַ חופּה, איז זי גרייט צו יעדער מינוט, אפילו באַלד, נאָר אויב ניט, איז גאָר ניט!

זי דערציילט עס ציפּען אפשר צום הונדערטסטן מאָל שוין,

און זי, ציפּע, שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ, קוקט באַשען גלייך אין די אויגען אַריין און זאָגט איר:

— און איך פיר אַ ליבע!

— דו? אַ ליבע? שפּילסט אַ ליבע? מיט וועמען?

באַשע ווערט צעטומלט, דערנאָך וויל זי אויסשיסן אין אַ געלעכטער, און עס געדויערט אַ לאַנגע מינוט ביז וואַנען זי פרעגט ווייטער ביי איר, הייזעריק אַזוי, פאַרשטיקט:

— מיט וועמען פירסטו די ליבע?

ציפּע וויל זיך שוין פאַרכאַפּן אויף צוריק, נאָר זי קען שוין ניט און זי שרייט ווי זי וואָלט זיך מיט אימעצן געקריגט:

— מיט לייזער-בערן!

— טאַקע? עס קען ניט זיין!

פון דעם, וואָס ציפּע פירט אַ ליבע מיט לייזער־בערן, האָט זיך ביי באַשען מיטאַמאָל אַלץ אויסגענומען. עס איז אַלץ געוואָרן ליידיק. זי שטייט, פירט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט וואָס געזוכט, און ציפּען דוכט זיך אויס, אַז זי שטייט איצט פאַר באַשען אַ נאַקעטע, אינגאַנצן אַן אויסגעטאָנענע, נאָר באַשע קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף איר, זי לאָזט זיך ווייטער גיין איבער דער גאַס, און גיין גייט זי אַזוי גיך, אַט ווי זי וואָלט נאָר ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. זי גייט אַליין, איינינקע אַליין און ציפּע גייט איר נאָך, אַ שולדיקע, נאָר באַשע איז שוין ניט אין כעס, אויף קיינעם ניט, און ציפּע אַרט איר איצט אינ־גאַנצן ניט, זי ליגט איר אַפילו ניט אין דער לינקער פּיאַטע, זי איז נאָר פאַרביטערט, אויף זיך אַליין. זי ווייסט שוין איצט, אויף געוויס, אַז דער בחור, דעם באַלעבאָס קרוב, וועט קיינ־מאָל ניט חתונה האָבן מיט איר, וועט זי קיינמאָל ניט נעמען. און פּלוצלינג גיט זי אַ פרעג ביי ציפּען:

— אַן אמתע ליבע?

ציפּע ווייסט ניט וואָס עס הייסט אַן אמתע ליבע, און וואָס עס הייסט ניט קיין אמתע ליבע, נאָר זי ענטפערט איר:

— יאָ, אַן אמתע, זאָל איך שטאַרבן!

אויפן הימל צינדן זיך שטערן, און די ביימער וויקלען זיך

אין בלוי און שוואַרץ, און פון דערווייטנס קוקן זיי שוין אויס ווי שאָטנס, וואָס מען האָט אויפגעהויבן פון דער ערד און אַוועקגעשטעלט, אויסגעשטעלט איינס צו איינס, און די אַנגעצונדענע לאַנטערנעס טונקען זיך צווישן די ביימער און ווערן דאָרט פאַרלאָרן.

ווען ציפּע קומט דערנאָך אַהיים, פונם שפּאַציר, איז אין הויף אַ טומל, אַ רעש, מען שפּאַנט שוין די פערד, מען וועט באַלד פאָרן צו דער סטאַנציע. ציפּע גייט אַריין אין שטוב, זעצט זיך אַנידער ביים פענצטער און קוקט אַרויס אין הויף. זי קוקט ווי זיי שפּאַנען די פערד, ווי זיי פאָרן אַרויס פון הויף, און זי לאַכט אין זיך, פאַרבאַהאַלטן, פאַרבאָרגן. מאַירקע פאָרט דער לעצטער אַרויס פון הויף, נאָר איידער ער פאָרט אַרויס, קומט ער אַריין אין שטוב, אַזוי ווי שטענדיק, און ווי שטענדיק זאָגט ער איר אָן, אפשר אַ מאָל צוואַנציק, אַז זי זאָל צושליסן די טיר, און זי זאָל קיינעם נישט אַריינלאָזן, קיינעם נישט, וואָס עס זאָל נישט זיין. זי פאָלגט אים, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום עפנט זי פּאַמעלאַך די טיר און גייט אַרויס פון שטוב. זי שטייט פאַרן שוועל, קוקט, און אויפן הימל טראָגן זיך גרויסע שטיקער בלויקייטן, ווייסע, אויסגעלאָזענע בערג און אַ פולע לבנה. ציפּע קוקט אויפן הימל און טראַכט וועגן דעם טאַטן, וועמען זי האָט איבערגעלאָזט אַליין, האָט שטאַרק אויף אים רחמנות, און וועגן דעם שייגעץ, מיט וועמען זי פלעגט פאַרברענגען אין אַט אַזעלכע אָוונטן. דער שייגעץ פלעגט זי אַרומנעמען, פלעגט זי שטאַרק דריקן צו זיך, נאָר לייזער־בער טוט עס קיין מאָל נישט. ווען זיי זיינען אַמאָל אַליין, שטייט ער פאַר איר אַ גרויסער און ווי אַ געפּענטעטער. ער האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און עס ווילט זיך פון אים לאַכן. און זי לאַכט טאַקע. זי וואָלט געוואָלט אָנשרייבן אַהיים, אָבער נישט אַזאַ בריוו ווי לייזער־בער שרייבט עס פאַר איר שטענדיק, נאָר אַז אַנדערן, אינגאַנצן אַן אַנדערן. לייזער־בער האָט זי טאַקע ליב, אויף צו דער אמתן, און נישט ווי דער שייגעץ, וואָס איז אַ שייגעץ און מער גאָר נישט.

XXXI.

און צו מאירקען קומט יעדן פרייטיק ר׳ צמח דער מלמד, און מאירקע ציטערט איבער אים, ווי איבער א געווינס.

— זיצט, ר׳ צמח, זיצט!

מאירקע ווארט אויף ר׳ צמחן פון אינדערפרי־אן, און ר׳ צמח קומט ערשט ווייט נאך האלבן טאג. ער קומט ברייט אריין אין שטוב, זעצט זיך ברייט אנידער, קוקט ברייט מיט זיין שיינער, רייכער באָרד, און לייגט זיך ברייט אוועק זיינע ביידע הענט אויף דעם גראָבן שטעקן וואָס ער לאָזט ניט אָפּ פון זיך אפילו אויף א רגע. אז דעם שטעקן גייט ר׳ צמח אין ערגעץ ניט, און דער שטעקן איז אביסל אויסגעבויגן אין דער מיט, האָרבעוואַטע, און איז באַדעקט מיט סוקעס וואָס קוקן אויס ווי באָראָדאווקעס. דער שטעקן דינט אים שוין פון זינט ער איז ר׳ צמח, נאָר וואָס מער יאָרן, וואָס מער מען האַלט דעם שטעקן אין די הענט, אַלץ שאַרפער שמעקט ער — אַן אמתער ווײַנשל־שטעקן!

ר׳ צמח לייגט אוועק פאַר מאירקען א צעטל מיט חתנים, וואָס ער האָט פאַר ציפען, און אַלץ, פאַרשטייט זיך, פיינע, באַ־לעבאַטישע יונגע לייט. אז ביי מאירקען פאַרדרייט זיך דער קאָפּ, נאָר אויסלאָזן לאָזט זיך עס שטענדיק אויס מיט דעם, אז מאירקע דאַרף אים געבן א קערבל — אויף מאַרקעס. וואַרים א בריף אַהער און א בריף אַהין, און נאָך אַמאָל א בריף און צוריק א בריף — מאַרקעס!

מאירקע גיט אים דעם קערבל, און ר׳ צמח זיצט נאָך א פּאָר מינוט, פון יוצא וועגן, און מאירקע בלייבט דערנאָך אַליין און ווייך און גלאַט, ווי פּאַסמעס וואָסער שטראָמען איצט אַרום זיינע געדאַנקען, אַז ער קען זיי, דוכט זיך, אָנרירן מיט די הענט. ער מוז זי גליקלאַך מאַכן, ציפען, ער מוז. ער וועט זי חתונה מאַכן פאַר א באַלעבאַטישן בחור, פאַר א פיינעם בחור, וועט איר אוועק־געבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און דערנאָך — — ער טראַכט ניט וואָס דערנאָך וועט זיין, עס אַרט אים ניט.

שמואל און יאַסקע קומען אַריין אין שטוב און זיי דערזעען גלייך ווער עס איז שוין דאָ געווען, זיי דערשמעקן עס. שמואלן אַרט עס ניט, ער מאַכט זיך איינגאַנצן ניט ווייסנדיק און ניט זעענדיק, ער לאָזט אַלץ איבער צו יאַסקען, און יאַסקען צופּט און רייסט אַ כעס, אַז ווי עס וואָלט אים מיט אַמאָל באַפאַלן אַ מחנה גרויסע פליגן. נאָר מאַירקע קען איצט ניט זיין מיט זיי, קען זיי ניט פאַרטראָגן. שוין לאַנג, אַז ער קוקט אויף זיי, אויף ביידן, ווי אויף פרעמדע, און ניט גלאַט ווי אויף פרעמדע, נאָר עס דוכט זיך אים, אַז זיי מישן אים עפּעס, האַלטן אים צו וואָס צוגעבונדן, און ער טראַכט אָפט, אַז זיי וואָלטן איינגאַנצן נעדאַרפט געווען אַוועקגיין פון אים, ער וואָלט דעמאָלט צונעגומען צוויי פראָסטע שקצים און אַ סוף און עק!

מאַירקע גייט אַרויס פון שטוב, גייט דורך דעם הויף און שפּאַרט זיך צו אַן דעם אָפענעם טויער פון שטאַל. פון שטאַל הערט זיך אַ פערדישע וואַרימקייט, אַ רואיקע און אַ שאַרפע, און מאַירקע פאַרלייגט זיך אַ פוס אויף אַ פוס און שטייט אַט אַזוי, און עס איז אים ענג פון דעם, וואָס עס איז אים אַזוי גוט. אַלץ אַרום אים וואַקסט, בליט, אַזוי דוכט זיך אים, און ער שטייט אין מיטן פון דעם אַלעמען און האַלט אַלץ אין זיינע הענט.

נאָר אָט קומט באַלד יאַסקע אויך אַרויס פון שטוב און בלייבט שטיין אויפן שוועל. זיי זיינען ווייט איינער פון דעם אַנדערן, און זיי קוקן איינער אויף דעם אַנדערן, פון דער ווייטנס. שוין לאַנג, אַז יאַסקע קען זיך אַליין ניט פאַרשטיין: וואָס וואַרט ער דאָ, וואָס? צוליב וואָס אָט אַ די אַלע צערעמאָ־ניעס? מאַירקע קען דאָך טאַקע אויף צו דער אמתן משוגע ווערן און חתונה מאַכן זי פאַר אימיצן אַנדערש! און יאַסקע נעמט איצט גלייך אויף אַן אָרט, גייט צו צו מאַירקען און זאָגט אים, אַז אַזוי און אַזוי, ער וויל חתונה האָבן מיט ציפּען.

יאַסקע וואַרט אַז מאַירקע זאָל אים אויפכאַפּן, מיט ביידע הענט, זאָל אים זאָגן: — מאָלאַדיעץ!

פאַר וואָס ער וואַרט אַזוי, ווייסט ער אַליין ניט, אַפּריהער,

איידער ער האָט עס אַרויסגערעדט פאַר מאירקען, איז ער נאָר ניט געווען אַזוי שטאַרק אין דעם, נאָר איצט, אַז ער האָט זיך שוין מודה געווען, קען ער זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל זיין אַנדערש, נאָר מאירקע לאַכט זיך גאָר פאַנאַנדער, גלייך אים אין פּנים אַריין:

— טאַקע? דו ווילסט מיט איר חתונה האָבן? איין מניעה!!

מאירקע איז איצט זייער אַ מאָדנער, אַ פרעמדער, און יאָסקען דוכט זיך אויס, אַז ער האָט גאָר עפּעס הנאה פון דעם, וואָס ער מאַטערט אים, און יאָסקע קוקט אויף אים און האָט אַמתדיק רחמנות אויף ציפּען. ער ווייסט ווער עס איז שולדיק אין דעם, דאָס האָט אַלץ אָנגעמאַכט ר' צמח מיט זיינע באַלעבאַ-טישע חתנים, נאָר ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק און פרעגט:

— נו, און שמואל איז סיידן בעסער פון מיר?

שמואל?!

ביי מאירקען פאַרקרימט זיך דער מויל, דער גאַנצער פּנים זיינער, אָט ווי ער וואָלט פּלוצלונג אָנגעטראָטן אויף אַ וואָרים. ער קוקט אויף יאָסקען, קוקט לאַנג, ביז ער הויבט אויף אַ פוס און גיט אים אַ זעץ אין הינטן אַריין.

יאָסקע האָט פאַר אים קיין מורא ניט, ניין, און דער זעץ אין הינטן וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, אַרט אים איצט אודאי און אודאי ניט. נאָר עפּעס ווערט ער פון דעם אַלעמען אַזוי אָראָפּגעפאַלן ביי זיך, אַז אַקאָרשט וואָס ער ווייגט זיך ניט פאַנאַנדער. נאָר ער שרייט ניט, ליאַרעמט ניט, ער שטייט גראָדע אַ שטילער, און הויבט שטיל אָן צו רעדן, שטיל און באַרעכנט, ווי אַ גאַנצער בר־דעת, אַז וואָס איז דאָ אַזוי גרויס דער יחוס מיט מאירקען? פון ווען אָן איז ער עס געוואָרן אַזאַ יאַ טיעבע דאָס? אַז מען רעדט ניט, רעדט מען ניט, אָבער ווי לאַנג איז עס, אַז ער האָט זיך געוואַלגערט אַ שיכורער, און ווען ניט ער, יאָסקע טאַקע אַליין, וואָלט דאַך פון אַלץ געוואָרן אַ תל! און ציפּע איז דאַך ניט זיינע אַ שוועסטער, וואָס ער מאַכט זיך מיט איר אַזוי גרויס, נאָר זלאַטעס, און זלאַטע...

יאָסקע האַקט זיך דאָ אָפּ, זאָגט מער גאָרניט, נאָר מאירקע

נעמט ניט אראפּ פון אים זײַנע אויגן, וואַרט אַ רגע, און גיט אויף אים אַ געשריי:

— רייד ווייטער! נו!?

יאַסקע וויל צו אים צופאַלן, וויל אים זאָגן, אַז ער איז אים געטריי, איז אים שטענדיק געטריי געווען ווי אַ הונט, און וואָס ער ווינטשט יענעם, מעג עס אים אַליין אָנקומען. און אַז ער איז גרייט אויף אַלץ, אפילו אין פייער און אין וואַסער, נאָר מאַירקע לאָזט אים ניט עפענען דעם מויל, ער טרעט אויף אים און רע־וועט ווי אַ חיה:

— רעד ווייטער! רעד!?

מאַירקע גראַבט מיט די הענט אין דער לופט, ווי די לופט אַרום אים וואָלט געווען פון ערד, און די אויגן זײַנען ביי אים רויטע, אַרויסגעקראַכענע, און יאַסקע רוקט זיך פון אים אַ דערשראָקענער, רוקט זיך און היט זיך פון אַלע זייטן, ביז ער גיט זיך צום סוף אַ כאַפּ און אַנטלויפט פון אים אינגאַנצן.

ער לויפט אַרויס פון הויף, און ערשט דאָ, אויפן גאַס, ווען ער שטעלט זיך שוין צו און גיט זיך אַ ווישׁ אָפּ דעם קאַלטן שווייס פון פּנים, דערפילט ער, אַז איצט איז שוין אויס, פאַרפאַלן! ער האָט אַליין אַלץ קאַליע געמאַכט, מיט די אייגענע הענט. נאָר ביסלאַכווייז צעוואַקסט זיך אין אים אַ כעס, און אין איינעם מיטן כעס אַ מאָדנע איינגעשפּאַרטקייט אַזאַ, אַז נישקשה, מען וועט אים נאָך פון דאַנען אַזוי גרינג ניט אַרויס־וואַרפן אויף צוויי שפּענדלאַך, נישקשה!!

XXXII.

ציפּע אַליין טראַכט ניט וואָס עס וועט זײַן, ווען ר׳ צמח וועט איר טאַקע ברענגען אַ חתן. עס איז איר נאָר גוט פון דעם, וואָס זיי זאָרגן זיך אַלע אַזוי פאַר איר, וואָס זי איז ביי זיי אַן איין און איינציקע, אַז אָפט דוכט זיך איר נאָר,

ווי זיי אַלע וואָלטן געווען אירע ברידער און זי איז זייערע אײנגערע שוועסטער. נאָר איין לייזער־בער, — ער מישט זיך ניט אין גאָרניט, און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום, אַט ווי ער וואָלט דאָ אינגאַנצן געווען אַן איבעריקער, ווי ער וואָלט גאָר קיין מענטש ניט געווען. לייזער־בערן אַליין אַרט עס, הפּנים, ניט, נאָר איר פֿאַרדריסט עס שטאַרק און אַמאָל, ווען מען זיצט ביים טיש און מען עסט, און לייזער־בער זיצט די גאַנצע צייט ווי אַ באַנומענער און דערנאָך, אַז מען האָט שוין אָפּגעגעסן, און ער גיט זיך דער ערשטער אַ כאַפּ אויף פֿון טיש, ווי ער וואָלט זיך מחיה געווען, וואָס ער קען שוין אַוועקגיין, וואָס ער דאַרף מער ניט זיין מיט זיי, מיט אַלעמען, און קיינער זעט אים אפילו ניט, ער אַרט ניט קיינעם און נאָר איין שמואל קוקט אים נאָך און שמייכלט מיט אַ ברעג מויל, ווערט זי, ציפּע, אַן אויפגעקאָכטע, און זי וויל צולויפֿן צו שמואלן און שרייען צו אים:

— אים האָב איך טאַקע ליב, ווי דעם לעבן, און דיך האָב איך פֿיינט, אַהאַ? לאַך איצט, לאַך!

דערנאָך גייט זי אַרויס פֿון שטוב, געפֿינט לייזער־בערן, ער איז שטענדיק אַהינטערן שטאַל, ערגעץ אין אַ ווינקל, און זי איז אין כּעס, אי אויף זיך, אי אויף אים. זי וויל ביי אים פֿרעגן:

— פֿאַרוואָס ביסטו אַזאַ?

נאָר זי האָט עס שוין בײַ אים ניט איין מאָל געפֿרעגט, און ער האָט זי אָנגעקוקט ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס זי וויל פֿון אים און האָט איר געענטפֿערט:

— איך ווייס ניט...

ציפּע גייט פֿון אים אָפּ, לאָזט אים איבער אַליין, און אויפֿן האַרצן איז איר מאָדנע שווער און זי טראַכט, אַז ווען ר׳ צמח וועט איר טאַקע אַמאָל ברענגען אַ חתן, אַ פֿײַנעם, אַ באַלעבאַטישן, וועט זי נעמען און וועט פֿאַר אים חתונה האָבן. זי טראַכט וועגן דעם און עס איז איר, דוכט זיך, ניט שלעכט. עס איז איר גוט. נאָר באַלד כאַפּט זי זיך, אַז זי וויינט.

זי גיט אויף גיך א וויש אָפּ די אויגן, אַז מען זאָל ניט זען אַז זי וויינט, און נעמט אויפראַמען די הויז, און ראַמענדיק זינגט זי שטיל, פאַר זיך נאָר אַליין:

איך בין מקנא
יעדערן באַזונדער,
דעם וואָס ווייסט פון קיין ליבע ניט!
אוי גוואַלד —
א ליבע איז ניט גוט!
א ליבע קוילעט אָפּ —
א וועלט מיט יונגע הערצער,
אוי גוואַלד, א ליבע איז ניט גוט!

זי זינגט שיין, פון טיפן האַרצן אַרויס, ווי זי וואָלט איצט געווען איינינקע אַליין, ווי קיינער וואָלט זי ניט געזען און ניט געהערט, נאָר זי איז ניט אַליין. יאַסקע קוקט אויף איר מיט אַן אָפענעם מויל און די האַרץ זיינע טונקט זיך אין א ציטער, אַז קוים וואָס ער אָטעמט, און באַ מאַירקען קוועלט די נשמה, און שמואל זיצט אינגאַנצן אַזאַ שאַרפער, אַז דער, וואָס וואָלט אים איצט נאָר אָנגערירט, וואָלט גלייך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. שמואל ווייסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך צווישן ציפּען און לייזער-בערן, ער נאָר אַליין ווייסט וועגן דעם, נאָר ער שווייגט און טוט גאַרניט. ווי א שטיין האָט זיך אין אים אָוועקגעלייגט די נשמה זיינע, און ער גייט אום מיטן שטיין און האַלט פאַרביסן די ליפּן. נאָר אַז ציפּע לאָזט אויס איר געזאַנג, כאַפּט ער עס אונטער מיט א טיפן, מיט אַן אָנגעבראָכענעם קול:

פאַרשוואונדן, פאַרשוואונדן
די שטערן,
די וואונדן!
דאָס מיידל,
אָט יענע,
דאָס מיידל, דער אוצר!

זיי זינגען שטיל, פארגייען זיך, און יאסקע קוקט אויף זיי די גאנצע צייט און טראכט, אז זאלן זיי שוין חתונה האבן, ביידע אינ־איינעם, ער וואלט זיי דעמאלט אזוי ליב געהאט!

XXXIII.

אט אזוי האט זיך געוויקלט דער קנויל, איבערלאזנדיק נאך זיך טעג און נעכט, דאס הארטע און שטומע, ווי קלעצער, און דאס ווייכע, ראשיקע און קאלירטע, ווי כוואליעס אויף דער זון.

מאירקע איז איצט שטענדיק א פארטראכטער, א פארטאַ־נענער, ווי ער וואלט שטענדיק וואס געטראגן אין זיין מוח און וואלט שטענדיק געוועז פארנומען נאר מיט דעם, און יאסקע איז ווי א קראנקער, ער איז א שלעכטער, א צערייצ־טער, און באלד עפעס, איז אדער ער ווארפט זיך שלאגן און מען קען אים ניט צוריקגעבן, עס איז אויף אים א רחמנות, אדער ער וועט זיך גאר באלד פאנאנדערוויינען. צו שמואלן טשעפעט ער זיך שוין ניט, און אמאל זיצט ער מיט אים, שווייגט, און זיים צום סוף דורך, צווישן די ציין, אז ווען ער וועט דא נאכאמאל כאפן דעם ר' צמחן, איז נו־נו! ער זאגט עס ווען מאירקע איז ניטא דערביי, און שמואל קוקט אים אן און שמייכלט — אויך ווי א קראנקער. שמואל וויל אים איצט זאגן, אז ניט ר' צמחן דארף ער דערהרגענען, און אז מאירקע אליין אפילו איז אויך ניט שולדיק, אז אויב דערהרגענען אימיצן דארף מען דערהרגענען — — —

נאר דא שטעלט ער זיך אפ, אפילו אין די געדאנקען. וואס הייסט לייזער־בער? ווער איז לייזער־בער? ווער?! און ציפע לויפט נאך אים נאך, היינגט זיך אים אויפן האלדז!!...

שמואל גיט א סקריע מיט די ציין, פלוצלונג אז א פארוואס, אז א פארוועז, אזוי דוכט זיך יאסקען, אז ער נעמט זיך צו

פון שמואלן, קערט זיך פון אים אָפּ, און גיט פּרעמד און אומעטיק א טראכט:

— ער איז טאקע א גזלן!

און איין מאָל — — —

לייזער־בער איז זיך געזעסן אויף דעם אויסגעשפּרייטן קלאָץ, וואָס ליגט ניט ווייט פון שטאָל, האָט זיך געהאַלטן די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און האָט גאָרניט געטאָן. דער טאָג איז געווען א וואַרימער, עס האָט געשמעקט מיט רעגן און עס האָט זיך געוואָלט אַז עס זאָל טאַקע רעגענען. אַרום דעם ברונעם האָבן זיך אַרומגעדרייט גרינע פליגן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי בינען, און ווייך און נידעריג איז געהאַנגען דער הימל. עס זיינען ניט געווען קיין וואָלקנס, דער גאַנצער הימל איז געווען איין צעשוואָומענער וואָלקן, און עס האָט ניט געדונערט און ניט געבליצט.

שמואל איז צוגעגאַנגען צו לייזער־בערן און האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. לייזער־בער האָט זיך צונויפגענומען, האָט געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין, נאָר שמואל איז גראָדע געווען א גוטער. ער איז געזעסן א ווײַלע און האָט געזאָגט:

— שרייב מיר אָן א בריף!

— א בריף?

לייזער־בער האָט זייער ליב אַז מען בעט אים ער זאָל שרייבן א בריף, און ער שפּרינגט אויף, לויפט אַוועק אין שטוב און באַלד קערט ער זיך צוריק אום מיט א בייגעלע פּאַפּיר אין איין האַנט און מיט א קאָנווערט אין דער צווייטער. ער זעצט זיך צוריק אַנידער לעבן שמואלן, לייגט זיך אַוועק אויף די קני א ברעטל און אויף דעם ברעטל שפּרייט ער אויס דאָס בייגעלע פּאַפּיר:

נו?

— שרייב...

אַרום דעם ברונעם מערן זיך די פליגן, אַליין פון זיך, און שמואל קוקט אַהין מיט אַזעלכע שמאָלע, צונויפגענומענע

אויגן, ווי צונעמאכטע אינגאנצן, און לייזער־בער ווארט און ווארט:

— נו?

— שרייב... באלד...

דאס וואס ער זאגט פאלט אן א קלאנג, ווי עס פאלן טראפנס. ער וויל א קוק טאן אויף לייזער־בערן, נאר ער קען הפנים ניט א ריר טאן מיטן קאפ. ער זיצט ווי אן איינגעקלאר־מערטער און עס נעמט א לאנגע צייט, ביז וואנען ער רעדט ארויס, מיט א קול ווי פון אונטער דער ערד:

— שרייב... צו מיין טייערער, איין און איינציקער ציפען!...

לייזער־בער שרייבט אן די ערשטע עטלאכע ווערטער, צו מיין טייערער איין און איינציקער, נאר אז עס קומט צו ציפען, הערט ער מיט א מאל אויף, הויבט אויף דעם קאפ און קוקט א צעטומלטער. נאר שמואל האלט שוין אנגעשטעלט אויף אים א פאר גרויסע אויגן, און זיין גאנצער פנים — אדער ער לאכט עס אזוי, אדער עס טוט אים שטארק עפעס וויי, טיף אין זיין קערפער.

— שרייב!!

נאר לייזער־בער איז שוין געקומען צו זיך, האט שוין דער־זען, אז מען לאכט דא פון אים. און ער האט זיך א ריס געטאן פון ארט, האט א שליידער געטאן די ברעטל און דאס בייגעלע פאפיר, אז די ברעטל איז מיט א שפיץ פארזונקען אין דער ערד, און שמואל האט זיך אויך אויפגעהויבן, און זיי שטייען איינער אנטקעגן דעם אנדערן און אט, באלד — לייזער־בער איז א סך העכער און א סך געזינטער פאר שמואלן און ער וועט אים באלד צוקוועטשן, דערהרגענען. נאר שמואל שטייט ווי א שטיק אייזן און ביי לייזער־בערן ציטערן די ליפן און פון מויל שלאגט ביי אים א שוים, און שמואל ווארט און ווארט, און אז לייזער־בער רירט זיך ניט פון ארט, רירט ניט מיט קיין אבר, הויבט ער זיך אונטער אויף די שפיץ פינגער און גיט אויף אים א שפיי ארויס, גלייך אים אין פנים אריין. לייזער־בער

גיט זיך א כאפ פאר דער באק, אוואו ער האט דערפילט דעם שפיי, און פאר די אויגן גלאנצט אים דורך שמואלס צייניקער געלעכטער. נאר שמואל אליין האט זיך שוין אפגעקערט פון אים און האט זיך געלאזט אוועקגיין. לייזער־בער קוקט אים נאך און עס שווימט פאר זיינע אויגן דער גאנצער הויף, עס וויגט זיך אלץ, און ער קען גארניט מאכן. דער שפיי, פילט ער, רינט ארונטער פון באק, קלעפיק אזוי און שווער, ווי א שטיקל בלאטע, און ער הויבט אויף א האנט און האלט אונטער דעם שפיי, אז עס זאל ניט אראפרינען. עס ברעכט אים שטארק דער האלדז און נאקן און עס ציטערן אים די פיס און עס הערט זיך ווי עס קנאקן די קנעכלאך, אדער אפשר קלאפט עס אים גאר א צאן אן א צאן. אט הויבט זיך שוין אויף ביי אים א פוס, מאכט א טראט, און דערנאך הויבט זיך באלד אויף די צווייטע פוס און מאכט אויך א טראט, און אט אזוי דערשלעפט ער זיך ביז צום שטאל, ווי אויף קוליעס, גייט אריין אינעווייניק און דארט פארשלאגט ער זיך אין דעם זייטיקן שפייכלער, וואס איז פארווארפן מיט זעקלאך האבער און מיט פרישע היי. ער גיט א פאל אויף די היי און בלייבט ליגן א גרויסער, א געשוואלענער, אז ער פארנעמט דעם גאנצן שפייכלער, פון איין וואנט ביז צו דער צווייטער. ער ווייסט ניט וואס עס איז געווען, ווייסט ניט וואס מען האט מיט אים געטאן, נאר עפעס האט מען אים אפגעטאן, און איצט ליגט ער א פוסטער, אן אויסגעליידיקטער. ער האט זיך מורא א ריר צו טאן, עס דוכט זיך אים, ער וועט באלד דערשטיקט ווערן, דערווארגן ווערן, און ער ליגט אט אזוי און ליגט, ערשט ער דערהערט מיטאמאל ווי אימיצער עפנט די סקריפענדיקע טיר פון שפייכלער, און ווי אימיצער קומט אריין. אין שפייכלער איז פינצטער און לייזער־בער גיט זיך א ריס און — ווער איז דארט?

ער ווארט, נאר קיינער ענטפערט אים ניט, און שטיל פארמאכט זיך באלד די טיר פון שפייכלער, און לייזער־בער דערפילט, אז אימיצער איז שוין דא. ער האט ניט מורא, נאר די האר זיינע שטעלן אים דעם קאפ, ווי הארטע שפיזלען... דער

שפּייכלער איז פאַרוואָרפן מיט היי, און די היי ברעכט זיך טרוקן און אימיצער שאַרט זיך צו אים, קריכט אויף אַלע פיר, און ער זעט עס, הערט עס, און באַלד דערקענט ער, ווי אין אַ בליץ, וואָס שניידט דורך דעם גאַנצן שפּייכלער — עס איז ציפּע! ציפּע!!
ער וויל אַ וואָרף טאָן צו איר די הענט זיינע, און ער שרייט, מיט שרעק און פרייד, און זי קוקט אים אין פּנים אַריין, שוין נאָענט אַזוי, און בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אויפהערן, מען קען זיי נאָך דערהערן, מען וועט זיי כאַפּן, שטילער, שטילער!

זי איז שוין אינגאַנצן דערקראָכן צו אים, האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס, האָט אים גענומען קושן און האַלדזן און גלעטן, און ער האָט מיט אַמאָל אַפּ, אַלץ וואָס אין אים און אַרום אים, און קוקט זי אָן, ווי ער וואָלט זי גאָר ניט דערקענט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט ווער זי איז. אַ רגע איז שטיל צווישן זיי, טויט־שטיל, און זי כאַפּט איבער דעם אָטעם, הערט זיך צו וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, צי רעדט ניט אימיצער, צי גייט ניט אימיצער, און דערנאָך בלייבט זי פאַר אים — אַ שולדיקע פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט אַלץ געזען, זי איז געזעסן ביים פענצטער. נאָר וואָס איז זי שולדיק? זי וואָלט זיי אַלעמען אויסגעדראַפּעט די אויגן פאַר זיין מינדסטן נאָגל. זי האָט אים ליב, אָה, ווען ער ווייסט ווי ליב זי האָט אים, און זי האָט אים שטענדיק ליב געהאַט, שטענדיק, פון אייביק אָן...

ער זיצט אַ גרויסער ווי אַ וואַנט און זי טוליעט זיך צו אים אַן אונטערטעניקע אַזאַ, אַ פאַרלאָרענע, און וויינט שטיל מיט טרערן, וואָס גיסן זיך אַליין פון זיך, און ער זיצט אַ פרעמדער און אַ קאַלטער, נאָר אַט הערט זי אויף צו וויינען, און זי קוקט שוין אַרויף צו אים און לאַכט מיט אירע אויגן, מיט איר מויל, מיט אירע שטעכיק־ווייסע ציין. ער גיט זי אַ כאַפּ אַריין אין זיינעביידע הענט און זי גראָבט זיך אין אים, קליין אַזוי, און ער טוליעט זי צו זיך, פאַרשטעלט זי שוין אינגאַנצן, נאָר פּלוצלונג דערשרעקט ער זיך, קלאָר אַזוי, אַז ער וויל עס איר זאָגן. ער וויל, אַז זי זאָל אַנטלויפן פון אים, וויל שרייען צו איר,

אַז זי זאָל זיך ראַטעווען, ער פילט אַ צעטומלטער, ווי איבער זײַן גאַנצן לײַב, איבער זײַנע אבֿרים, קײַקלען זיך, טראָגן זיך אַזעלכע מאָדנע קײַקעלאַך, אַז עס הייבט אים אויף, ווי שווער ער איז און ווי גרויס ער איז, הייבט אים אויף אין דער לופטן און טראָגט אים אין דער לופטן. ער איז אַ גאַנצער, איז איין אויסגעגאָסענער שטיק פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און עס ווילט זיך אים לאַכן און בײַסן מיט די ציין — פֿאַר גוטסקייט, פֿאַר בלינ־דער הנאה. וואָס קלאַפּט אין זײַנע ביינער ווי אין אַ טאַץ און רופט זיך אָפּ מיט ווייטיק. און זי ליגט בײַ אים אויפֿן שויס, ליגט אַן אײַנגעגראָבענע אין אים, און ער דריקט זי זי צו זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער ברומט, ווי פֿון אַ טיפֿער גרוב אַרויס, און זי דערפֿילט בײַ זיך אויפֿן לײַב זײַנע נאַקעטע הענט. דאָס וועקט זי אויף און עס גייט פֿאַר איר אַ בליץ דורך דער שייגעץ, יענער, פֿון דער היים. זי עפֿנט צע־שראָקן די אויגן, קוקט אים אָן מיט שרעק, נאָר זי דערקענט אים באַלד, איר לייזער־בערן, און זי מאַכט צוריק צו די אויגן און בלײַבט ווײַטער אַ גליקלאַכע, אַזאַ גליקלאַכע, אַז זי וויל אַזש אויסשרײַען, נאָר דער מויל אירער איז האַרט־אויסגעבויגן און טויט־ווײַאיק־אָפֿן, און פֿונם אָפֿענעם מויל שלענגלט זיך אַ הייסער אָטעם, ווי אַ סטײַנגע, און שלענגלט זיי ביידן אַרום.

XXXIV.

לייזער־בער האָט געוואוסט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, און ער האָט געוואַרט, אַז מען זאָל אויף אים אָנפֿאַלן, מען זאָל אים שלאָגן, דערהרגענען! נאָר אַז עס איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער טאָג, און דער צווייטער טאָג און דער דריטער טאָג און קיינער איז אויף אים ניט אָנגעפֿאַלן, און קיינער האָט אים ניט געשלאָגן, אַז מען האָט זיך גאָר אַפֿילו ניט אומגעקוקט אויף אים, האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און עס האָט אים

אַרומגעכאַפּט אַזאַ פריידע, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אויף דער רגע, אַז אפשר איז טאַקע גאָר ניט געווען, אפשר האָט ער טאַקע גאָרניט געטאָן? און ער האָט שוין געוואָלט אַריינ־לויפן אין שטוב און אַ כאַפּ טאָן ציפּען און זאָגן עס איר — אויפן אויער.

עס איז אָוונט, עס איז נאַכט, און לייזער־בער פאָרט איצט צו דער סטאַנציע. דער וועג איז אַ גלאַטער און אַ שטילער, און אַרום איז פּוסט, עס איז קיינער ניטאָ, און לייזער־בער זיצט אויף די קאָזלעס, האַלט די לייצעס, און ער פילט ווי עפּעס וויינט אין אים, טיף אין זיין נשמה, ווי עס וויינט זיך נאָך אַ טויטן. ער האָט שטאַרק רחמנות, אי אויף זיך און אי אויף ציפּען, ווען ער קען נאָר, וואָלט ער איר אָוועקגעגעבן די גאַנצע נשמה זיינע, דעם לעבן זיינעם, אַבי איר זאָל זיין גוט, איר כאָטש אַליין. ער וואָלט אין גאַנצן געדאַרפט געווען אַוועקגיין פון דאַנען, אָט שוין, אָפּילו באַלד — אָפּשטעלן די פערד און אַראָפּקריכן פון די קאָזלעס און אַוועקגיין, ערגעץ, אויף שטענ־דיק, אויף אייביק.

לייזער־בער טראַכט קיין מאָל ניט וועגן דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט ציפּען, נאָר ער ווייסט עס שטענדיק מיט זיין יעדן אבר, עס איז אין אים, אין זיין בלוט, און ער איז שטענדיק ווי אַ פאַרסמטער, אַז ער קען זיך קיין מאָל פון דעם ניט אָפּטשעפּען. ווען ער האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָרעמס, ווען ער האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון איר, האָט ער זיך אָפּגערוקט און איז געבליבן אַליין. ער האָט געהאַלטן פאַרריסן דעם קאָפּ, האָט געפּירט אַרום זיך מיט די אויגן, און ער האָט זי באַלד דערזען. זי איז געזעסן אַ צונויפגענומענע, אַן איינגעהויקערטע און עפּעס אַ פאַרטשמעליעטע, אָט ווי מען האָט זי אָקאָרשט געשלאָגן. לייזער־בער האָט געקוקט צו איר, האָט לאַנג געקוקט, און האָט געפילט צו איר — ער האָט געפילט, אַז ער האָט זי פיינט. ער האָט זי מער ניט געקענט פאַרליידן לעבן זיך, האָט געצוי־טערט טאָמער וועט זי שוין אויף שטענדיק פאַרבלייבן לעבן אים, און אַז זי האָט זיך צום סוף אַרויסגעשאַרט פון שפּייכלער,

א שטומע און א שולדיקע, האט ער זיך פלוצלונג פאנאנדער־געלאכט, הויך אויפן קול. און דערנאך איז ער נאך לאנג געלעגן, האט געקוקט מיט אפענע אויגן און האט געטראכט, אז איצט איז שוין אויס, ניטא שוין ציפען, געשטארבן ציפע!

די לבנה שווימט גלייך מיטן וועג, און דער וועג איז א ווייכער און א גרויער, און עס ציט זיך גרוי אין דער נאכט אריין, ווי אן אויסגעשפרייטע שטיק סאלדאטיש געוואנט. די פערד טראגן זיך גרינג און קלאפן שטיל מיט זייערע פיס, שטיל און ווי צום טאקט, און לייזער־בער ווייסט — ער דארף מארגן אוועקגיין צו זלאטע, דארף איר פאלן צו די פיס. דארף איר אלץ דערציילן, און זאל זי טאן מיט אים וואס זי וויל נאר. זי האט אים אנגעזאגט, אז ער זאל אכטונג געבן אויף ציפען און ציפען האט זי געזאגט, אז ער איז א וואוילער און אז אים מעג זי גלייבן. לייזער־בער וויל אפלאזן די לייצעס און נעמען די הענט און אריינגראבן זיי אין דעם אייגענעם גארגל — דער־ווערגן!

ער איז היינט אריין אין שטוב, אין מיטן העלן טאג, און האט זיך אפגעשטעלט אויפן שוועל. ציפע האט געקאכט דעם וואַרמעס, האט געראמט די שטוב און ער האט געזען, ווי עס ווייגען ביי איר די הענט, די לאנגע, אויסגעצויגענע פינגער אירע, וואס האבן אויסגעקוקט ווי קראנקע. עס האט געוויינט איר יעדער טראט, איר יעדער קער און ריר.

פון דערווייטנס שווארצט שוין דער וואקזאל, א גרויסער, א צעשוואומענער ווי אן אפגעריסענער וואלקן, וואס מען האט צוגעבונדן צו דער ערד, און די פערדלאך טראגן זיך אזוי, אז זיי דערשמעקן דעם וואקזאל, נאך גיכער און נאך גרינגער, און לייזער־בער זיצט אן אפגעלאזענער, אז אט באלד, און ער וועט זיך איינגאנצן אראפקייקלען פון די קאזלעס, ווי א שטיק האלץ, ווי אן אנגעשטאפטער זאק.

XXXV.

ציפּע האָט מיט אַ כיון געמאַכט אַזוי, די ערשטע עטלאַכע טעג, אַז זי זאָל ניט בלייבן אַליין מיט לייזער־בערן אויג אויף אויג, נאָר אָט האָט זיך אונטערגערוקט דער פּריזשיק, און פּריי־טיק פאַרט מען נים צו דער סטאַנציע, און פּרייטיק שרייבט ער פאַר איר דעם בריוו אַהיים, דעם בריוו צום טאַטן.

— פיל גליק און פרייד זאָל גרייכען צו מיין ליעבען און טייערען פאַטער מרדכי־געצע לעב!

ער שרייבט ווייטער און זי קוקט אויף אים די גאַנצע צייט און די אויגן אירע זיינען גרויסע, נאָר פּוסטע אַזעלכע, אין גאַנצן פּוסטע, אַז ער לאָזט איבער אין מיטן, און באַלד דערנאָך וויל ער אַ כאַפּ טאָן דעם בריף און צערייסן אים אויף פּיצלאַך, און ביי איר לאָזן זיך שווער און טוטווייאיק אַראָפּ די אויגן־דעקלאַך און זי וויינט זיך פאַנאַנדער. זי וויינט אָן אַ קול, אַ ליידיקער געוויין, און אים שנייט דער געוויין אירער, ווי מיט מעסערס, ער קען עס ניט פאַרטראָגן, און ער וויל זיך ביי איר בעטן, אַז זאָל זי אים נאָר זאָגן, אַז זי וויל, איין וואָרט, און ער לויפט גלייך און וואַרפט זיך גלייך אַריין אין גרוב וואָס אַהינטערן שטאָל און פאַרשיט זיך אַ לעבעדיקער! זי וויל?

און ער גיט זיך שוין אַ ריס פון אָרט, לויפט אַרויס פון שטוב, נאָר אין מיטן הויף שטעלט ער זיך פּלוצלינג אָפּ און הערט זיך צו: זי וויינט נאָך. ציפּע, און איר געוויין פאַלט אויף אים, אויף זיין נאַקעטן לייב, ווי אַ נאַסער, ווי אַ קלעפּיקער רעגן. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם אויסגעשפּרייטן קלאָץ און דער גע־וויין אירער, אַזוי דוכט זיך אים, ציט זיך נאָך צו אים און וויקלט אים אַרום, פּענטעט אים די הענט מיט די פיס, נאָר באַלד דערזעט ער, זי שטייט גאָר אויפן שוועל. זי איז אויך אַרויס פון שטוב, גלייך נאָך זיינע טריט, און זי לאָזט זיך גיין צו אים, ווי נאָר זי האָט אים דערזען. ער וויל אויפשפּרינגען, וויל אַנטלויפן, און זי קומט שוין צו, זעצט זיך אַנידער לעבן אים,

און זייערעביידנס קני רירן זיך שטיל אן. זי פילט עס אפילו ניט, נאר ער וויל זיך שוין א וואָרף טאָן צו איר, ווייל זי אַריינכאַפּן אין זיינע אָרעמס, נאָר זי הויבט זיך באַלד אויף, פּונקט אַזוי, ווי זי איז צוגעקומען און לאָזט זיך פון אים אַוועקגיין. זי גייט מיט בלינדע טריט און די אַקסלען זיינען ביי איר אַראָפּגעלאָזט, און זי גייט ניט אין ערגעץ, נאָר גלאָט אַזוי, זי האָט זיך ניט וואוּ אַהינצוטאָן, קען זיך אין ערגעץ ניט געפינען קיין אָרט, עס איז איר שלעכט, שווער. און ער קוקט איר נאָך און עס קלעמט אים דאָס האַרץ, אַז דאָס האָט ער זי אומגליקליך געמאַכט, ער!

און שפּעטער זיצט מען ביים טיש, אַלע אין איינעם, און מען עסט דעם וואַרעמס, מאַירקע און יאָסקע און לייזער-בער און שמואל און ציפּע. יאָסקען איז דוכט זיך, גענוג ביטער אויפן האַרצן, נאָר פונדעסטוועגן קנייפּט ער זיך נאָך די באַקן אַז די פאַרב זאָל שטיין, און זאָלן מענטשן מיינען. און אַט שפּרינגט ער פּלוצלונג צו צו ציפּען, ניט זי אַ כאַפּ אַרום מיט זיינע ביידע הענט און לאַכט און שרייט, כלומרשט אויף קאַטאָוועס, אַז ער גייט נאָך איר אוים, גייט איין ווי אַ ליכט, און זאָלן זיי שוין שטעלן די חופּה, אויף וואָס וואַרטן זיי, אויף וואָס?

ער שטיפט, ער לאַכט, מאַכט זיך משוגע, מאַכט אַלץ אויף קאַטאָוועס, נאָר די הענט זיינע, וואָס האַלטן זי אַרומגענומען, זיינען אַזוינע אומעטיקע, און ער אַליין איז אויך אַזאַ פאַרלאָרענער, אַז עס איז אַ צער אויף אים צו קוקן, און זי שטייט אין זיינע אָרעמס, וואָס האָבן זי אַרומגעכאַפּט ווי רייפן, שטייט אַ גלייכע, און אַ פאַרגליווערטע, ווי אַ שטעקן. זי פירט מיט די אויגן, קוקט, דאָס אויף יאָסקען, ווי ער האַלט זי און דריקט זי צו זיך, און דאָס אויף לייזער-בערן, ווי ער זיצט צו איר מיטן רוקן, נאָר עפּעס אַזוי, אַז ער וועט, דוכט זיך, באַלד אויפשפּרינגען פון אָרט, און זי ציטערט, האָט מורא, אי פאַר דעם, אי פאַר יענעם — פאַר אַלעמען. זי רייסט זיך ניט פון יאָסקען און שטופּט אים ניט פון זיך, ווי זי פּלעגט עס

שטענדיק טאָן, און צו לייזער־בערן זאָגט זי אויך גאָר ניט, און יאָסקע דריקט זי שוין ניט צו זיך, לאַכט שוין ניט, ער פאַרגעסט אַליין, אַז עס איז גאָר אויף קאַטאָוועס, און שמואל זיצט אויך דאָ ביים טיש, און ער קוקט, דוכט זיך, אויף קיינעם ניט, און זעט, דוכט זיך, גאָר ניט, נאָר ער רופט זיך באַלד אָפּ, אַזוי שטיל, אַז זיינע ווערטער פאַלן ווי טראָפּנס בליי:

— לאָז זי אָפּ, יאָסקע...

שמואל רעדט די לעצטע צייט מיט קיינעם ניט, קערט זיך מיט קיינעם ניט אָן, נאָר ציפּע ציטער פאַר אים מער, איידער פאַר אַלעמען. זי ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס און פאַר ווען. נאָר פון זינט יעמאָלט אָן, פון זינט עס האָט געטראָפן מיט איר דער אומגליק, צים עס איר צו שמואלן ווי מיט אַ מאַגנעט. אי זי האָט פאַר אים מורא, אי עס צים איר צו אים, אַט ווי ער וואָלט עס געווען אירער אַן עלטערער ברודער, אַ פעטער צו איר. פאַר אים, ווייסט זי, וואָלט זי זיך געקענט אויסריידן, אַראָפּריידן פון האַרצן, אַלץ אים דערציילן און ער וואָלט זי געראַטעוועט. נאָר ער קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף איר און איז שטענדיק אַזאַ, אַז יאָסקע היט אים אַמאָל פון דער־ווייטנס, היט אים לאַנג, און צום סוף וויל ער צו אים צוגיין און אים זאָגן, טרייסטן:

— לאָמיר אַ שפּיי טאָן אויף איר, שמואל, אַז זי וויל אונז ניט!

און שמואל זעט, אַז יאָסקע וויל אים טרייסטן, נאָר עס אַרט אים ניט, אַפילו דאָס אויך ניט.

XXXVI.

די זון זעצט זיך איצט פרי, עס גייט שוין צו ווינטער, און די טעג זיינען קורצע, ווי אָפּגעהאַקטע, און די אָוונטן זיינען לאַנגע און שווערע — פון ווען מען צינדט אָן דעם לאָמפּ, ביז וואַנען

מען פֿאָרט אַוועק צו דער סטאַנציע, געדויערט לאַנג, און ציפּע זיצט די גאַנצע צייט ווי אויף קוילן, בעט גאָט, אַז מען זאָל שוין אַמאָל אַוועקפֿאָרן, און אַז מען פֿאָרט שוין אַמאָל אַוועק — ערשט איצט נעמט זיך פֿאַנאַנדער די וואונד אירע, וואָס זי טראָגט אין איר נשמה, נעמט זיך פֿאַנאַנדער ווי אַ בלום נאָך אַ רעגן.

זי וויל אַרויסגיין פֿון שטוב, וויל אַרויסגיין פֿאַרן טויער, נאָר זי האָט מורא, זי ציטערט פֿאַר איר אייגענעם שאָטן. אין פֿענצטער קוקט אַריין דער אויסגעשטערנטער הימל, און אַ ווינט ניט אַ ריס די שויבן, און אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט ציטערט אויף אַ שאָטן. ציפּע גיט זיך אַ כאַפּ, נעמט זיך צו־נויף און לייגט זיך אַריין אין בעט. זי ליגט מיט אָפֿענע אויגן, הערט זיך צו וואָס צו און אין מוח ליגט ביי איר אַ שטיין: וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט זיין מיט איר? זי וואָלט זיך גע־דאַרפֿט אַרויסגנבֿענען פֿון דאַנען, און אַנטלויפֿן אַהיים, צום טאַטן. דער טאַטע וועט אַ נעם טאָן די שטריק, וועט זי שלאָגן, וועט זי אַזוי שלאָגן, אַז זי וועט אַזש קראַנק ווערן. נאָר דערנאָך וועט ער זיך אַנידערזעצן לעבן איר בעט, צוקאָפּנס, און וועט איר קוקן אין די אויגן אַריין:

— וואָס איז דיר, ציפּע? וואָס איז דיר, טאָכטער?

און דער שיינעץ וועט אַריינעמען די הענט אירע אין זיינע, וועט זיי וואַרעמען און וועט איר זאָגן:

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט!

ער וועט זיך ניט רייצן מיט איר, וועט איר ניט אויפֿ־וואַרפֿן, אָבער דאָ — דאָ וועט אויף איר קיינער ניט רחמנות האָבן, קיינער ניט.

אָט אַזוי האָבן זיך דורכגעשלעפּט די ערשטע עטלאָכע טעג, ווי אויף אַ קלעפּיקן, אַ בלאָטיקן וועג, ביז איין מאָל איז ר׳ צמח געקומען, איינמאָל אין אַ פֿרייטאָג, אין דעם ערשטן פֿרייטאָג נאָך דעם, ווי עס האָט געטראָפֿן דער אומגליק. ציפּע האָט אים געוואָלט לויפֿן אַנטקעגן, נאָר ר׳ צמח איז היינט געקומען ניט אַזוי ווי אַלע מאָל, ניט באַלעבאַטיש־רואיק ווי זיין שטייגער איז, נאָר ער איז ממש אַריינגעלאָפֿן אין שטוב, און

נאָך אויפ'ן שוועל, נאָך איידער ער האָט געזאָגט אפילו זיין גאָט־העלף, האָט ער שוין אויסגעשאָסן:

— מאָרגן!

מאירקע האָט אים אנגעקוקט א צוטומלטער און ציפּע האָט א טאַפּ געטאָן אירע הענט. נאָר ר' צמח האָט זיך שוין אנידערגעזעצט, האָט שוין אוועקגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף דעם גראָבן וויינשל־שטעקן און האָט באַלד אָנגעהויבן צו ריידן, פּאַמעלאַך, איינגעהאַלטן, און געהויבן אזוי, אז מאָרגן! מאָרגן קומט מען זי אָנקוקן, און ווער דער חתן איז, דאָס וועלן זיי שוין אַליין זען, און קומען וועלן זיי מאָרגן פּונקט צוויי דעם זייגער, פּונקט!

ר' צמח האָט דאָס מאָל ניט געבעטן קיין קערבל. ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט געזאָגט צו אַלעמען א גוטן טאָג און האָט זיך געלאָזט אוועקגיין, און ערשט ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָט זיך מאירקע פלוצלונג א כאַפּ געטאָן, האָט זיך א יאָג געגעבן נאָך אים און האָט אים אנגע־יאָגט, שוין אין מיטן הויף. מאירקע האָט געהאַלטן א פּאַפּירע־נעם קערבל, און ער האָט עס געגומען שטופּן ר' צמחן אין די הענט אריין, און ר' צמח האָט זיך אפריער אויסגעוויזן, אז מען איז דאָ אים עפּעס פוגע בכבוד, נאָר אז ער האָט א קוק געטאָן אויף מאירקען, האָט דערזען, וואָס פאַר א פאַרלאָרענער ער איז, א פאַרלאָרענער און א גליקליכער, האָט ער צוגענומען דאָס פּאַפּירל און האָט שטיל א שמייכל געטאָן, פאַר זיך אַליין. און דער־נאָך, ווען ער איז שוין געגאַנגען איבער דער גאַס, ווייט שוין פון מאירקעס הויף, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם אַלעמען און האָט צו זיך געמורמלט מיט די ליפּן:

— א וואוילער מענטשל, א וואוילער מענטשל!...

XXXVII.

און דער שבת אויף מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן זייער פּרי, פון פאַרטאָג אָן. מאירקע אַליין האָט געהאָלפן אויפראַמען די שטוב, האָט אַליין אַכטונג געגעבן אַז אַלץ זאָל זיין אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין, — אַלץ אַליין. דערנאָך האָט מען געגעסן וואַרמעס, און געגעסן האָט מען אויף גיך, אין איילעניש. און באַלד, ווי נאָר מען האָט אָפּגעגעסן, האָט מאירקע אַ כאַפּ געטאָן לייזער־בערן און האָט אים אַוועקגעשטעלט פאַר'ן טויער: טאָמער קומט אונטער באַשע, זאָל ער איר זאָגן, אַז זי קען איצט ניט אַריינקומען. זי קען ניט! דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יאַכקען און האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעטריבן פון שטוב. זאָל ער גיין אין שטאַל, זאָל ער גיין אין דער ערד אַריין, נאָר זאָל ער ערגעץ אַוועקגיין. און שמואלן — שמואלן האָט ער אַוועקגעזעצט ביים טיש, אויבן־אָן. וואָס שמואל איז, איז ער, אָבער ריידן מיט אַ מענטשן קען ער.

און דערנאָך זיינען געקומען די מחותנים. דער חתן איז געווען אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט גרויסע הענט וואָס האָבן זיך שווער געוויגט, בעת ער האָט געמאַכט אַ טראַט און זייער אַ גלייכער. עס איז קענטיק געווען אָן אים, אַז ער איז אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, אַז זיין פּלייצע ווייסט די וואָג פון אַ זעקל תבואה, און מאירקע, אַז ער האָט אים דערזען, אים און זיינע הענט — מאירקע איז עפּעס געבליבן אויף דער רגע, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ניט אַזאַ חתן האָט ער זיך פאַרגע־שטעלט, ניט אויף אַזוינס האָט ער געוואַרט. נאָר ר' צמח האָט זיך גראָדע צופרידן געריבן די הענט, האָט צופרידן גע־שמייכלט.

ביים טיש שווייגן אַלע. און ציפּע איז אַן אויסגעפּוצטע און אַ שיינע, אַז מען טאָר אין איר ניט קוקן. זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, מיט אַלע אירע כוחות, אַז זי זאָל זיך ניט פאַנאַנדערוויינען. זי האָט פון מאָל צו מאָל געקוקט אויפן חתן, האָט געזען זיין בלייכן

פנים, זיינע אומעטיקע אויגן, און האט געטראכט, אז דעם טאטן וואלט ער גראדע יא געפעלן געווארן, דער טאטע האט ליב אזעל־כע. און מאירקע איז נאך אלץ געזעסן א צעטומלטער. עס האט זיך אים געדאכט, אז מען האט זיך דא פשוט אויסגעלאכט פון אים, און אט, באלד, ער וועט זיך א ריס טאן פון ארט, וועט צולויפן צו ציפען, וועט זי א כאפ טאן, וועט זי צונעמען פון דאנען, און דעם חתן, דעם בורדיאק, וועט ער אויסשטעלן א פייג:

— נא, עס!

נאר ר׳ צמח האט זיך געהאלטן נאענט צו מאירקען, האט פארפירט מיט אים א רייד, ווענן דאס און ווענן יענעס, האט אויך שמואלן געוואלט אריינפירן אין דעם שמועס. אז חתן־כלה זאלן קענען בלייבן אליין, זאלן זיך בעסער דערקענען, נאר מאירקע האט אלץ געריסן די אויגן אויפן חתן — וואס פאר א חתן ער האט זיך פארגעשטעלט פאר ציפען האט ער אליין נישט געוואוסט, נאר דער חתן איז אינגאנצן נישט דאס, נישט דאס, און ווי אויף צולהכעיס האלט ער נאך, דער חתן, זיין לינקע האנט אויפן טיש און די האנט זיינע איז א גרויסע און א שווערע און ליגט זי ווי א קלאץ. שמואל זיצט פונקט אנטקעגן אים, זיצט א גלייכער און עפעס אזא דינער און א שפיציגער, ווי א אנגעצויגענער דראט. ער האלט שטארק צו־גויפגענומען די אויגן, אז זיי קוקן בא אים אויס ווי צוגעמאכ־טע, און ער האט נאך, פאר דער גאנצער צייט, וואס מען זיצט ביים טיש, נישט ארויסגערעדט קיין איינציק ווארט. רעדן רעדט נאר ר׳ צמח, און פון צייט צו צייט ווארפט אויך דער חתן אריין א ווארט. און פון דעם, וואס ר׳ צמח רעדט און פון די אפגעריסענע ווערטער, וואס דער חתן אליין ווארפט אריין, דערוויסט מען זיך, אז האנדלען האנדלט ער מיט תבואה, און אז ווען ער וואלט נאר פארמאגט זיין אייגנס עטלאכע הונ־דערט רובל, אין מזומן, וואלט ער געקענט ווערן אן אמת׳ער סוחר.

— טאקע, א סוחר?

אין מאירקען פלאַצט די גאַל, און ער וועט באַלד אַרויס־לויפן אין הויף, וועט אַ כאַפּ טאָן לייזער־בערן מיט יאַסקען, וועט זיי אַריינשלעפּן אין שטוב און זאָלן זיי אויך זען די קאָמעדיע, זאָלן אַלע זען! נאָר ער קוקט אויף שמואלן, וואָס ער וועט טאָן, און שמואל טוט נאָך דערווייל גאָרניט. נאָר מאירקע זעט שוין ווי אַזוי ער זיצט און ווי אַזוי ער קוקט, און מאירקע קילט זיך שוין דאָס האַרץ, אַז ער שרייט שיעור ניט אויס:

— מאַלאַדיעץ, שמואל!

און דרויסן, אין הויף, שפּאַנט זיך יאַסקע אַרום אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, מיט זיינע ביידע קולאַקעס פאַרגראָבן טיף אין די הויזן־קעשענעס. ער ווייסט, אַז דאָרט, אינעווייניק אין שטוב, זיצט אַ חתן, וואָס קוקט אַז ציפּען, נאָר דער חתן איז גאָרניט מיט גאָרניט, מען קען אים אָפּשלאָגן די לונגען, אײנס און צוויי! אָבער אויף ציפּען איז אַ רחמנות, אַ גרויסער רחמנות. ביי יאַסקען פאַרגייט זיך די נשמה, אַז עס טוען אים אַזש וויי די ביינער, און ער טראַכט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט ער יעדן טאָג גנבענען ביי מאירקען אַ קערבל, וועט קלייבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, און אַז עס וועט קומען די חתונה, וועט ער קויפן פאַר ציפּען אַ דרשה־געשאַנק, אייו מאָל שוין אַ דרשה־געשאַנק, עס וועט פאַרשיינען די וועלט! עס ווערט אים גוט פון דעם, זייער גוט, און ער וויל שוין צוגיין צו לייזער־בערן און דערציילן אים וואָס ער וועט טאָן, נאָר לייזער־בער שטייט זיך נאָך אַלץ ביים טויער, אַ גרויסער און אַ רואיקער. ציפּע, ווייסט ער, וועט מיט קיינעם ניט חתונה האָבן, מיט קיינעם ניט — — —

און יאַסקע טראַכט זיך ווייטער קוקנדיק אויף לייזער־בער'ן: אַז ציפּע וועט חתונה האָבן און וועט אַוועקפאָרן מיט איר חתן, ער איז דאָך ניט קיין היגער, וועט ער אויך אַוועקגיין פון דאַנען — וואָס זאָל ער דאַ דעמאָלט טאָן?

זיינע אויגן גיסן זיך אָן, ווערן פייכט, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט, און ער שאַרפט שוין ווידער

אז די אויגן, שפּיצט אַן די אויערן, און הערט זיך ווידער איין צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין שטוב, נאָר ער קען גאָר ניט כאַפּן. און אין שטוב איז טאַקע שטיל, מאָדנע שטיל. ר' צמח זעט שוין, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, און ער וויל אָפּרופן מאַירקען אין אַ זייט און גוט זיך אויף אים אָנבייזערן:

— וואָס ווילט איר נאָך, וואָס? איך געפעלט נאָך ניט! ער איז אַ טאַטעס אַ קינד, ניט אַבי־ווער פון אונטערן אויוון. איך רעד דאָ אָן פּניות!..

און שמואל קוקט אויף ציפּען, קוקט מיט די שאַרפע ברעגן פון זיינע צוגעמאַכטע אויגן און זעט ווי זי זיצט און וואָס מיט איר איז, און עס בלוטעט אים דאָס האַרץ, אי פאַר איר, אי פאַר זיך, — פאַר אַלץ. ביז ער הויבט זיך מיט אַמאָל אויף, גייט צו צום חתן, און גיט אים אַ נעם אָן פאַר די לאַצן און אַ הויב אויף פון אָרט. דער חתן איז אַ גרויסער, אַ געזונטער, נאָר אין שמואלס הענט איז ער ווי אַ שפּילכל, און ער קוקט אַ צעטומל־טער צו ר' צמחן, און ר' צמח איז שוין אויך אויף די פיס, שרייט וואָס, שרייט און מאַכט מיט די הענט, טענהט עפּעס צו מאַירקען, און מאַירקע ווייסט וואָס ער דאַרף איצט טאָן: ער דאַרף צוגיין צו שמואלן, פון הינטן, און אַ זעץ טאָן אים איבערן נאַקן, אַז ער זאָל אַנידערפאַלן, אַ טויטער. דער חתן טויג טאַקע ניט, ער טויג ניט, נאָר דאָס איז שוין ניט זיין עסק, ווער איז ער עס סיידן, דער גאַנצער שמואל? נאָר אַז עפּעס געפעלט אים דאָ אַליין אויך, עס געפעלט אים, מאַלאַדיעץ שמואל! און ער ענטפערט ניט ר' צמחן, ער גייט נאָר צו צו ציפּען און לייגט אויף איר אַרויף אַ האַנט, ווי ער וואָלט געוואָוסט, אַז זי דאַרף זיך דאָ יאָ פאַר עפּעס שרעקן, אַז זי דאַרף מען דאָ יאָ פון עפּעס פאַרהיטן. מאַירקע ווייסט ניט, אַז ער שמייכלט, אַז ער לאַכט, אַז ער האָט הנאה, און שמואל שטויסט דערוויייל דעם חתן פון שטוב אַרויס, און אַז דער חתן איז שוין אויף יענער זייט שוועל, קערט ער זיך, שמואל, אום און גייט אויף ר' צמחן. נאָר ר' צמח לאָזט זיך אים גאָר אַליין גיין אַנט־קעגן, און ווען זיי שטייען שוין איינער לעבן דעם אַנדערן, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, הויבט ר' צמח אויף אַ האַנט און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש.

— שייגעץ, ווי ביי גוים! נאָר ערגער!

מאירקע ציטערט פון הנאה, ער ווייסט, אַז שמואל וועט זיך באַלד אַ וואָרף טאָן אויף ר׳ צמחן, וועט אים צערייבן אויף שטויב. נאָר שמואל שטייט גאָר פאַר ר׳ צמחן מיט אַראָפּגע־לאָזטע הענט. שמואל וויל אים נאָר עפּעס זאָגן, אָדער בעטן, ר׳ צמח איז דאָך פאָרט אַ קלוגער איד, נאָר דאָס מויל זיינס וויל אים ניט פאָלגן. עס גיבן זיך נאָר ביי אים אַ בראָך די ליפּן, ווי זיי וואָלטן געוועזן פון בלעך, און דערנאָך בלייבן זיי שוין אַט אַזוי, אין אַ וויינענדיקער מינע. און מאירקע קוקט אויף אַלץ, זעט אַלץ, און עס נעמט אים דורך אַ ווייטיק: — ניטאָ קיין מזל!

ר׳ צמח לאָזט זיך מיט אימפּעט גיין צו דער טיר, און די ברייטע פּאָלעס פון זיין פאַנאַנדערגעשפּילעטן סורדוט קערן עפּעס אַרויס פון שטוב, נעמען צו מיט זיך, אַז עס בלייבן אַזש נאַ־קעט די ווענט, און ר׳ צמח גייט צו צום חתן, נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט, ווי מען נעמט אָן אַ אינגל, און פירט אים אַרויס פון פאָרהויז. אין שטוב קלינגט אויף די פּוסטקייט, און שמואל גייט פּאַמעלאַך און פאַרמאַכט נאָך זיי די טיר. דערנאָך קערט ער זיך אום, שטייט אַ רגע, און פּלוצלונג גיט ער זיך אַ כאַפּ אָן מיט ביידע הענט אַן אַ ברעג פון טיש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אומ־פאַלן. ער שטייט אַט אַזוי אַ לאַנגע ווייל, אָטעמט שווער אָפּ, און דערנאָך לאָזט ער אַרויס דעם ברעג טיש, און לאָזט זיך גיין איבער דער גאַנצער לייינג פון קיך, צו זיך אין זיין אַלקער אַריין. ער גייט דורך פאַרביי ציפּען, און ציפּע האַלט שוין מער ניט אויס, און זי גיט זיך אַ וואָרף צו אים, פאַלט צו, און וויינט זיך פאַנאַנדער.

ציפּע וויינט הויך אויפן קול, און שמואל הויבט אויף אַ האַנט, און לאָזט איר אַראָפּ, ניט אַ פּאַטש אין פּנים, נאָר אַ גלעט איבערן קאָפּ:

— וויין ניט...

דערנאָך נעמט ער זיך צו פון איר, לאָזט זי איבער אין מיטן, און גייט אַריין צו זיך אין זיין אַלקער. זיינע טריט זיינען שווערע, קלעפּיקע, ביז ער ציט זיך אויס אויף דער בעטל.

גלייך ווי אַ סטרונע, אַ פוס צו אַ פוס, און די הענט זיינע ליגט ער אַוועק אַזוי, אַז זיי קוקן אויס ווי צוגעשרויפטע צו די שולטערן, פון ביידע זייטן. ער מאַכט צו די אויגן, און אָטע־מען אָטעמט ער שטיל און רואיק, נאָר זיין אָטעם הערט זיך ניט און ער קוקט אויס ווי אַ טויטער, ווי אַן אויסגעקלעפּטער פון וואַקס, אין גאַנצן, פון די שפּיץ האָר אויפן קאָפּ, ביז די שפּיץ נעגל אויף די פיס.

XXXVIII.

שמואל איז זיך דערנאָך אָפּגעלעגן אַט אַזוי דעם גאַנצן פאַרנאַכט, די גאַנצע נאַכט, און דעם גאַנצן טאָג אויף מאָרגן.

קיינער איז צו אים ניט אַריינגעקומען און ער האָט קיינעם ניט אָנגעזען. אין אוונט נאָר, ווען מען האָט שוין געדאַרפט געווען שפּאַנען די פערד, האָט יאַסקע פּאַמעלאַך געעפנט די טיר פון זיין אַלקער, האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ און האָט פּאַמע־לעך אַ רוף געטאָן:

— שמואל ?

שמואל האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר געענטפערט האָט ער אים ניט. יאַסקע האָט געוואַרט אַ מינוט, האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ און האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר. שמואל האָט זיך גע־וואָלט אַ ריס טאָן פון אָרט, אָנכאַפּן זיך אַז יאַסקען, ניט אָפּלאָזן אים פון זיך, נאָר ער איז ווייטער געלעגן אַ פאַרגליווערטער, אַ טויטער, און אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין געהערט ווי מען שפּאַנט שוין די פערד, ווי עס רעשט, ווי עס טומלט זיך. — אַז אים. ער האָט זיך לאַנג צו דעם צוגעהערט, מיט דער נאַקע־טער הויט, וואָס איז אָנגעצויגן אויף זיינע ביינער, און טיף אין אים האָט שטיל געוויינט די נשמה זיינע, אַז ער אַליין וועט שוין מער קיינמאָל ניט זיין אין דעם, קיין מאָל ניט. אין האַלדז שטעלט זיך אים אַ טרער, און ער דערשלינגט עס קוים, שלינגט עס קוים

אראָפּ, ווי מען ווערגט זיך מיט אַ האַרט שטיקל ברויט.

די פּאַיעטאָגנען פאָרן איינע נאָך די אַנדערע אַרויס פון טויער, און דער טויער גיט אַ סקריפּע, פאַרמאַכט זיך נאָך זיי. און אין הויף ווערט מיט אַמאָל אַזוי שטיל און פּוסט, אַז עס ווילט זיך אויסשיסן אין אַ געלעכטער. אַלץ אַרום איז עפּעס אַזוי מאָדנע, און זיך אַליין דאַרף מען זוכן אין דעם, ווי אַ נאָדל אין אַ שטאָק היי.

די זון איז שוין אינגאַנצן פאַרגאַנגען און אין שטוב ליגט זיך אַ שאָטן אויף אַ שאָטן, אַ שאָטן אויף אַ שאָטן. און עפּעס קנאַקט אין דער פּוסטקייט, ווי עס וואָלט געפאַלן אַ ביין אויף אַ ביין. ציפּע פאַרשליסט די דרויסנדיקע טיר, קומט צוריק אַריין אין שטוב, אין קיך אַריין, און שמואל הערט ווי זי זעצט זיך אַנידער ביים פענצטער, קוקט ערגעץ אין דרויסן, און ווי פון אירע אויגן קייקלען זיך טרערן. שמואל וויל עפענען די אויגן, נאָר די אויגן־דעקלאַך טוען אים אַזוי ווײ, ווי געשווירן.

אינדרויסן רייסט אַ ווינט, קנאַקט אין די שויבן מיט הויפּנס נעץ, ווי עס וואָלט געוואָלט אימיצן פּאַטשן איבערן פּנים, איבער די באַקן. נאָר שמואלס בעט שטייט האַרט ביי דער וואַנט און אַנטקעגן דעם פענצטער. שמואל לאַכט הנאה'דיק אין זיך, און ער הערט ווי ציפּע האָט זיך שוין דאָרט אויפגעהויבן פון אָרט, איז געגאַנגען, האָט זיך אויסגעטאָן און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. נאָר זי שלאָפט נים. ער הערט, ווי זי שלאָפט נים.

דער ווינט רייסט די שויבן, די דרויסנדיקע טיר, און ציפּע ליגט אַ צעטויפּגעדרייטע ווי אַ בייגל און ציטערט. ער הערט ווי זי ציטערט, אַז זי האָט מורא. ער וויל זיך אויפהויבן, צוגיין צום פענסטער און אַ קוק טאָן וואָס אין דרויסן טוט זיך. נאָר ער רירט זיך נים פון אָרט.

ער איז איצט אַליין מיט ציפּען, ער אין איין חדר און זי אין אַ צווייטן, און ער דאַרף איר אפילו נים זאָגן, אַז ער גייט נאָך איר אויס, אַז אָט שטאַרבט ער צוליב איר, פאַר אירטוועגן. ער ווייסט, אַז זי איז געווען ביי לייזער־בערן אין שפּייכלער, ער ווייסט וואָס

לייזער־בער האט דארט געטאן מיט איר. ער האט דעמאלט געוואלט אונטערצינדן די שטאל, אוועקלאזן מיטן רויך, אלץ! ער וואלט זי געקענט צערייסן אויף שטיקער, וואלט אלץ געקענט, נאר ער זשאלעוועט זי, אך, ווי ער זשאלעוועט זי!

שמואל עפנט פלוצלונג די אויגן ,און קוקט גלייך פאר זיך. ארום איז נאכט, פינצטער, און די נאכט איז א גלייכע און א טרוקענע, ווי א ברעט, ווי א פאדלאגע. מען קען, דוכט זיך, גיין אויף איר, מען קען זי אריבערשפאנען. נאר פון דרויסן דער־הערט זיך באלד א טומל, א געשריי. שמואל הערט זיך צו, און ער דערקענט: דאס איז מען שוין, הפנים, געקומען פון דער סטאנציע, שוין אוים נאכט. שמואל דערשרעקט זיך ניט פאר דעם, דערפרייט זיך ניט מיט דעם, ער הערט זיך נאר ווייטער צו און ער הערט:

געקומען זיינען זיי היינט אלע אנגעפרארענע און דורכ־געווייקטע פון דעם נאסן פראסט און רעגנדיקן ווינט. מען איז מיט רעש אריין אין שטוב און איבער דער גאנצער שטוב האט זיך באלד פאנאנדערגעטראגן דער שארפער ריח פון געפרארענעם טוי. שמואל האט טיף אין זיך אריינגעאטעמט אט־א די ווייטע פרישקייט און האט הנאה׳דיק געציטערט. אויפן טיש אין קיך איז שוין געשטאנען דער קאכיקער סאמאוואר און זיי האבן זיך אלע, ווי היישעריקן, אווארף געטאן אויף דער הייסער גלאז טיי, האבן זיך צוגעכאפט דערקוויקן אביסל די נשמה. שמואל האט זיך ניט געוואלט מיט זיי רייצן, האט זיי גארניט געוואלט קא־ליע מאכן, האט זיי אלץ פארגונען, מיטן גאנצן הארצן, נאר ער איז באלד אראפגעקראכן פון בעט, האט זיך אנגעטאן און האט שטיל און פאמעלאך געעפנט די טיר פון זיין אלקער, ווי א הונט וואלט עס געטאן מיט זיין קאפ, און איז אריינגעקומען אין קיך. ער איז אינגאנצן געווען אן אנגעטאנענער, אפילו אינם פאלטא, און אונ־טערן ארעם האט ער געהאלטן אן איינגעבונדן פעקל.

זיי האבן אים אנגעקוקט, האבן שיעור ניט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער, אזוי איז עפעס געווען אין דעם פון וואס צו לאכן, און ער איז צוגעגאנגען צו זיי, א גלייכער און א

גוטער, ווי נאַרניט ער, האָט אוועקגעלייגט אויפן טיש דעם פּעקל און האָט זיי שטיל, אַזוי שטיל געזאָגט, אַז ער גייט אַוועק פון דאַנעט אויף אַלעמאָל. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס ער רעדט, וואָס ער וויל, און ער איז צוגעגאַנגען צו יאַסקען און האָט זיך מיט אים געזעגנט — זאָל ער זיין געזונט! דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו מאַירקען, און מאַירקע האָט אים אָנגעקוקט מיט צווי פאַנאַנדערגעעפנטע הענט: — וואָס הייסט ער גייט אַוועק? וואוהין? פאַר וואָס?! שמואל האָט אים גראָדע יאָ וואָס צו ענטפערן אויף דעם, אַ סך ענטפערן, נאָר ער שווייגט, און נאָר די אויגן זיינע גלאַנצן אומעטיק, אַך ווי אומעטיק און עס ציטערן ביי אים די ברעמען. ער שווייגט און זיי אַלע שווייגן, נאָר עפּעס אַליין פון זיך ווערט באַלד אַ טומל, אַ געשריי: אַז מען וועט אים ניט לאָזן. מען וועט ניט! זיי רינגלען אים אַלע אַרום, שרייען, טומלען, עס איז פריילאַך, און עס איז אים אַזוי גוט, וואָס מען האָט אים דאָ ליב, וואָס מען לאָזט אים ניט אַוועקגיין. ער האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און ציפּע שטייט דאָרט אין אַ ווינקל, אַ פאַרשלאָגענע, אַ צוגעשלאָגענע, און זי וויל אויך ניט, אַז ער זאָל אַוועקגיין, איר איז אויך ניט גוט, און ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ קליינעם ברעג פון דער באַנק, זעצט זיך צו.

מאַירקע דערפרייט זיך מיט דעם, נאָר שמואל הויבט דאָ מיט־אַמאָל אויף דעם קאָפּ און זיינע אויגן קוקן שוין גלייך און שאַרף. ער קוקט אויף ציפּען, און ציפּע ציטערט און דרייט זיך אונטער זיין קוק, ווי אונטער אַ האָגל. אַ רגע איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז עס הערט זיך, ווי יעדערנס האַרץ קלאַפּט באַזונדער, און שמואל הויבט זיך באַלד אויף, גייט צו צו מאַירקען, נעמט אים שטאַרק אין פאַר אַ האַנט און לאָזט זיך מיט אים אַרויסגיין פון שטוב. ציפּע וויל זיך אַ וואַרף טאָן נאָך זיי, פאַלן שמואלן צו די פיס, נאָר זי בלייבט ווי אַן איינגעזונקענע, אַ פאַרגליווערטע. זי מורמלט נאָך עפּעס מיט די ליפּן, וויל זיך נאָך ראַטעווען, נאָר באַלד ווערט זי שוין אַן אָפּגעלאָזענע, איינגאַנצן, ווי אַ גרויסע, אַ רויע שטיק טייג. יאַסקע וויל צו איר צולויפן, וויל איר העלפן, נאָר ער שטייט אַ צעטומלטער, פון אַלץ, און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

און שמואל פירט דערוויייל מאירקען אלץ טיפער אין הויף, ווייט פון שטוב, ווייט פון אלעמען. זיין האנט איז א קאלטע און א טרוקענע, ווי א נאקעטער ביין, און מאירקען איז ניט גוט פון דעם, און מאירקע שטעלט זיך טאקע באלד אפ, מיט גוואלד, ער וויל ווייטער ניט גיין. שמואל כאפט איבער דעם אטעם, גיט זיך א וויש דעם שטערן, און הויבט אים אן דערציילן — אלץ וואס ער ווייסט וועגן ציפען מיט לייזער־בערן. ער רעדט אפגעהאקט, מיט ווערטער, וואס טוען אים וויי, אז ער וואלט זיך בעסער געוואונשן צו זיין איצט א שטומער. ער בארעדט זי ניט, רעדט אויף איר ניט אן, נאר עס איז דאך פאר איר טובה וועגן! ער רעדט לאנג, מיט ווערטער, וואס פאלן קרום און שווער און מאירקע הערט אים די גאנצע צייט, נאר פאר־שטיין פארשטייט ער גארניט. ער קוקט מיט אן אפן מויל, מיט פאנאנדערגעריסענע אויגן, און שמואל האט שוין מער ניט וואס צו רעדן, נאר ער רייסט נאך פון זיך ווערטער, ווי שטי־קער פלייש פון לייב, און מאירקע גיט זיך פלוצלונג ארים פון ארט, ווי א שלאנג וואלט אים א ביס געטאן, יאגט זיך אריין אין שטוב, לויפט צו צו ציפען און גיט זי א כאפ אריין אין זיינע הענט:

— אן אמת?

זי ווייסט וואס ער פרעגט ביי איר, און זי וויל שרייען אז ניט, אז עס איז גארניט געווען, עס איז א ליגן! אליגן! נאר זי לאזט זיך אראפ אויף דער באנק, וואס שטייט דא לעבן איר, און וויינט זיך פאנאנדער. זי וויינט שטיל, איינגעהאלטן, און מאירקע שטייט איבער איר, הערט זיך איין צו איר געוויין און זיין גאנצער פנים ווערט צופלאמט אין א מעסערדיקן געלעכ־טער:

— בליאד! ווי די שוועסטער!ביידע קורוועס!!

ציפע הערט אויף צו וויינען, זי רייסט איבער דעם געוויין אירן מיט א הארטן, א צושאטענעם קלונג, ווי מען וואלט געריסן טרוקענעם לייוונט. זי פירט א צומישטע מיט די אויגן, ביז וואנען זי שטעלט זיך אפ אויף לייזער־בערן. לייזער־בער וויל

אוועקגיין פון דאנען, ווײל אנטלויפן, נאר ער איז אליין בײ זיך עפּעס אזא גרויסער און אזא שווערער, אז ער קען זיך ניט רירן פון אָרט. און ציפּע קוקט אויף אים, דערזעט אים קלאָר און עס קערן זיך בײ איר איבער די געדערים, די קישקעס. זי פארלירט איר פארשטאנד, פארלירט אלץ, און זי גיט זיך א וואַרף אויף לײזער־בערן, ווי א קאץ, און הויבט אים צו דראַפּען מיט די נעגל און בײסן מיט די צײן. מאירקע רוקט זיך אָפּ פון זײ. ווי ער וואָלט זײ געוואָלט לאָזן וואָס מער אָרט, מאכט פּאר זײ א ווארע, און יאַסקע שטײט אויך פון דערווײטנס, א צעטומלטער און א דערשראָקענער אויף טויט. נאר באלד גיט ער זיך א וואַרף צו זײ און נעמט זײ פאנאנדער. בײ לײזער־בערן ווײנען די ליפּן און די האנט זײנע, וואָס ווישט און גלעט דעם אײגענעם, פארבלוטיקטן פּנים, און ציפּע שטײט א געלע, א גרינע. זי האלט זיך אונטער דאָס הארץ און כאַפּט קוים דעם אָטעם. אין דער גאַנצער שטוב איז פּוסט, לײדיק, אזוי פּוסט, אז עס איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, און מאירקע קוקט אויף אלץ, זעט אלץ, און ער לאכט, דוכט זיך, יאָ, ער לאכט, ביז ער לאָזט דאָ איבער אלץ מיט אנאנדער, גיט א זעץ מיט דער טיר און גײט ארויס פון שטוב. ער קוקט ניט וואוהין ער גײט, זײנע פיס שלינגען די ערד, און ער ווײסט אפילו ניט, אז שמואל גײט אים נאך, ווי א שאטן, און ווען ער קומט דערנאך אזוי־א אָן צו די נאָמערעס, גײט ער גלײך ארײן צו זלאטען, גלײך צו איר אין חדר ארײן, גיט זי א כאַפּ אויף פון בעט — זי שלאָפט נאָך — און הויבט זי אן צו ווערגן. ער ווײסט קלאר וואָס ער טוט, ער וויל זי טאקע דערווערגן, אויף טויט, און זלאטע שלאָגט זיך ניט מיט אים. זי לאָזט גלײך און מיט הנאה אָראָפּ אירע בײדע הענט און לאָזט אים טאָן מיט זיך וואָס ער וויל. און נאר צום סוף שוין, ווען זי וויל כאַטש נאר אײן און אײנציקן מאָל נאָך איבערכאַפּן דעם אָטעם און קען שוין ניט, לויפט בײ איר דורך אין מוח, אזוי קלאר און דין ווי א פאָדים, וואָס שלײנגלט זי ארום פון קאָפּ ביז די פיס, אז ער דערווערגט זי טאקע, אז זי שטאַרבט. זי פילט ווי עס קריכן בײ איר ארויס די אויגן, זעט דעם אײגענעם

צונג אירן, א לאנגן און א רויטן, און ווען ער וואלט זי איצט אפגעלאזט, אויף איין מינוט נאר, וואלט זי אים געזאגט, אז זי האט אים ליב, אז זי האט אים שטענדיק ליב געהאט און האט שטענדיק נאר געזארגט פאר אים. —

אין דער אפענער טיר שטופן זיך מענטשן, — די קווארטיראנטן פון די נאמערעס. זיי קוקן אלע מיט אפענע מיילער, מיט א פארכאפטן אטעם, און פארשטייען ניט וואס דא איז. נאר צווישן זיי באווייזט זיך באלד דער טעלעגראפיסט און די באלעבאסטע. דער טעלעגראפיסט לויפט גלייך אריין אין חדר, לויפט צו צו מאירקען און גיט אים א כאפ אן פאר די הענט. מאירקע לאזט אויף א רגע איבער זלאטען, קוקט אן דעם טעלעגראפיסט און דער טעלעגראפיסט איז בלייך ווי קאלך און מאירקע גייט אויף אים, א גאנצער אזא, ווי אן אויסגעגאסענער פון איין שטיק אייזן:

— געבן אייך אויסגאב, הא? נעבן?!

דער טעלעגראפיסט האט פאר אים ניט מורא, האט ניט מורא פאר זיין כעס, נאר ער לאזט אראפ די אויגן, בלייבט א פארלארענער פון דעם, וואס ער איז דא טאקע אפשר שולדיק, און לאזט זיך א שולדיקער ארויסגיין פון חדר. ער פארמאכט נאך זיך די טיר און אין חדר, נאך זיין אוועקגיין, ווערט עפעס מיט אמאל אזוי פוסט, אזוי אויסגעליידיגט, אז מאירקע גיט זיך א כאפ, קוקט זיך ארום און דערשרעקט זיך. זלאטע שטייט נאך אין מיטן חדר, זי ווארט נאך אויף עפעס, זי ווייסט אליין ניט אויף וואס זי ווארט, נאר זי ווארט, און מאירקע רוקט זיך פון איר אלץ ווייטער און ווייטער, רוקט זיך, ביז ער גיט זיך א זעץ אנידער אויף דער בעט. ער קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן, א צעטומלטער, אינגאנצן, און זלאטען איז אזוי גוט, אז די נשמה אירע שפרינגט שיעור ניט ארויס פון איר פאר פרייד. זי ווייסט, אז זי איז שוין א געראטעוועטע, און זי גייט צו צו מאירקען און זעצט זיך לעבן אים אנידער. זי איז א נאקעטע, אין איין העמד נאר, און איר געזונט לייב אטעמט ארויס פון זיך אזא שמעקעדיקן ריח, אז מען קען ארונטער פון זינען. מאירקע קלעפט זיך אפ פון איר, קוקט, און וויל צו איר שרייען:

— מכשפה! פארשאלטענע!

נאר ער זאגט פוסט, מיט א ליידיקן קול:

— קום א היים.

זלאטע ווארפט ארויף אויף זיך א קליידל, א קאפטל, און זיי גייען ביידע ארוים פון די נאמערעס. ביים טויער באגעגנט זיי שמואל — ער איז דא געשטאנען די גאנצע צייט און האט געווארט. זיי קוקן אים אן, נאר וואונדערן וואונדערן זיי זיך ניט וואס ער טוט דא און ווי אזוי ער קומט אהער. זיי לאזן זיך אין דרייען אוועק מיט דער גאס און זיי גייען מיט א גלייכן, מיט א געמאסטענעם טראט. זלאטע גייט אין מיטן און זיי ביי־דע ביי די זייטן. זיי גייען ווי סאלדאטן.

XXXIX.

און זלאטע איז געקומען אהיים, צו זיך א היים, אט ווי זי וואלט נאר געהאט געווען אוועקגעפארן ערגעץ, צו גאסט, צי וואס, און מער גארניט. זי האט זיך פארקאטשעט די ארבל, האט זיך ארומגעבונדן מיט א ווייסן פארטוך, און איבער דער גאנצער שטוב האט זיך באלד פאנאנדערגעטראגן דער פעטער ריח פון געשמאקע עסנס, וואס האט געקיצלט דעם גומען.

נאר שטיל, מאדנע שטיל אזוי, איז געווען אין דער גאנ־צער שטוב. מען איז געגאנגען פאמעלאך, מען האט זיך געקערט פא־מעלאך, און גערעדט האט מען אינגאנצן ניט. באלד ווי זלאטע איז געקומען אהיים, ווי נאר זי איז אריין אין שטוב, איז ציפע צוגעפאלן צו איר, האט זיך געטוליעט א פארלארענע, אן אומגליקליכע, און זלאטע האט זי געדריקט צו זיך און האט איר געגלעט די האר, דעם פנים. זלאטע האט ניט גע־

ווינט, נאָר פון אירע אָפענע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן. ליכטיקע, פערלדיקע, ווי די טראָפּנס טוי, אראָפּגעטרייסלט פון אַ צווייג, און דאָס האַרץ אירס האָט געקלאַפּט שווער און טומ־ווי׳איק, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען אין די אויערן מיט אַ דינעם שטאָר.

און שפּעטער אַ ווײַלע איז געקומען באַשע. באַשע איז געקומען צולויפן אין מיטן העלן טאָג, אַ צופּאַטלטע, אַ פאַר־שמייעטע, איז געקומען ווי נאָר זי האָט דערהערט אַז זלאַטע איז שוין אין דער היים. זי האָט זיך ארומגעכאַפּט מיט זלאַטען, האָט זיך אויף גיך, אין איילעניש צוקושט מיט ציפּען, און דער־נאָך האָט זי זיך שרייאיק, מיט אַ געלעכטער אומגעקוקט צו שמואלן:

—איך ליב אייך מיט אייער גאַסט!

שמואל האָט זי ניט ליב, פון שטענדיק אָן, נאָר איצט ענטפערט ער איר פונדעסטוועגן:

— אַ דאַנק.

שמואל גייט דערנאָך אינגאַנצן אַרויס פון קיך, גייט צו זיך אין זיין אַלקער, גייט ווי אַ פרעמדער, און יאָסקע קוקט אים נאָך, און זאָגט אַרויס מיט האַרץ:

— דעם לעבן פאַרגינט ער קיינעם ניט!

נאָר באַשען אַרט עס ניט. זי טומלט נאָך אַ ווײַלע, שרייט און לאַכט און רעדט. ביז וואַנען זי גיט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ, אַז זי האָט דאָך קיין צייט ניט, זי מוז לויפן!

באַשע גייט אַוועק, און יאָסקע גייט אויך אַרויס פון שטוב. ער דאַרף אַ קוק טאָן צו די פערד, און זלאַטע מיט ציפּען בלייבן ווידער אַליין.

זלאַטען איז גוט, אַזוי גוט, אַז זי שעמט זיך אַזש. זי ווייסט, אַז דאָס וואָס זי איז איצט צוריק אינדערהיים און וואָס איר איז אַזוי גוט, איז נאָר דערפאַר, וואָס מיט ציפּען האָט געטראָפן דער אומגליק, און ציפּע זיצט אין אַ ווינקל און עס צוקן ביי איר די אַקסלען.

דאָס פענצטער, וואָס צום הויף, איז ברייט פאַנאַנדערגעעפנט,

און אין דרויסן פארגייט שוין די זון. אזוי פאמעלאך, אז מען זעט עס ניט, מען הערט עס ניט, נאר פארגייענדיק שלעפט די זון מיט זיך מיט עפעס אזוינס, א געוועב אזא, ווי זיידנס, ווי דער הויך פון זיידנס און דאס פארציט דעם הימל.

ציפע קוקט ארויס אין פענצטער און זלאטע דרייט זיך ארום איבער דער שטוב. זי מאכט ניט קיין רעש מיט איר ארומדרייען זיך, זי קוקט נאר איטליך ווײַלע צו ציפען און זי ווערט, דוכט זיך, באלד צוגיין צו דער שוועסטער און וועט איר זאגן:

— דאגה ניט אזוי...

די זון זעצט זיך אלץ נידעריקער און נידעריקער און עס שפרייט זיך שוין דער אוונט, א דינער, א גרא־בלוילאכער, און די לופט ארום איז שארף און טרוקן — ערגעץ וואו פרירט שוין דאס וואסער. מאירקע קומט אריין אין שטוב, קוקט א רגע און גייט באלד צוריק ארויס. שוין א מאל צוואנציק אפשר, אז ער איז היינט אריינגעקומען אט אזוי א, אריין און ארויס, ווי ער וואלט זיך אין ערגעץ ניט געקענט געפינען קיין ארט, ווי עפעס וואלט געגעבערט זיין מוח, זיין נשמה. אין שטוב איז צוגעקליבן און אלץ איז שטיל און פיין און איידל, נאר מאירקען דוכט זיך, אז דאס אלץ איז עפעס פארקלעפט איז ארומגעקלעפט מיט פאפיר און אז ער קען אריינשפארן א פינגער, אט אזוי א, און צורייסן — אלץ! זיין הארץ גייט אויס מיט בלוט. ער קוקט אויף ציפען און אויף זלאטען און ער וויל זיי זאגן, אז ער האט זיי ליב, ביידן, ביידן גלייך. ער האט נאך קיין מאל קיינעם אין זיין לעבן אזוי ניט ליב געהאט ווי זיי, נאר פארוואס האבן זיי אים קאליע געמאכט זיין לעבן? און זיך אליין אויך? איז זיי סיידן גוט? וואס האבן זיי געהאט צו אים? ער וויל זיי ניט שלאגן, דערהרגענען, וואס וועט פון דעם ארויסקומען? נאר וואס וועט איצט זיין? אדרבה, זאלן זיי זאגן!

ער איז ניט אין כעס, און אז כעס גייט ער ארויס פון שטוב, און דרייט זיך ארום איבערן הויף. אט וויל ער זיי זאגן, אלעמען, זלאטען און ציפען, און שמואלן און לייזער־בערן און יאסקען, אלעמען, אז זאל מען אלץ פארגעסן, זאל מען ארויסרייסן מיטן

ווארצל און פארגלעטן מיט דער האנט, באגראבן, און זאל מען דערנאך אנהויבן פון אנהויב אן, אלע אינאיינעם, איבערצניים! און אט וויל ער גאר אוועקגיין פון דאנען, איבערלאזן אלץ מיט אנאנדער און אוועקגיין, אליין און אויף אלעמאל. שטיל זיך ארויסשארן, ווי א שאטן, און ניט ווערן.

אויפן הימל צינדרן זיך שטערן, אין דעם בלויען אוונט עסן זיך איין שווארצע פלעקן און אין שטוב ווערט שוין גוט פינצטער. זלאטע ווייסט, אז מען דארף שוין אנצינדן דעם לאמפ, נאר זי טוט עס ניט. עס ווערט נאך פינצטערער, געדיכט־פינצטער און זלאטע גייט צו, אין דער פינצטער, צו דער שוועסטער און זעצט זיך אנידער לעבן איר. ציפע גיט א קער אום צו איר דעם קאפ, קוקט זי אן מיט גרויסע און טרוקענע אויגן און זלאטען דוכט זיך, אז ציפע מאנט ביי איר עפעס. האט צו איר טענות. זלאטע ווייסט ביי זיך, אז ציפע איז גערעכט, און ווי זי איז גערעכט, איז טויזנט מאל גערעכט, נאר זי, זלאטע איז דאך אויך א מענש, און זי זאגט איר שוין מיט אן איינגעהאלטענעם כעס:

— ווי מען בעט זיך אוים, אזוי שלאפט מען, וואס דען האסטו געמיינט!

ציפע שווייגט א ווײלע און וויינט זיך שטיל פאנאנדער. זלאטען רייצט איר געוויין און זי ווייסט אליין ניט וואס זי וויל איצט, צו שרייען אויף דער שוועסטער, צי א כאפ טאן זי צו זיך און טוליען זי שטארק, מיטן גאנצן הארצן, און וויינען גלייך מיט איר, אינאיינעם מיט איר. און ציפע וויינט דערווייל, און זלאטע הערט דעם געוויין, זאפט אים אריין אין זיך, און מאירקע דרייט זיך ארום איבערן הויף און ער דערהערט באלד אויך, אז ציפע וויינט. ער ווערט א פארציטערטער און ער לויפט גלייך צו צום פענצטער, און ער פילט ניט און ווייסט ניט, ווי עס ציט זיך ביי אים אוים א האנט און ווי די אויסגעשטרעקטע האנט זיינע גלעט ציפעס קאפ, ציפעס פנים. ציפע הערט אויף צו וויינען, קוקט אויף אים און אויף זלאטען און גיט מיט א מאל א זעץ ארוים אין א קלאג, אין א יאמער, אז מאירקע כאפט צו די האנט און בלייבט אזא פארלארענער, אינגאנצן. ער בעט זיך ביי

זלאַטען, שטום, מיט די אויגן נאָר, אַז זי זאָל עפּעס טאָן, זאָל זי עפּעס טאָן. און זלאַטע קוקט אויף זיי, אויףביידן, אי אויף מאַירקען, אי אויף דער שוועסטער און זי האָט זיי ביידען אַזוי ליב, אַז זי וואָלט אַזש געקענט שטאַרבן. נאָר מאַירקען ווייזט זיך אויס, אַז איר איז גוט, אַז זי איז צופרידן און אַקאַרשט וואָס ער פרעגט ניט ביי איר:

— וואָס איז אַזוי מיט דיר די שמחה ?

נאָר ער זאָגט איר גאָר ניט, ער נעמט זיך נאָר צו פון זיי, פון ביידן, שלעפּט זיך דורך דעם הויף און גייט אַרויס אויף דער פרייער גאַס. די גאַס איז פּוסט, עס איז קיינער ניטאָ, און מאַיר־קע שטייט איינער אַליין, און איז אַזוי גאָר ניט, ווי אַט אַ יענער אַ שטיינדל, וואָס וואַלגערט זיך אויפן מיטן וועג.

איז דאָ אַ גאַט אויף דער וועלט ? אַ פערד, אַז אים פעלט עפּעס, אַז ער איז ניט צופרידן מיט עפּעס, הירזשעט ער, און אַ הונט, אַז אים איז ניט גוט, וואָיעט ער, און אַ קאַץ מיאַוקעט, אַלע, אפילו אַ מויז פּישטשעט.

און אַט אַז ער, מאַירקע, אַ מענטש, און אים איז אַזוי ניט גוט, אַזוי ניט גוט און ער קען גאָר ניט טאָן. הלואי וואָלט ער טאַקע געוועזן ווי אַ הונט, הלואי!

פון הויף דערטראָגט זיך נאָך ציפּעס געוויין און מאַירקע הערט און הערט און מורמלט:

— זאָל זי וויינען...

און אַט וועט ער זיך באַלד אַנבויגן, וועט אַננעמען אַ פולן הויפן מיט זאַמד, מיט ערד, און וועט עס איר אַריינשפּאַרן אין מויל אַריין, אין האַלדז אַריין, זאָל זי אויפהערן, זאָל זי פאַר־שטומט ווערן!

און ער וויל זיך שוין אַנבויגן, נאָר דאָ דערפילט ער פּלוצלונג אַז אימיצער איז לעבן אים, — ער דערשמעקט דעם ריח פון אַ מענטשן, און ער גיט זיך אַ כאַפּ, קוקט זיך אַרום, ערשט עס איז זלאַטע.

— זלאַטע ?

אַרום איז פינצטער, און זי גייט צו אים אין דער פינצטער

מיט אָפּגעהיטע טריט, טאַפּנדיק די ערד אונטער זיך. און זי האָט שוין אים דערזען און זי פרעגט:

— מאירקע, וואו ביסטו?

זי שטעלט זיך אָפּ ניט ווייט פון אים, וואַרט, און ער קוקט זי אָן, קוקט און לאַכט זיך ווילד פאַנאַנדער. זיין גלעכטער פאַלט אין דער ארומיקער, פאַרגליווערט־שווייגנדיקער לופט, ווי מען וואַלט מיט שטיינער געשליידערט אין אַ פאַרמאַכטן טויער, און זלאַטע ווערט אַ פאַרציטערטע, אַ צושראָקענע און ער אַליין, מאירקע, ער שטייט אויך אַ צונויפגעדרייטער, אַ צו־נויפגעקאָרטשעטער אונטער דעם אייגענעם געלעכטער. ביז ער גיט זיך אַ וואָרף אויף די קני, און כאַפּט גראָבן די ערד מיט זיינע נאַקעטע הענט.

— מאירקע?!

זי שרייט, זי בעט זיך, נאָר ער הערט זי ניט. ער גראָבט אויף גאַנצע הויפנס מיט זאַמד, מיט ערד, און שטופּט עס זיך אין מויל אַריין. — — —

XL.

זלאַטע האָט מורא וועגן דעם צו טראַכטן, האָט עס מורא ארויסצוברייגגען פאַר די ליפּן, נאָר זי ווייסט: מאירקע איז אַראָפּ פון זינען. ער האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגן, די גאַנצע זאַך, אַלץ מיט אַנאַנדער און ער איז משוגע געוואָרן. זלאַטען ווערט קאַלט אונטערן האַרצן און עס לאָזן זיך ביי איר אַראָפּ די הענט. זי קוקט אים נאָך, היט זיין יעדן ריר, זיין יעדן קער און איז ער טאַקע משוגע? זי פילט ווי עס שפּאַלט זיך איר דער מוח. אַזוי טוט ער דוכט זיך גאָרניט, ער גייט נאָר ארום דעם גאַנצן טאָג איבערן הויף אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, אָן אַ ברעקל אויפהער, ווי דער אומרו פון אַ זייגער און

אז מען שטעלט אים אמאל אפ און מען פרעגט ביי אים עפעס, ענטפערט ער, גראדע ווי עס באדארף צו זיין, נאר ער בעט זיך שטום, מיט אלע זיינע אברים, אז מען זאל אים ניט טשעפען. זיין בעטן זיך קען רירן א שטיין, קען ארויסנעמען די נשמה, און זלאטע קוקט אים דעמאלט נאך, טשעפעט אים שוין מער ניט און טראכט דערנאך לאנג, טראכט מיט א צוקלעמטער הארץ, אז אפשר איז ער טאקע גערעכט. ווען מען וואלט ביי איר געפרעגט אויפן ארט, וואס גערעכט, ווען גערעכט, וואלט זי ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, וואלט זיך געפלאנטערט אין די רייד, נאר ביי זיך, טיף ביי זיך ווייסט זי פארט, אז ער איז גערעכט.

שוין לאנג, אזוי דוכט זיך איר, אז זי איז פון די נאמערעס, און ווי גוט איז איר דארט געווען! א מענש דארף ליידן פאר זיינע זינד, דארף אפקומען, — אזוי, געדענקט זי, פלעגט שטענ־דיק זאגן די מאמע.

זלאטע קוקט זיך ארום אוואו זי האלט אין דער וועלט און מען קען טאקע משוגע ווערן, מען קען! אין דער גאנצער שטוב איז אזוי שטיל, און אלע זיינען אזוי ווי אויסגעשטארבן, ווי אין א קבר, ווי אויף א בית־עולם. שמואל ליגט די גאנצע טעג ביי זיך אין אלקער, ליגט אן אויסגעצויגענער אויף זיין בעטל און מען הערט אפילו ניט, אז דארט לעבט א מענש. וואס וויל ער נאך צו די צרות? זיינע וואסערן האבן זיך אויך אויסגעטריקנט?! און לייזער בער האט זיך פארשלאגן אין שפייכלער וואס אהינטערן שטאל, באווייזט זיך ניט אויף דער ווייסער וועלט, און אז ער קומט אמאל אריין נאך א שטיקל ברויט, נאך א טרונק וואסער, איז ער ווי א פאריאגטער הונט, ציטערט פאר איר שיין, און ציפע זיצט דעם גאנצן טאג, איז ווי א ליימענע, איז ווי א שטיק פלייש און אז מען זאגט איר, אז זי זאל צומאכן דעם פענצטער, עס איז שוין ניט זומער, פאלגט זי טאקע, מאכט טאקע צו דעם פענצטער, נאר זיצן זיצט זי ווייטער אט אזוי, אז זלאטע וויל צו איר צולויפן און א כאפ טאן זי פאר די האר:

—ווער האט דיך געגנויט? געטריבן? ווער האט דיך געלערנט? אפשר איך? אלץ איך?!

און נאָר יאַסקע איז אַנדערש, אָבער וואָס איז ער פאַר א מענש? ער איז גאָר קיין מענש ניט!

זלאַטע קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן און זי לויפט טאַקע צו צו דער שוועסטער. נאָר ציפּקע קערט אום צו איר דעם קאָפּ, קוקט זי אָן, און פרעגט — אינגאַנצן א רואיקע, אַזוי דוכט זיך זלאַטען:

— וואָס איז?

זלאַטע וואָלט אויך געקענט שפּילן די קאָמעדיע און ענטפערן איר אַז גאָרניט, גאָרניט! און זאָל פּלאַצן די גאַל, ביי אַלעמען, נאָר זי וויל בעסער א כאַפּ טאָן דעם מעסער און שרייען צו דער שוועסטער:

— נאַ, און שטעך מיר דורך די האַרץ!

זלאַטע האַלט דעם מעסער און זי ציטערט אַזש פון הנאה, אַז זי לאַכט זיך שיעור ניט פּאַנאַנדער, נאָר דאָ דערמאָנט זי זיך פּלוצלונג, ווי מאַירקע האָט געלאַכט, דעמאָלט, אויפן מיטן וועג, און זי ווערט א פאַרציטערטע. זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער באַנק, קוקט און ווייסט ניט ווער עס איז דאָ משוגע, צי זי, צי מאַירקע, צי גאָר אימיצער אַנדערש, און זי רעדט קלאָר אַרויס, צו זיך אַליין:

— זאָל מיך דערשלאָגן א דונער!

ציפּע הערט וואָס זלאַטע ווינטשט זיך, נאָר זי שווייגט, ציפּע, זי רופט זיך אַפילו ניט אָפּ. זי ווייסט דאָך, אַז זי איז אומגליקלאָך, אַז איר לעבן האָט שוין ניט קיין ווערט, אַז זי האָט שוין אַלץ פאַרשפּילט. דער מלאך־המות אירער איז געווען לייזער־בער, נאָר ער, ער, נאָר זי איז ניט אין כעס אויף אים. זי וויל אים נאָר זאָגן, זייער א נויטיקע זאַך אים זאָגן, און דערנאָך וועט איר שוין מער גאָרניט אַרן, זאָל מיט איר זיין, וואָס עס וויל. ציפּע לייגט זיך שלאָפן און שלאָפט באַלד איין, הונגעריק, געשמאַק, נאָר אַרום האַלבע נאַכט, שפּעט שוין אין דער נאַכט, כאַפּט זי זיך פּלוצלונג אויף מיט א געשריי:

— לייזער־בער!

זי שרייט ווילד, מיט א געשריי וואָס שטייט איר אין האַלדז

ווי א ביין און ווערגט זי, אז זי האט ניט קיין קול, און זי גיט צוריק א פאל אויף די קישנס, נאר זי קען שוין ניט שלאפן און זי ווארפט זיך שוין דערנאך, ווי אין א היץ, ביז אין רעכטן טאג אריין. עס דוכט זיך איר אלץ, אז מען האט זי פארלאזן, אלע, מען האט זי איבערגעלאזן און אז זי איז קראנק, זייער קראנק און אז זי וועט אויסגיין אט אזוי א, איינינקע אליין, וועט שטארבן.

צו דער סטאנציע פארט איצט נאר איין יאסקע און פארשווינען זיינען דא אזוי פיל, אז כאטש נעם און בינד זיי צו צו די רעדער, זעץ זיי זיך אוועק אויפן קאפ. יאסקע שילט מיט טויטע קללות, קיינעם ניט, נאר גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. און אז ער קומט דערנאך אהיים, שפאנט ער אוים די פערד און קומט אריין אין שטוב, אן אנגעהארעוועטער, א צורייצטער און שטייט צו צו זלאטען:

— וואס וועט זיין?

זלאטע וואלט עס גראדע אויך געוואלט וויסן, טאקע, וואס וועט זיין? נאר זי זאגט אים, אז ער זאל זיך אפטשעפען פון איר, וואס וויל ער, וואס? עס קלעקט איר גענוג אן אים אויך!

יאסקע הויבט זיך אויף, וויל אוועקגיין, נאר זלאטע האט נאר ניט דאס געמיינט, און זי גיט אים א כאפ אן פאר א האנט, זעצט אים צוריק אנידער לעבן זיך און הויבט זיך אן פאר אים צו קלאגן: וואס זאל זי טאן? זי וועט אויך אראפ פון זינען! אן אנדער ברירה האט זי סיידן? און פארוואס איז זי גאר אינגאנצן ניט געשטארבן קליינערהייט? פארוואס איז זי בעסער ניט אויסגערונען ביי דער מאמען אין בויך? זאל זי אפשר איינגעמען סם — וועמען וועט פון דעם גרינגער ווערן? פארוואס וויל מען איר טויט? זי וועט נאר אוועקגיין צוריק אין די נאמערעס, וועט מען וויסן! ניין, ניט דאס האט זי זיך פארגעשטעלט, ווען זי איז געגאנגען אהיים, ניט דאס, ניט אזוי...

זי טענהט לאנג און יאסקע הערט זי מיט הארץ, נאר ענטפערן איר עפעס, זאגן איר עפעס קען ער ניט. ער האט ניט וואס. מאירקע איז ניט זיין ברודער און זי איז ניט זיין שוועסטער און ציפע אליין איז אים אויך א פרעמדע, טא פאר וואס

דארף ער פון זיי ליידן, ווען ער וויל ניט? ווען ער וויל ניט!! און ער וועט זיי מאַקע איבערלאָזן, אַלעמען, און וועט אַוועקגיין פון דאַנען, אפריער פרעגט מען ביי אים ניט און דערנאָך דאַרף ער ליידן!

אַט אַזוי טראַכט ער ביי זיך, ווען זי קלאָגט זיך פאַר אים, און ער הערט שוין ניט, אַז זי רעדט נאָך. ער הויבט זיך שוין אויף, וויל אַרויסגיין פון שטוב, נאָר דאַ גייט ער דורך פאַרביי ציפּען און ער שטעלט זיך אָפּ, פאַרהאַלט זיך לעבן איר. ווען ער איז ווייט פון איר, ווען ער זעט זי ניט, ווען ער איז, למשל, אויפן וועג צו דער סטאַנציע, אָדער פון דער סטאַנציע, טראַכט ער וועגן איר, אַז זי איז שוין איצט די אמתע נקבה, די אמתע! זלאַטע מעג זי שוין מיטנעמען מיט זיך אין די נאַמערעס אַריין! נאָר, אַז ער איז לעבן איר, אַט אַזוי ווי איצט אַ, אַז ער קוקט אויף איר, אַז ער זעט זי, צוגייט אים די נשמה זיינע און ער וויל וואָס פאַרכאַפּן, וויל זי פאַרהיטן און ער וויל איר אַזש זאָגן, אַז ס'איז גאָר ניט, אַז עס מאַכט ניט און אַז אים אַרט אפילו ניט, עס איז גאָר ניט! ער האָט דאָך זי פריער אַזוי ליב געהאַט, קיינער אויף דער וועלט ווייסט ניט ווי אַזוי ער האָט זי ליב געהאַט! ער האָט זיך געבעטן ביי איר ווי ביי אַ גזלן, נאָר זי האָט ניט געוואָלט, זי האָט ניט געפאָלגט און איצט האָט זי זיך אַליין אומגליקליך געמאַכט, זיך אַליין און אַלעמען, אַלעמען!

ער לאָזט זיך אַראָפּ צו איר אויף דער באַנק און זי קוקט אים אָן, קוקט אַ לאַנגע ווײַלע און רעדט שטיל אַרויס:

— יאָסקע...

ער גיט אַ ציטער פון קאָפּ ביז די פיס, וויל זיך פאַנאַנדער־וויינען, און קוים וואָס ער ענטפערט איר:

— איך...

זי וויל אים נאָך עפּעס זאָגן, און ער איז איר אַזוי געטריי, אַזוי איבערגעבן, און אירע אויגן ווערן פאַרשטעלט מיט צוויי גאַנצע גלעזערנע טרערן. זי ציט ניט אויס צו אים קיין האַנט, די האַנט אירע ליגט טויטע, אַ פאַרגעסענע, און זיי זיצן זיך אַט אַזוי אַ, ווי עס זיצן אַמאָל אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, וואָס

האָבן זיך שטאַרק ליב און ווען עס איז ביידן ניט גוט. יאַסקע נעמט אַריין איר האַנט אין זיינער און דריקט זי אַזוי שטאַרק, די האַנט אירע, די פינגער, אַז עס הערט זיך אַזש ווי עס קנאַקן די ביינער, — פון איר האַנט, פון זיין האַנט. ער ווערט פול מיט ווייטיק, פול מיט הנאה, און זי לאָזט עס אים טאָן, עס איז איר גוט פון דעם — — —

XLI.

אַט אַזוי איז דורכגעקראָכן אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און עס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט שוין אַט אַזוי פאַר־בלייבן אויף שטענדיק. זלאַטע וויל זיך רייסן די האָר פון קאָפּ און שרייען, אַז זי קען עס שוין מער ניט אויסהאַלטן, זי קען ניט! פון שמואלס חדר גיסט זיך אַ בלייענע שטילקייט, פילט אָן די גאַנצע שטוב, און ציפּע צאַנקט ווי אַ ליכט, און מאַירקע איז אינגאַנצן אוים מענטש. אפשר איז ער יאָ משוגע און אפשר איז ער ניט משוגע, ווער קען אים וויסן? אַז מען זאָגט אים ער זאָל גיין עסן, גייט ער און עסט און אַז מען זאָגט אים ער זאָל גיין שלאָפן גייט ער און שלאָפט, אָבער קיין מענש איז ער ניט. ווי אַזוי קען מען עס איבערטראָגן? ניין, מען קען עס ניט איבערטראָגן! און זלאַטע פּלאָנטערט זיך טאַקע צווישן דעם, פּלאָנטערט זיך מיט אַן אַנגעבונדענעם שטיין אויפן האַלדז, און זי האָט זיי אַלעמען פיינט, אַלעמען! זי ביי זיך ווייסט דאָך, אַז איר איז אַ סך ערגער איידער זיי, זי האָט אַביסל גרעסערע צרות פון זיי, און פונדעסטוועגן? אַ מענטש דאַרף זיין אַ מינטש! נאָר צו ווען זאָל זי רעדן? פאַר וועמען זאָל זי טענהן?

עס איז נאַכט און עס איז שטיל, ווי אַן אַנגעווייקטע שמאַ־טע וויגט זיך די אַרומיקע פינסטערניש, זויגט אַרויס די נשמה, און זלאַטע ליגט אַ וואַכיקע, אַלע אירע אברים זיינען דין, נאַקעט, נאָר דער קאָפּ אירער איז שווער און גרויס, ווי אַ געשוואָלענער טאָפּ.

— ציפּע דו שלאָפסט?

ציפּע ציטערט אויף, ווי אַ סטרונע און עס געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע ביז וואַנען זי ענטפערט:

— יאָ, איך שלאָף...

ווי פליעקן פאַלן זייערע ווערטער און ווי פליעקן ווישן זיי זיך באַלד אָפּ אין דער אַרומיקער שטילקייט. די שטילקייט וויגט זיך און ציטערט אין דער לופטן, ווי אָנגעבונדן אויף אַ דינער שטריקל — אָט און עס וועט זיך אָפּרייסן און אַ פאַל טאָן מיט אַ קראַך.

זלאַטע ווייסט ניט וואָס נאָך זי זאָל פרעגן בײַ דער שוועסטער, וואָס נאָך זי זאָל צו איר ריידן, זאָגן, און עס ווערט איר נאָך שווערער אײדער פריער. אויפן האַרצן נאָגט, נאָגט אָן אָן אויפהער, ווי עס זויגט אַ פּיאַווקע, און דער מוח איז ווי אַ גרויסע שטיק בלאָטע — שוואַרץ, גלאַנציק און צעשוואָר־מען. —

אַך, ווי גוט איר איז געווען דאָרט, אין די נאָמערעס! זי פלעגט אָפט, אין די אָוונטן, אַרײַנגײן צום טעלעגראַפיסט, און פלעגט זיך בײַ אים אַנידערזעצן אין אַ ווינקל. דער טעלעגראַ־פיסט זיצט בײַם טיש, לייענט אַ בוך, און זי זעצט זיך אַנידער אָן אַ זייט און טוט גאָרניט.

— דו?

— יאָ...

עס פלאַטערט אויף אַ וואַרימקייט, לאָזט נאָך זיך איבער אַ לאַנגן אָטעם און עס ווערט ווייטער שטיל. דער לאָמפּ אויפן טיש ברענט מיט דעם זשומען פון אַ אומרואיקער פליג און בײַ זלאַטען רוט אָפּ די נשמה. זי קוקט אויפן טעלעגראַפיסט און עס דוכט זיך איר, אַז ער איז אירער אַ טאַטע און זי איז זײַנע אַ טאָכטער. ער איז אַ שיינער, מיט אַ ווייסער, גע־קרײַזלטער באָרד — עס פּאַסט אים טאַקע נאָר צו זײַן אַ טאַטע. און אָט לייגט ער אַוועק פאַר זיך דעם בוך, קוקט אויף איר און שמייכלט — אים איז אויך הפּנים גוט, וואָס זי איז איצט דאָ, לעבן אים. זי איז שוין לאַנג בײַ אים ניט געשלאָפן,

ניט געענטפערט, האָט ער זיך אומגעקוקט, ער האָט איר געזאָגט, אַ מאָל נאָך, לאַנג צוריק:
— מען דאַרף ניט.

זי האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, און ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ גרויסער, אַ שולדיקער און אַזאַ אומ־באַהאָלפענער. איבער זיין פאַרקרימטן מויל האָט זיך געצאַפּלט אַ שמייכל, אַז מען האָט ניט געוואוסט, צי ער לאַכט, צי ער וויינט. נאָר זלאַטע האָט ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס ער מיינט, און אַז זי האָט פאַרשטאַנען, איינגאַנצן, האָט זי זיך אַזוי פאַרשעמט פאַר אים, אַך, ווי זי האָט זיך געשעמט! ביז טיף אין די נעגל אַריין. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אויף דער רגע, ווי זי וואָלט פאַר אים געשטאַנען אַ נאַקעטע, איינגאַנצן נאַקעט, מיט איר נשמה, מיט אַלץ וואָס אין איר. זי האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט, האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך און זי האָט קוים אַרויסגעמורמלט:
— גוט...

ווי אַ שטיק בליי האָט עס זיך אַרויסגעריסן טיף פון איר און איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע ליפּן מיט אַ האַרטן קלונג. און דערנאָך האָט זי אָפּגעוויינט די גאַנצע נאַכט. די טרערן אירע האָבן זיך עפּעס אַליין פון זיך געגאָסן אַזוי גרינג, אַזוי ווייך, פון טיפן האַרצן אַרויס, האָבן געוואַשן די נשמה, ווי מען צוואַגט אויס אַ קאָפּ, און עס איז געווען אַ מחיה. און פון דעמאָלט אָן פלעגט זי אָפּט אַט־אַזוי אַריינקומען צום טעלעגראַפיסט, פלעגט זיך ביי אים אַנידערזעצן אין אַ ווינקל, האָט גאַרניט געטאָן, און עס האָט ביי איר אָפּגערוט די נשמה — — —
— ציפּע דו שלאָפסט?

ציפּע ענטפערט ניט, און זלאַטע קוקט אין דער פינצטער און די פינצטערניש וויגט זיך אַרום איר ווי אַ גרויסע, אַ לעבעדיקע שטיק טייג, וואָס איז געראַטן אַזוי אויפגעגאַנגען אויף הייוון. זלאַטע קוקט אַ פאַרשיכורטע צו דעם בעטל, אוואו ציפּע שלאָפט און טראַכט, אַז מאָרגן — זי וועט נעמען די שוועס־טער און זיי וועלן זיך ביידע אַנטאָן און וועלן ביידע אַוועקגיין אין די נאָמערעס. די בעסטע זאַך!

און זי גיט זיך מיטאמאָל אַ הויב אויף פון בעט, קומט אַריין אין קיך און צינדט אָן דעם לאָמפּ. עס ווערט ליכטיק — שרייאיק, רוישיק, און זלאַטע דערזעט פּלוצלונג אַז אַרום איר איז אַזוי פּוסט, אַזוי פּוסט... זי ווערט אַ פאַרלאָרענע, אַ צע־טומלטע, ווייסט ניט וואָס עס וועט איצט זיין מיט איר. און זי הערט זיך צו צו זי וויינט, נאָר זי הערט גאָר ניט און זי וואונ־דערט זיך: פאַרוואָס וויינט זי ניט?

עפּעס רירט אָן איר פּנים, גיט ווייך אַ קיצל, און זי הויבט אויף אַ האַנט, גיט זיך אַ וויש די באַקן, און די האַנט אירע האָט צעקוועטשט אַ טרער.

נאָר אָט דערהערן זיך טריט, קאַלטע, באָרוועסע, און זלאַטע קומט מיטאמאָל צו זיך און דערפילט, אַז זי חלשט. מאַירקע שלאָפט די לעצטע צייט אין איין אַלקער מיט שמואלן און די טיר פון זייער אַלקער איז אַביסנקע אָפן, און איצט, אַז זלאַטע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט זיך אַ גרויסער פלעק ליכ־טיקייט אַריינגעגליטשט צו זיי אין חדר אַריין, האָט זיך פאַרטשע־פּעט אָן אַ פוס פון מאַירקעס בעטל און איז געבליבן קוקן מאַירקען גלייך אין פּנים אַריין. מאַירקע האָט עס דערפילט, האָט געעפנט די אויגן, האָט זיי צוריק פאַרמאַכט, נאָר איינליגן ווייטער האָט ער שוין מער ניט געקענט. און ער איז אַראָפּ פון בעט און איז אַריינגעקומען אין קיך. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זלאַ־טען, און זיינע באָרוועסע טריט האָבן געקלאַפּט ווי טרוקענע ביינער, און זלאַטע האָט אים שטאַרק געוואָלט רופן צו זיך:

— מאַירקע... מאַירקע!...

נאָר זי האָט אַליין געהערט אַז עס הערט זיך ניט איר קול, און דאָס מאַכן מיט די ליפּן האָט איר אַזוי וויי געטאָן, אַז זי האָט דאָס אויך אויפגעהערט. און מאַירקע איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך אַנידערגעזעצט פּונקט אַנטקעגן איר, פּונקט אַנטקעגן זלאַטען. זלאַטען איז וואָרעם געוואָרן אונטערן האַרצן, וואָרעם און גוט אַזוי אין אַלע אבֿרים, און מאַירקע איז זיך גע־זעסן אַ בלייכער און אַ רואיקער, זייער אַ רואיקער.

— קענסט ניט שלאָפן, האַ?

די ווערטער וואָס ער זאָגט קומען צובראָכענע אַרויס פון זיין פאַרזשאַווערטער האַלדז, און די אויגן זיינע האַלט ער נאָך אַלץ אויף איר, רואיקע און קאַלטע אויגן, ווי טויטע שערבלאַך, און זלאַטע שטייט פאַר אים אַ פאַרגליווערטע פון שרעק. זי פילט ווי עס הויבט זיך ביי איר דער מוח און זי וואַרט נאָר אַז עס זאָל שוין אויף איר אָנקומען דער טויט.

עס איז נאַכט און עס איז שטיל, און אין דער שטילקייט הערט זיך, ווי עס קלאַפּט אַ האַרץ ווי דאָס זעצן פון אַ טויבן האַמער אין אַ פּוסטקייט. אַז ביי יעדן קלאַפּ אַזאַ, ווילט זיך אויפשרייען:

— אוי!

נאָר קיינער שרייט ניט אויף און עס איז שטיל און אין דער שטילקייט טראָגט זיך וואָס אַרום פאַרבלאָנדזשעט, ווי דאָס פאַרגיין זיך פון אַ קנאַקעדיקער בייטש.

ערגעץ, ווייט און פרעמד פון דאַנען, אויף אַ פרייען וועג, ברעכט זיך שוין דער פאַרטאָג און עס הערט זיך פון דאָרט ווי עס פאָרט אַ פאַיעטאָן. דער פאַיעטאָן ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער, ביז ער קייקלט זיך באַלד אַריין אין הויף, פריילאַך, ראַשיק, און זלאַטע כאַפּט זיך אָן דעם אָן מיט אירע ביידע הענט, און זי שרייט מיט אַלע אירע כוחות, ווי זי וואָלט זיך אַליין געוואָלט אויפוועקן, זיך אַליין אין וואָס איינריידן:

— מאַירקע! מאַירקע!

שטענדיק, אַז יאַסקע קומט פון דער סטאַנציע, שפּאַנט ער אָפּריער אויס די פערד, פירט זיי אַריין אין שטאַל און ערשט דערנאָך קומט ער אַליין אַריין אין שטוב. נאָר היינט, אַז ער דערזעט, אַז אין קיך ברענט דער לאָמפּ, עס איז ליכטיק, לאָזט ער איבער די פערד, קומט אויף גיך אַריין אין שטוב, און פרעגט:

— וואָס איז שוין?

מאַירקע זיצט אַנטקעגן זלאַטען און זלאַטע זיצט אַנטקעגן מאַירקען און ביידע זיינען זיי נאַקעטע, באָרוועסע. זלאַטע איז אין איין העמד, און אירע ברוסטן, פולע, קיילאַכיקע, שיינען אַזוי פאַרן לאָמפּ, אַז עס פאַרכאַפּט און גיט אַ צופּ פאַר דער נשמה. אַז יאַסקע

פאַרגעסט זיך, קוקט אויף די ברוסטן, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך וואָס ער טוט, און ער ווערט ווי אַן אָפּגעגאָסענער מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. עס הויבן ביי אים אָן צו ציטערן די הענט מיט די פיס, נאָר ער שטאַרקט זיך, גיט זיך ניט אונטער, וויל אַפילו מאַכן אַ גלייכווערטל, אַ גאַרניט, פון אַליין, און ער נעמט אַראָפּ פון זיך דעם קאַפּטן און וואַרפט עס אַרויף אויף זלאַטען, אויף אירע נאַקעטע אַקסלען. זלאַטע קוקט אים אָן, דערפילט, אַז ער, יאַסקע, איז אַקאַרשט געקומען פון דרויסן, אַז ער איז אַ פרישער, און זי שווידערט זיך אויף פון קעלט מיט איר איינענעם לייב, פון קאָפּ ביז די פיס, און נעמט זיך טוליען אין זיין קאַפּטן. ביי מאַירקען גיט זיך מיטאַמאָל אַ קרים אויס דאָס גאַנצע פּנים זיינס, ווי ער וואָלט פּלוצלונג, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, דערזען פאַר זיך אַ שאַרפן מעסער, און ער זאָגט דערביי עפּעס, נאָר קיינער הערט ניט וואָס.

און יאַסקע נעמט אַ ביינקל און זעצט זיך אויך אַנידער צום טיש, אַזוי ווי זיי, און אינאיינעם מיט זיי — אים איז דאָך אויך ניט גוט.

XLII.

זיי זיצן לאַנג אָט אַזוי און זיי איז קיינעם ניט איבעריג, ניט שווער, ניט דאָס זיצן, און ניט דאָס שוויַיגן, ביז ערגעץ ווייט אויף אַ בוידעם צעקרייעט זיך באַלד אַ האָן, און שווער און אָנגעזאָפּט ווי אַ וואָלקן, לאָזט זיך מיטאַמאָל אַראָפּ דער פרימאָרגן, ברעכט זיך אויף, פון העלער הויט, מיט דעם טויטן גלאַנץ פון בלער. זלאַטע הייצט איין דעם אויוון, שטעלט אויף דעם סאַמאָוואַר און נעמט זיך צוגרייטן דעם וואַרמעס. נאָר די הענט זיינען ביי איר היינט ווי ליימענע, קלעפּן זיך עפּעס ניט צו די טעפּ, און אַליין איז זי אַזאַ שווערע, אַן אָנגעלאָ־

דענע, ווי מען וואַלט זי פול אַנגעפילט מיט וואַסער און ענג פאַרשטאָפּט פון אויבן. עס ציט זי רק צום זיצן. אָדער גאָר אַריינצולייגן זיך אין בעט אַריין און זאָגן, אַז זי איז קראַנק. אַז זי איז זייער קראַנק.

דאָס טרוקענע האַלץ אין אויוון ברענט פריילאַך, מיט אַ קנאַק, ווי אונטערגעטאַנצט, און די גאַנצע שטוב איז איינגע־קלאַמערט אין אַ שטילקייט, אַז מען קען ניט ריידן הויך אויפן קול, מען קען אפילו הויך ניט אָטעמען.

ציפּע זיצט זיך אין אַ ווינקל, ניט ווייט פון פענצטער, אַזוי ווי שטענדיק, נאָר פּאָר זלאַטען קוקט זי עפּעס אויס, ווי אַ שאָטן, און ווי אַ שאָטן איז מאַירקע, און ווי אַ שאָטן איז יאַסקע, אַלע און אַלץ אין שטוב, און זלאַטע וויל זיי אַרומ־קלייבן אַרום זיך, אַלעמען, אַרומקלייבן און צוטוליען. זיי זיינען אירע אייגענע, אירע טייערע.

נאָר איבער דער קיך צעטראָגט זיך באַלד דער זיסלאַך־קיצלדיקער ריח פון פאַרברענטע פלייש, און זלאַטע גיט זיך אַ וואָרף, כאַפּט אַרויס דעם טאָפּ פון אויוון, — ערשט עס איז שוין נאָך אַלעמען. דאָס וואַסער אין טאָפּ איז שוין אינגאַנצן אויסגעלאָפן און די פלייש איז פאַרברענט ווי אויף קויל. זלאַטע קוקט אויף דעם, קוקט לאַנג, און דאָס איז דאָך שוין דער סוף פון אַלץ. — ציפּע! מאַירקע! יאַסקע! — זי רופט זיי ביי די נעמען, אַזוי ווייזט זיך איר אויס, נאָר זיי גייען קיינער צו איר ניט צו, און זי איז איינע אַליין. זי מאַכט צו די אויגן, וויל זיך באַהאַלטן, און זי זוכט זיך אין דער פוסטקייט, וואָס שווימט אַרום איר. נאָר זי קען זיך ניט געפינען, זי איז ניטאָ. עס פאַלט איר איין, אַז זי חלשט, אַז זי שטאַרבט — — — גוואַלד! נאָר עס דוכט זיך איר נאָר אויס, אַז אימיצער רופט זי, רופט זי שטאַרק:

— זלאַטע! זלאַטע!

זי עפנט די אויגן, ווי פון אַ קראַנקן שלאָף, און קוקט זיך אַרום. דער לאָמפּ שטייט אויפן טיש, און ציפּע זיצט אין איר ווינקל, און מאַירקע מיט יאַסקען האַלטן זיך אַן אַ זייט. זיי טרינ־קען זיך אַלע מיט איר אינאיינעם, גייען אויס, נאָר זלאַטע וויל ניט שטאַרבן, זי וויל ניט! און זי ציט אויס אירע ביידע הענט, נעמט

אריין דעם פארברענטן טאפ און גיט אים א שליידער צו ציפען, גלייך איר אין קאפ אריין.

— שליוכע! אומגליק!

ציפע שפרינגט אויף פון ארט, און זלאטע גייט שוין אויף איר א גרויסע און א שווערע, ווי א וואנט. ביי ציפען ווערן אפגענומען די הענט מיט די פיס. און די אויסגעשרייען אירע זיינען ווי פון א האלדז, וואס ווערגט זיך, און זלאטע רייסט פון איר שטיקער פלייש, שלאגט זי ביטער און קאלט. אין שטוב בלייבן אלע פארשטיינערטע, מען קוקט מיט גלעזערנע אויגן. ציפע שרייט שוין נים, גוואלדעוועט שוין נים, אז מען זאל זי ראטעווען, זי האט אויפגעהערט, איז זיך פארגאנגען, נאר דאס אויפהערן אירם גיט ווי מיט א בייטש א שמיץ יאסקען איבערן לייב און ער כאפט זיך גלייך צו זיי, צו ציפען, און נעמט זי רייסן פון זלאטעס הענט. זלאטע לאזט זי אפ, שטייט נאך א רגע און אירע פאנאנדערגענומענע הענט ציטערן, ציטערן, ווי דינע צווייגן, דערנאך קערט זי זיך אפ פון זיי, פון אלעמען און לאזט זיך ערגעץ גיין. זי גייט לאנג, זייער לאנג, איבער דער אויסגעבעטער שטילקייט גייט מיט אירע שווערע און בלינדע פיס, ביז איינע א קני אירע שטויסט זיך אן עפעס אן. זי פארשטייט אז דאס איז שוין די בעט און זי לייגט זיך אריין. ציט זיך אוים און גיט שטיל א קרעכטשע. מאירקע שטייט אליין, באזונדער, און יאסקע טאנצט ארום ציפען. גלעט זי און בעט זיך ביי איר, ביז ציפע וויינט שרייאיק אויף, מיט א געבראכענעם אטעם. יאסקע דערפרייט זיך מיט דעם, אז ער נעמט זי פאמעלאך ארום און פירט זי פאמעלאך און שטיל ארוים פון שטוב, און אין קיך בלייבט נאר איין מאירקע. ער שטייט א בלייכער, א רואיקער, ווי ער איז געשטאנען די גאנצע צייט און ער קוקט אויף זלאטען. זלאטע עפנט די אויגן, רופט אים צו זיך, נאר ער רירט זיך ניט פון ארט. ער קוקט צו איר א רואיקער און פרעגט ביי איר רואיק:

— האסט אויסגעפירט, הא? באגראב זיך א לעבעדיקע!

זלאטע וויל אים עפעס ווארפן אין קאפ אריין, וויל זיך ביי אים בעטן, אז ער זאל זי שוין דערהרגענען, איין מאל פאר

אַלע מאָל, נאָר עס קלעפּן זיך איר די אויגן. און דער צונג אירער איז ווי אַ גרויסע, אַ לויזע שטיק טייג. זי פּילט ווי זי שלאָפט איין, ווי זי זינקט אין אַ ווייכער, אַ וואַרימער בלאָטע, און עס דוכט זיך איר, אַז זי איז גליקלאַך. נאָר זי וועט נאָך, פאַרן איינשלאָפן, ווי מאַירקע נעמט אַ ביינקל, ווי ער זעצט זיך אַנידער פּונקט אַנטקעגן איר, און זי וויל שרייען גוואַלד!

XLIII.

און מאַירקע איז לאַנג געזעסן לעבן זלאַטען, האָט אַלץ געקוקט אויף איר ווי זי שלאָפט, און ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר, אויף איר און אויף אַלעמען — ער איז געווען אַ גוטער. זיין מוח איז געווען קלאָר, גרינג, האָט זיך געשליינגלט ווי אַ דינער, אַ בלויער רויך און די הויט אויף זיין לייב איז געווען אַזוי דין, אַז עס האָט אים וויי געטאָן פון יעדן ריר, פון יעדן ציטער. ער האָט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל צו אים צוגיין, זאָל צו אים רעדן, און ער האָט זיך צום סוף אויפגעהויבן און איז שטיל אַרויס פון שטוב.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, און פּאַמעלאַך און ווי דורך אַ זיפּ האָט זיך וואָס געזיפּט אין דער לופטן, האָט פאַרשלייערט אַלץ אַרום, און אַלץ אַרום האָט אויסגעזען אי אמתדיק, אי ניט אמתדיק, ווי אין אַ חלום. מען איז אַקאַרשט אוועקגעפאָרן צו דער סטאַנציע, און דער גאַנצער הויף איז געווען אַ ליידיקער, אַ פּוסטער. דער אַלטער הונט האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעדרייט איבערן הויף, האָט קרום געקוקט אויף אַ זייטיקן שאָטן, ביז ער האָט זיך אויך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל און האָט זיך דאָרט איינגעלייגט אויפן בויך. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ בורטשע געטאָן, דער הונט, ניט אַזוי פון בייזקייט, ווי פון אַלטקייט, און דערנאָך איז ער שוין געבליבן איינגאַנצן ווי ניט קיין לעבעדיקער.

ווי געמאכט פון אלטע האלץ, אז ער האט קוים אויסגעזען ווי א הונט. מאירקע האט איינגעגראבן די הענט אין די הויזן־קעשענעס, האט אויף גאר ניט געקוקט און האט זיך צו גאר ניט צוגעהערט. דער הימל איז געווען ריין, בלוי, וואו ניט וואו האט דעם הימל דורגעשטאכן א שטערנדל, ווי א שפיל־קע מיטן קעפל אראפ, און די זון א נידעריקע איז געווארן אלץ רויטער און רויטער. מאירקע האט געקוקט אויף דער זון, און פון זיין נשמה האבן זיך געריסן טרערן, ווי טראפנס בלוט. ער האט עס ניט געקענט אריבערטראגן, און ער האט זיך אפגעקלעפט פון דער זון און איז אריינגעקומען אין שטאל. נאר אין שטאל איז געווען פוסט, אפגעלאזן און עס האט געשמעקט מיט קעלער. אן א זייט איז געשטאנען דער קראנקער פערד, און מאירקע איז צוגעגאנגען צום פערד און האט אים א גלעט געטאן. דער פערד האט אים אנגעקוקט קאלט, פרעמד און איז זיך ווייטער געבליבן שטיין א קראנקער, אזוי ווי פריער. מאירקען האט ניט פארדראסן, וואס דער פערד איז אט אזוי א צו אים, נאר בלייבן דא לענגער האט ער שוין מער ניט גע־קענט, און ער איז ארויס פון שטאל און האט זיך אפגעשטעלט פארן טויער.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער, עס האט זיך שוין גע־וויקלט די נאכט. מאירקע האט ניט געהאט וואס צו טאן, וואוהין צו גיין, און ער איז לאנג געשטאנען ביים טויער פון שטאל, ביז ער האט מיטאמאל דערפילט, אז אימיצער שארט זיך ניט ווייט פון אים. ער האט זיך א כאפ געטאן, האט זיך אויף גיך אומגעקוקט, ערשט עס איז — לייזער־בער!

אויף לייזער־בערן האבן אלע פארגעסן, די גאנצע צייט, פון זינט זלאטע איז געקומען אהיים. ער האט קיינעם ניט גע־פעלט, קיינער האט אים ניט באדארפט, און ער איז די גאנצע צייט געלעגן א פארשלאגענער אין דעם ענגן שפייכלער, וואס ביים שטאל, און האט אלץ געווארט, אז אט קומט מען, אט פאלט מען אויף אים אן, און אט נעמט מען אים שלאגן. ער האט זיך ניט געשראקן, האט פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט, נאר אז זלאטע וועט צוגיין צו אים און וועט אויף

אים אַ קוק טאָן, זי וועט אים נאָר אָנקוקן און ער וועט גלייך אַנידערפאַלן אַ טויטער! לייזער־בער בייסט זיך די ליפּן, קנייפּט זיך די הענט, רייסט פון זיך שטיקער, און וויינט ווי אַ קינד. נאָר קיינער איז נאָך צו אים ניט אַריינגעקומען, קיינער איז נאָך אויף אים ניט אָנגעפאַלן, און די טעג זיינען געווען גאַנצע און הארטע, ווי אויסגעגאָסן פון בליי. לייזער־בער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז — פאַר וואָס טשעפּעט מען אים ניט? און ער האָט ווייטער געוואַרט. האָט געוואַרט שוין אַן איינגעעקשנטער, שוין אַ פאַרביטערטער. ער הערט יעדן טאָג, ווי מען קלייבט זיך צו דער סטאַנציע, און עס נעמט שטאַרקער קלאַפּן אין אים דאָס האַרץ. אָט אָט באַלד, אָט באַלד וועט מען קומען, מען וועט אָנפאַלן. נאָר אָט זיינען שוין איינגעשפּאַנט די פערד, און אָט פאָרט מען זיך שוין שטיל און רואיק אַרויס פון הויף. לייזער־בער גיט זיך אַ ריס, וויל אַרויסלויפן פון שטאַל, וויל שרייען צו זיי, וויל אויסזאָגן אויף זיך —

נאָר דער הויף איז שוין אַ פּוסטער, אַ ליידיקער, און לייזער־בער בלייבט ווידער אַליין. עס ברעכט זיך טרוקן אין אים די נשמה זיינע, ווי אַ ליידיקע כלי. נאָר ער וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט זיי, מיט אַלעמען! נאָר זיי זיינען ניטאָ, און ער ליגט אַן אויסגעצויגענער אויף די היי, אַ גרויסער, אַ שווערער, און איז זיך אַליין איבעריק. אין הויף קלינגט נאָך די פּוסטקייט, אַ צעשאָסענע אין שטיקלאַך, און פּאַמעלאַך און ענג און פון אַלע זייטן לאָזט זיך אַראָפּ דער פאַרנאַכט, ווי אַ געוועב אַזאַ, ווי אַ פאַרהאַנג אַזאַ. עס ווערט פינצטער, עס גייט אויף די לבנה און לייזער־בער הערט זיך שטאַרק צו, און דערנאָך שאַרט ער זיך אַרויס פון שפּייכלער, פון זיין באַהעלטעניש. ער בלייבט שטיין פאַרן שטאַל און די ערשטע עטלאַכע מינוט שלינגט ער די לופט מיט גרויסע שטיקער, ווי אַ הונגעריקער. ער האָט פון דעם הנאה, שטאַרק, מיטן גאַנצן לייב, און ער נעמט זיך אַרומשאַרן איבערן הויף. ער באַטאַפּט אַלץ מיט די הענט, רירט אָן מיט די שפּיץ פינגער, באַקוקט אַלץ. אַלץ איז דאָ אים אַזוי ליב, אַזוי טייער, און ער דאַרף זיין אָט אַזוי. ער איז ווי אַ הונט.

ער זעט ווי ציפּע זיצט ביים פענצטער און ער וויל זי רופן, ניט צו זיך, נאָר גלאַט אַזוי, אַרויסברייננגען איר נאָמען.

לייזער־בער האָט זיך איצט אַזוי פּלוצלונג אַנגעשטויסן אָן מאירקען, און מאירקע האָט אַזוי פּלוצלונג דערזען פאַר זיך לייזער־בערן, אַז זיי בלייבן ביידע שטיין, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און זיי קוקן זיך ביידע אָן. לייזער־בער וויל אַנטלויפן, און מיט זיין נאַקעטן לייב שמעקט ער די ענגע פּוסט־קייט וואָס רינגלט אים אַרום, ווי אַ שטיינערנע וואַנט, און מאירקע שטייט אים אַנטקעגן, פאַרשטעלט אים ניט דעם וועג, נאָר שטייט זיך גלאַט אַזוי.

לייזער־בער שטייט אינווייניק אין שטאַל, און מאירקע שטייט אין דרויסן און צווישן זיי, בא זייערע פיס, ליגט דער הויכער שוועל פון שטאַל. לייזער־בער וואַרט, וואַרט לאַנג, און מאירקע הויבט טאַקע צום סוף אויף אַ פוס, שפּאַנט אַריבער דעם שוועל און קומט אויך אַריין אינעווייניק. לייזער־בער רוקט זיך אַביסינקע אָפּ פון אים, און מאירקע זאָגט שטיל, פאַרבאָרגן, ווי ער וואָלט געזוכט אַז וואָס ער זאָל זיך אַנכאַפּן:

— לייזער־בער, וואָס טוטסטו?...

ניט ווייט פון זיי וואַלגערט זיך אַן איבערגעקערטערביינקל, און מאירקע גייט צו, מאַכט צורעכט דעם ביינקל און זעצט זיך אַנידער. עס איז שטיל צווישן זיי, די שטילקייט האַלט זיך אויף אַ האָר, ווי אַ שטיין וואָס ליגט אויף אַ ברעג — אָט און עס וועט זיך אָפּרייסן, וועט זיך אַראָפּקייקלען מיט אַ טראַך. לייזער־בערן איז גוט, זייער גוט, מאירקע וועט זיך באַלד אַ נעם טאָן צו אים, וועט אים שלאָגן, נאָר מאירקע קוקט גאָר צום קראַנקן פערד און זאָגט, גלאַט אַזוי זיך:

— ער וועט פּגר'ן... אַ רחמנות!

הויך איבער זייערע קעפּ, אויף אַ באַלקן, הייננגט אַן אָנ־געצונדענע לאַמטערנע. די לאַמטערנע איז שטאַרק פאַררויכערט. און זי וויגט זיך פּאַמעלאַך, אַליין פון זיך, און אין שטאַל איז פול מיט שאָטנס און די שאָטנס ציטערן, שווידערן, ווי פון קעלט. לייזער־בער איז פול מיט כח, דער כח זיינער שטראָמט אין אים, אַז עס גיסט זיך אַזש אַריבער, רינט פון אים אַרויס.

און מאירקע קוקט שוין ניט אפילו אויפן פערד אויך ניט, נאר אין א ווײַלע אַרום זאָגט ער נאָכאַמאָל, אַזוי ווי פריער:

— ער וועט פגרן...

מאירקען אַרט ניט דער פערד, ניט דאָס אַרט אים, נאָר לייזער־בער ענטפערט אים שוין — אויף צו להכעיס:

— ניין, ער וועט ניט פגרן!

— וואָס?

— ער וועט ניט פגרן!

לייזער־בער שרײַט מיט נאַקעטע ציין ווי אַ חיה, און מאירקע קוקט צו אים אַרויף און האָט אים ליב, אַזוי שטאַרק ליב:

— אפשר ניט... פון וואַנען ווייסטו?

לייזער־בער גיט זיך אַרים, ער זוכט אַ פלאָקן, אַ שטיק אײַזן, ער וויל דערהרגענען דעם פערד, נאָר דאָ צעטראָגט זיך מיט אַמאָל איבערן גאַנצן הויף:

— מאירקע!

לייזער־בער בלײַבט אַ באַנומענער אויפן אָרט, אַ געפּענ־טעטער, ווי מען וואָלט אויף אים פּלוצלונג אַרויפגעוואָרפן אַ שטריק, און מאירקע זיצט זיך ווײַטער אַזוי, ווי ניט אים מיינט מען דאָס און איבערן הויף צעטראָגט זיך באַלד נאָך אַמאָל:

— מאירקע!

מאירקע הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט, און פאַרלירט שווער, ווי פון שלאָף:

— זי...

זלאַטע איז לאַנג געשלאָפן, דעם גאַנצן אויפדערנאַכט, ווי מיט אַ שטיין צוקאָפּנס, און ווען זי האָט זיך צום סוף אויפ־געכאַפּט, ווי פון אַ געשריי, ווי פון אַ געוואַלד, איז אַרום איר געווען פינצטער און ליידיק. עס איז איר וואַרעם געווען אונטערן האַרצן, וואַרעם אין אַלע אבֿרים, און עס איז איר פאַרגעקומען אַט ווי זי וואָלט עס אָקאָרשט אויפגעשטאַנען פון אַ קריינק. זי איז טאַקע קראַנק געווען, שטאַרק קראַנק, נאָר זי איז שוין אַרי־בערגעקומען, געזונט געוואָרן. זי איז נאָך אַ ווײַלע געלעגן אין

בעט, גלאַט אַזוי זיך, פון וואוילטאָג וועגן, זי פאַרגינט זיך, און דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. אין שטוב איז קיינער ניט געווען, און אין דער גאַנצער שטוב איז געווען שטיל און פּאַמעלאַך. אַנטקעגן נאָר, אונטער דער באַנק, האָבן זיך געוואַל־גערט אַ פּאָר שערבלאַך פון דעם טאָפּ, וואָס זי האָט געוואָרפן ציפּען אין קאָפּ אַריין, און אַ פאַרברענט שטיקל פלייש. זלאַטע האָט זיך געוואָלט אָנבויגן און אויפהויבן די שערבלאַך, נאָר זי איז גאָר אויף גיך אַרוים פון שטוב און האָט גענומען רופן צו זיך מאַירקען. זי האָט זיך גלייך געלאָזט גיין צום שטאַל, און מאַירקע מיט לייזער־בערן האָבן געהערט אירע טריט, און אַט איז זי שוין צוגעקומען צום שטאַל, האָט איבערגעטראַכטן דעם שוועל און איז אַריינגעקומען אינעווייניק. זי האָט זיי געזוכט אַ רגע און האָט זיי באַלד געפונען — ביידן, אי מאַירקען, אי לייזער־בערן. אין שטאַל איז מיטאַמאָל געוואָרן ענג, און מאַירקע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, איז געבליבן שטיין צווישן איר און לייזער־בערן, נאָר ער האָט זיך באַלד אָפּגעקלעפּט פון אים און האָט זיך געלאָזט גיין נאָך זלאַטען. זלאַטע איז געגאַנגען אָפריער, פון שטאַל אַוועק, און מאַירקע איז איר נאָכגעגאַנגען, טראַט ביי טראַט, טראַט נאָך טראַט. לייזער־בער האָט דערזען, אַז ער בלייבט דאָ אַליין, אַז זיי לאָזן אים איבער, אויף שטענדיק, און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן נאָך זיי, אַז ער האָט אַזש מיט־געשלעפּט מיט זיך די שטאַל. זלאַטע מיט מאַירקען זיינען שוין געווען אויפן מיטן הויף, און מאַירקע האָט זיך אָפּגע־שטעלט, אין מיטן דערינען, האָט זיך אומגעקוקט צו דער שטאַל, און האָט זיך צו וואָס צוגעהערט, ווי צו אַ ווייטן, צו אַ שטומען געוויין, נאָר זלאַטע האָט אים אויף גיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און האָט אים שטיל געזאָגט:

— קום!

מאַירקע האָט געפאָלגט, איז איר ווייטער נאָכגעגאַנגען, נאָר צו זיך אַליין האָט ער שטיל געמורמלט:

— אַ רחמנות...

און אין שטוב, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען, איז געווען

ליכטיק און שטיל. מאירקען האט ארומגענומען א ווארימקייט. א נאענטקייט, אז כאטש נעם און שפאר צו דעם קאפ, און זלאטע האט זיך גלייך געגומען אויסטאן. עס איז שוין נאכט, און באנאכט דארף מען שלאפן! און א רואיקע, און מיט צוויי רואיקע הענט האט זי אראפגענומען פון זיך דאס קאפטל, דאס קליידל, האט א שיין געטאן פאר מאירקען מיט איר נאקעטן, קיילעכדיקן לייב, און האט זיך ארייגגעלייגט אין בעט. מאירקע איז צעטומלט געווארן, האט געהאלטן פארריסן דעם קאפ, און זלאטע האט צוגעמאכט די אויגן, און א וואכיקע אינגאנצן, פון די נעגל אויף די פיס ביז די האר אויפן קאפ, האט זי זיך צוגעהערט צו יעדן טראט. צו זיין יעדן קער און ריר. נאר מאירקע איז שוין געזעסן ביים טיש, און האט שווער געטראכט, שווער ווי א שטיין און מיט א בייסיקער חרטה: — פאסקודנע!

זלאטע האט זיך אפריער נאר געמאכט, אז זי שלאפט. נאר ביסלאכווייז איז זי טאקע באלד איינגעשלאפן, אויף צו דער אמתן, נאך אזא לאנגן טאג וואס זי האט היינט געהאט. עס איז שוין געווען גאנץ שפעט אין דער נאכט, און מאירקע האט געוואוסט, אז עס איז שפעט, און אז ער דארף פארלעשן דעם לאמפ, דארף זיך לייגן שלאפן. נאר אין לאמפ איז וויי־ניק נאפט געווען, ער וועט באלד אליין אויסגיין, וועט זיך באלד אליין אויסלעשן. און מאירקע האט זיך איינגעגעסן אינם לאמפ און האט געווארט. עס איז אים גוט געווען פון דעם, נאר זלאטע האט זיך באלד איבערגעווארפן אין שלאף, און מאירקע האט א כאפ גע־טאן אויף דער גיך און האט פארלאשן דעם לאמפ.

XLIV.

זלאטע איז גוט געשלאפן די נאכט. זי איז שוין לאנג אזוי גוט ניט געשלאפן, און ווען זי איז אויפגעשטאנען אויף מארגן, פרי אויפן טאג, איז זי געווען א געזונטע. אז אויסגערוטע,

מיט א רואיקן פנים און מיט צוויי קלארע, ריינע אויגן. זי האט זיך איינגעוואשן מיט קאלטע וואסער, האט דערביי הנאהדיק געציטערט מיט איר גאנצן לייב, ווי א חיה אין פעלד פון דעם פרישן פרימארגן טוי אנהויב ווינטער, דערנאך האט זי זיך מיט אירע צוויי מיידלשע הענט פארקאמט אירע מיידלשע האר, און א צוגעקליבענע, אן אויפגעראמטע איז זי מיט אמאל געווארן די באלעבאסטע פון שטוב, פונקט ווי אמאל, נאר אמאל, איידער עס איז קאליע געווארן זייער לעבן. זלאטע איז א קלוגע, מיט איר נשמה, אין איר בלוט, און איצט ווייסט זי שוין, נים טראכטנדיק אפילו וועגן דעם, אז אפריער פון אלץ מוז מען פטור ווערן פון דער צרה, מען מוז נעמען ציפען און מען מוז זי חתונה מאכן! און דערנאך — זלאטע ווייסט ביי זיך, אז זי וועט שוין אויספירן.

יאסקע איז געשטאנען אין הויף ביים ברונעז, האט גע־געבן טרינקען די פערד, דער ברונען איז פונקט אנטקעגן פענצטער, און שמואל איז נאך געשלאפן הפנים, מען האט אים אין ערגעץ נים געזען. אז ציפע קען אויך חתונה האבן מיט לייזער־בערן האט זלאטע אפילו נים א טראכט געטאן, עס איז איר נאר נים איינגעפאלן אזוינס, לייזער־בער האט זיך עפעס אינגאנצן אפגעווישט פון איר זכרון. זי האט זיך נאר גע־וויגט א רגע צווישן שמואלן און יאסקען, זיי זיינען ביידע גע־ווען אלץ איינס, און צום סוף איז זי אריינגעגאנגען צו שמואלן, אין זיין אלקער. שמואל איז זיך געלעגן אויף זיין בעטל, א גלייכער, אן אויסגעצויגענער, מיט ביידע הענט פארבראכן צו־קאפנס, און ער האט זיך אפילו נים אומגעקוקט אויף זלא־טען, נאר אז זי איז צוגעגאנגען צו אים, האט ער זיך שטארק אפגערוקט צו דער וואנט, און זי האט זיך טאקע באלד אנידער־געזעצט ביי אים צופוסנס. עס איז איר געווען גוט, און זי איז געווען א גוטע, און זי האט אויף אים רחמנות געהאט, אמתדיק רחמנות געהאט, און זי האט באלד אנגעהויבן צו ריידן, פאר זיין טובה וועגן, אז אזוי און אזוי, ער האט דאך שטענדיק גע־וואלט ציפען, איז אלע מאל אויסגעגאנגען נאך אירע טריט, טא זאל ער איצט נעמען און חתונה האבן מיט איר! שמואל האט

גוט געהערט, וואס זי האט גערעדט צו אים, און אז זי איז שוין אנט־שוויגן געווארן, האט זיך ביי אים א וויג געטאן דער שארפער רוקן פון זיין ביינערדיקן גארגל, ארויף און אראפ, ווי ער וואלט דערשלונגען א הארט שטיקל ברויט. נאר ער אליין איז זיך ווייטער געלעגן אט אזוי־א, ווי אן אלטע, א פארזשאווערטע שטיק אייזן, און זלאטע האט שוין געמיינט, אז יא, אז ער וויל, עס איז דאך פאר אים א גליק, און זי פארגינט עס אים מיטן גאנצן הארצן, און זי איז זיך געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט, מיט א צונויפגעלייגטער מינע אויפן פנים:

— נו?

נאר שמואל האט זיך מיט אמאל געגעבן א הויב אויף פון בעטל, און זלאטע איז שוין אויך געשטאנען אויף די פיס, זיי זיינען געשטאנען איינער אנטקעגן דעם אנדערן, און עס האט געדויערט א לאנגע, אן אויסגעמאטערטע מינוט ביז וואנען שמואל האט גענומען פירן מיטן קאפ אויף ניין — ניין!

זלאטען איז באפאלן א שרעק, און שמואל האט נאך אלץ געפירט מיטן קאפ אויף ניין, ווי מיט א זעג, און זלאטע האט זיך גענומען רוקן צו דער טיר, א דערשראקענע, א צוטומלטע, און ערשט ווען זי איז שוין געווען אין קיך, אליין, אן שמואלן, האט זי אויף גיך איבערגעכאפט דעם אטעם און האט אויף גיך און שטיל א זאג געטאן צו זיך אליין:

— אט א משוגענער!

נאר דאס רעדט זיך נאר אזוי, א משוגענער, טיף ביי זיך אין הארצן אבער, האט שוין זלאטע דערזען, אז ער איז טאקע גערעכט, איז טויזנט מאל גערעכט, און אז זיי דארפן זיך איצטביידע נעמען, זי און ציפע, דארפן זיך באגראבן, לעבעדיקערהייט! ביי זלאטען בליצן אזש די אויגן, און די ציין אירע קוקן נאקעט, און ווען שמואל קומט איר איצט צו די הענט, וואלט זי אים צעריסן ווי א הערינג. ווער בעט אים?! און שמואל איז נאך אלץ געשטאנען אין מיטן אלקער, און האט נאך אלץ געפירט מיטן קאפ אויף ניין, ווי אויף א ספרוזשינע. נאר אט האט ער זיך שוין אויסגעלאשן, איז אויסגעגאנגען, ווי א ליכט, און אן אויסגעלאשענער, א פינצטער־רער האט ער זיך צוריק אראפגעלאזט אויפן בעטל.

און אַ שווערער, מיט צעבראָכענע ביינער און אַ פּוסטער נשמה, ווי נאָך אַ געשלעג, האָט ער זיך באַלד צוריק אויפגעהויבן פון בעטל, איז דורכגעגאַנגען די קיך און איז אַרויס פון שטוב. דער טאָג אין דרויסן איז געווען אַ טרוקענער, מיט אַ גרויסער זון אין מיטן הימל, און די זון האָט געגלאַנצט, ווי אַן אויסגעשייערטע טאַץ. יאַסקע איז נאָך געשטאַנען ביים ברונעם מיט די פערד — די פערד האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן זיך געריבן אַרום אים. יאַסקע האָט אים שטענדיק גערופן גזלן, אי אין די אויגן אי אונטער די אויגן, און עס איז טאַקע אַן אמת, אַט קוילעט ער זיך דאָך טאַקע. קוילעט זיך אַן אַ מעסער. אַ גזלן.

שמואלן אַרט ניט, וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישן ציפּען און לייזער בערן, עס האָט אים קיין מאָל ניט געאַרט, וואָס איז אינגאַנצן לייזער־בער? אַ וואַנץ! מען קען אים צעקוועטשן אויף אַ נאָגל און אַפּווישן, נאָר אַז ער זאָל איצט חתונה האָבן מיט ציפּען — ניין! זי האָט אים קיינמאָל ניט געוואָלט קענען, קיינער האָט אים ניט געוואָלט קענען, און איצט דאַרף ער שוין ניט, ער דאַרף גאָרניט.

פון שמואלס אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן, גרויסע און שיטערע, פון איין טרער ביז דער צווייטער האָט געדויערט אַ מינוט, און די טרערן זיינען געווען אַזעלכע ריינע און פולע, אַט ווי פון געשליפענעם גלאָז. און יאַסקע דאָרט, ביים ברונעם, איז זיך דערוויל פאַרטיק געוואָרן מיט די פערד, האָט זיי שוין אַריינגעפירט אין שטאַל, און האָט זיך געלאָזט גיין אין הויז אַריין. ער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי שמואלן, נאָר ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף אים, אַ נייס אַ ביסל, שמואל, און שמואל האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן. נאָר יאַסקע איז שוין אַריין אין שטוב. ביי שמואלן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן, און ער האָט שוין געוואָלט אַריינלויפן אינעווייניק, און צו פאַלן צו זלאַטן און זאָגן איר, שרייען, אַז יאָ, ער וויל! זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט טרערן, ער האָט שוין געוויינט, טאַקע אויף צו דער אמתן, און יאַסקע איז זיך אַריין אין שטוב, אַזוי ווי שטענדיק, אַן אומעטיקער, אַן אָפּגעלאָזענער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, גלאַט אַזוי זיך, און האָט

שטיל אַ זאַג געטאָן, ווייל ער האָט עפּעס אַנדערש ניט געהאַט וואָס צו טאָן:

— איך בין הונגעריק.

נאָר זלאַטע האָט שוין קענטיק געוואַרט אויף אים, און זי איז צוגעגאַנגען, האָט זיך אַנידערגעזעצט, און האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט אירע ביי אים אויף דער קני:

— ביזט הונגעריק? באַלד...

זלאַטע האָט געקוקט פאַר זיך, איז שטאַרק געווען פאַרטראַכט. און יאַסקע האָט געוואַרט, לאַנג, נאָר ער האָט זיך אויף גאַרניט געקענט דערוואַרטן:

— וואָס איז?

זלאַטע האָט זיך אומגעקוקט צו אים מיטן פּנים, און דער גאַנצער פּנים אירער איז עפּעס געווען אַזאַ נאַקעטער, אַז ביי יאַסקען האָט אַ טיאַבקע געטאָן אין האַרצן. נאָר זלאַטע האָט באַלד אַ שמייכל געטאָן, שאַרף אַזוי, און האָט אָנגעהויבן צו אים ריידן, אַ צערייצטע, אַ צולהכעיסדיקע, אַז אפשר וואָלט ער געוואָלט התונה האָבן מיט ציפּען? יאַסקע האָט געזען, אַז זי לאַכט פון אים, און ער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער, ער האָט ניט פאַרדינט, אַז מען זאָל פון אים לאַכן, נאָר ניין, ניין! זלאַטע לאַכט ניט פון אים, עס ליגט איר אפילו ניט אין זינען צו לאַכן, און יאַסקע איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, נאָר ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ פולער, אַן אָנגעלאָדענער, אַז ער האָט אַזש ניט געקענט רעדן, האָט ניט געקענט עפענען דאָס מויל. זלאַטע האָט געזען, אַז זי האָט שוין אויסגעפירט, און זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, און האָט אים צוריק אַנידערגעזעצט לעבן זיך. איצט איז טאַקע גוט, איצט וויל ער טאַקע, אָבער שפּע־טער, אַז זיי וועלן שוין התונה האָבן, וועט ער איר שטענדיק אויס־וואַרפן.

— ווער, איך? זאָל איך קראַפּירן, זאָל מיר אָפּדאַרן דער צונג! איך? קיין מאָל ניט! קיין מאָל אין לעבן ניט.

ער האָט זיך אַזש געצאַפּלט, און ער איז אינגאַנצן געווען אַזאַ, פון קאָפּ ביז די פיס, אַז מען האָט געדאַרפט פון אים לאַכן, און זלאַטע האָט טאַקע געשמייכלט, נאָר זי איז שוין

אזוי געווען אויסגעמאַטערט, פון אַלץ, האָט אזוי קיין כח ניט געהאַט, אַז עס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, טיף פון איר נשמה:

— אַ דאַנק דיר, יאַסקע!

XLV.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען ריכטן אויף דער חתונה. יאַסקע וויל זיך קוליען אויפן קאָפּ, שפּרינגען פון הויט אַרויס, עס איז דאָך אים גוט ווי די וועלט, נאָר עפּעס איז ער גראָדע אַן אַנדערער, ער קערט זיך גראָדע פּאַמעלאַך און רירט זיך פּאַמעלאַך און פון זיין יעדן קער און ריר שפּיגלט זיך אַרויס דער בר־דעת. ער רעדט צו ציפּען, שווערט זיך פאַר איר, אַז ער וועט זי גליקלאַך מאַכן, דעם גאַנצן לעבן זיינעם וועט ער איר אַוועק געבן, און ציפּע רייסט ניט אַרויס די הענט אירע פון זיינע, קערט זיך פון אים ניט אָפּ, נאָר מער גאָרניט.

ביי ציפּען אַליין האָט מען אַפילו ניט געפרעגט, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל ניט, מען האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף איר, און זי האָט זיך טאַקע ניט געמישט, עס איז איר געווען אַלץ איינס. זי ווייסט דאָך גוט איר לאַגע, אָך, ווי זי ווייסט. וואָס איז זי, סיידן אַ קינד? אָבער איר זיצן אָט אַזוי און איר שוויינן אָט אַזוי איז געווען פאַר זלאַטען, ווי מען וואָלט נאָך איר געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן:

— ווער באַגראַבט דיך? זאָל עס מיר אָנקומען, וואָס איך ווינש דיר!

יאַסקע חלשט. אַז ציפּע זאָל אים כאָטש זאָגן אַ וואָרט, נאָר ציפּעס פּנים איז לאַנג געוואָרן, עס האָט זיך אויסגעצויגן, און די באַקן אירע זיינען בלייכע און איינגעפאַלענע, זייער בלייכע, אַזש דינע, ווייסע, ווי פּאַפּיר, און די אויגן אירע זיינען אַריין טיף אין שטערן, און דער שטערן איז איינגעטונקט אין געלע,

צעשוואומענע פלעקן. דער לייב אירער, דער גוף, איז געוואָרן פּולער גרויסער פלעקן, פֿולער און עפּעס מיט אַ שפּיץ. אַז מען קען זיך צו איר ניט צורירן, נאָר זי אַליין קוקט אויס דאַר, מאָגער, זי זעט אויס ווי אַ קראַנקע. יאַסקע האָט שטאַרק אויף איר רחמנות, עס קלעמט אים אַזש ביים האַרצן וואָס פון איר איז געוואָרן, און ער באַקלאָגט זיך דערנאָך פאַר שמואלן:

— מיינסט, אַז מיר האָט שוין געבאָטן דער גאַנצער גליק?!

ביי שמואלן אַליין צאַפּלט זיך נאָך אויך די נשמה, ווי אַ ניט דערקוילעטע הינדל, נאָר ער איז ניט אין כעס אויף יאַסקען, ער איז אויף קיינעם ניט אין כעס, און ער זאָגט אים, טרייסט אים:

— אודאי! אודאי!...

שמואל פאַרט שוין איצט אום צו דער סטאַנציע, יעדן טאָג, אַזוי ווי אַלע, אַזוי ווי עס באַראַף צו זיין. רעדן רעדט ער טאַקע מיט קיינעם ניט, נאָר מען זעט דאָך נאָך אים, אַז ער איז אַ גוטער, אַז ער איז אַ צונעלאָזענער, און זלאַטע קוקט אים אַמאָל נאָך און טראַכט ביי זיך:

— וואָס איז ער פאַר אַ מענטש? אַ מאָדנער מענטש!

און זי האָט אים ליב, ער איז איר איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי זיי אַלע, ווי די גאַנצע שטוב. זלאַטע האָרעוועט איצט פון אינדערפרי ביז ביינאַכט. עס איז דאָך עפּעס אַ חתונה, ניט קיין קלייניקייט, מען דאַרף האָבן קיין עין הרע ניט, און נאָר אַמאָל־אַמאָל גיט זי אַ זאָג צו דער שוועסטער:

— אַנו, העלף מיר, וואָס זיצסטו?!

און ציפּע גייט צו, העלפט איר וואָס מען דאַרף און באַלד דערנאָך גייט זי זיך צוריק אָפּ אָן אַ זייט, פאַרשלאָגט זיך אין איר ווינקל. נאָר זלאַטע קען עס ניט אַריבערטראָגן, און זי צעשרייט זיך אויף איר:

— צוליב וואָס האָרעווע איך? צוליב וועמען לעב איך?

ציפּע ענטפערט ניט, זי שווייגט, און זלאַטע גיט זיך אַ קער אום צו מאַירקען:

— גזלן!

ביי זלאַטען פּלאַצט די גאַל, און מאַירקע שטייט זיך מיט

אראָפּגעלאָזטע הענט און טומ גאָרניט. גזלן, זאָגט זי אים, זי שרייט — גזלן! און ער קען איר אפילו ניט ענטפערן, קען איר ניט געבן צו פאַרשטיין. זי מיינט דאָך אודאי, אַז ער איז איר אַ שונא, אַז ער קלייבט פון איר נקמה, נאָר ער איז איר שוין גאָר קיין שונא ניט. ער זעט וואָס זי האָט דאָ פאַרקאָכט, וואָס זי וויל, און טיף ביי זיך אין האַרצן בעט ער גראָדע צום אויבערשטן, אַז זי זאָל טאַקע אויספירן, אַז עס זאָל זיך טאַקע אויסלאָזן צום גוטן. ער בעט עס ניט צוליב זיך, ניט פאַר זיינעטוועגן, נאָר טאַקע צוליב איר, פאַר איר אַליין. נאָר אַז אַלץ אַרום ברעכט זיך אין שטיקער, און מיט אַ צעלעכערטן עמער קען מען קיין וואַסער ניט שעפּן, זלאַטע, מען קען ניט!

זלאַטע האָרעוועט פון אינדערפרי ביז שפּעט אינדערנאַכט, אַז אַז אַפּשטעל, אין איין אָטעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך וואָס ניט איבעררייסן, און יאַסקע מיט שמואלן זיינען אויך שטענדיק פאַרנומען, פאַרטאָן, און עס קוקט עפּעס אויס, ווי זיי אַלע אין דרייען, זלאַטע און שמואל און יאַסקע, ווי זיי וואָלטן געוועז איינס, וואָלטן וואָס אָפּגערעדט צווישן זיך, נאָר מאַירקען מיט ציפּען האָבן זיי ניט אַריינגענומען אין קאָן. און ציפּע ציט זיך טאַקע צו מאַירקען, און מאַירקע ציט זיך צו ציפּען, און זיי זיינען זיך בײדע ווי צוויי פאַרגעסענע, אָוועקגעוואָרפענע. זיי זיינען אַמאָל אַליין, אויג אויף אויג, און ציפּע זאָגט אים דעמאָלט, מיט אַזאַ פּוסטן קול, אַז עס ווערט אים אַזש קאַלט אונטער די נעגל:

— עס וואָלט אפשר געווען בעסער ווען איך שטאַרב!

און ער שטייט פאַר איר מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און קען איר אפילו ניט ענטפערן, קען איר ניט געבן צו פאַרשטיין. ער איז זיך אַליין מיאוס, וויל זיך אַליין אַנשפּייען אין פּנים אַריין, צעטרעטן זיך אַליין מיטן פוס, ווי מען צעטרעט אַ וואָרעם.

ציפּען ווערט אַמאָל ניט גוט, ענג אַזוי אונטערן האַרצן, און עס הויבט איר אָן צו איבלען, אַז זי דערפילט, אַז זי חלשט. זי לאָזט אַרויס פון זיך אַ פאַרשטיקטן, אַ הייזעריקן געשריי, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, ווי מען וואָלט זי געוואָרגן, און זלאַטע לויפט צו איר צו און כאַפּט איר רייבן די הענט. ציפּע עפנט די אויגן, קוקט

זיך ארום, און זי פארכאפט זיך באלד, ווי זי וואלט זיך פארענט־פערט:

— עס איז גארניט...

זלאטע וויל זי שוין איבערלאזן, נאר ציפע דערפילט מיטאמאל אזא ווארעמקייט אין אלע אברים, איבערן גאנצן לייב, און דארט, טיף אונטערן הארצן, איז ווי בלעטער, אזוינע ווייכע, ווארעמע, וואלטן ארייננגענומען איר נאקעטע נשמה, וואלטן זי אינגאנצן געגלעט. ביי ציפען רויטלען זיך די באקן, און זי שמייכלט א גליק־לאכע, א פארטראגענע, נאר זי כאפט זיך באלד אליין וואס זי טוט, און זי לאזט שוין אראפ די אויגן, א פארשעמטע, א שולדיקע, לאזט אראפ דעם קאפ, און עס רייסט זיך פון איר ארויס א זיפץ. זלאטע גייט פון איר אוועק, און זאל דעמאלט קיינער ניט קומען אויף זלאטעס מזל! ציפען איז טאקע ניט גוט, אך, ווי איר איז ניט גוט, נאר פונדעסטוועגן איז איר נאך זלאטע מקנא. זלאטע שרייט אבער ניט וועגן דעם, זי דערשטיקט עס אין זיך, און מאירקע קוקט אויף זיי, אויף ביידן, אי אויף ציפען, אי אויף זלאטען, און עס גייט אים אזש אוים דאס חיות, אזוי האט ער אויף זיי רחמנות, אזוי פארשטייט ער ניט, וואס אזוינס עס קומט פאר אויף דער וועלט.

XLVI.

מאירקע האט זיך שטארק געוואונדערט אויף זלאטען און האט שטארק איר מקנא געווען: זלאטע ווייסט אלץ, פארשטייט אלץ און זי פירט שטענדיק אוים וואס זי וויל, און ער פארשטייט גארניט, ווייסט גארניט און פירט גארניט אוים. הא? און עס האט אים געצויגן צו זלאטען, ווי עס ציט א קינד צו א גרויסן, נאר ער האט עפעס מורא געהאט פאר איר, אט ווי זי וואלט אינגאנצן געווען א פרעמדע, פון א פרעמדער שטאט, עפעס א נייע... זלאטע דרייט זיך אמאל ארום איבערן שטוב אין איין אונטערקליידל און אן א קאפטל, און מאירקע קוקט אויף איר פון דער זייט, פון א באהאל־

טעניש, און זי איז דעמאָלט ניט זלאַטע און ער — ניט מאירקע. האָ?

און ביי זלאַטען לויכט דאָס פּנים און זי לייגט צו נאָך צו שטיק־לאַך פלייש — דאָס ציפּען אויפן טעלער, און דאָס יאַסקען, און דאָס מאירקען און שמואלן. זי ווייסט אַליין ניט וועמען פון זיי זי האָט ליבער. און ווי זיי זיצן אָט אַזוי ביים טיש און עסן געשמאַק, און זלאַטע שעפּט פון זיי נחת, זי איז אין מיטן און זיי זיינען אַלע אַרום איר, ערשטע לייזער־בער יאָגט זיך מיטאַמאָל אַריין אין שטוב, ווי הינט וואָלטן אים נאָכגעלאָפן:

— געפּגרט! אַקאַרשט!

דער קראַנקער פערד האָט שוין לאַנג נעדאַרפט געווען פּגרן, נאָך פאַראַכטאָגן האָט שוין דער וועטערינאַר געזאָגט צו שמואלן:

— שינד אים! דאָס איז די בעסטע זאַך!

נאָר איצט, אַז דאָס האָט טאַקע געטראָפן, האָבן זיי זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן פון טיש און האָבן זיך געלאָזט לויפן צום שטאַל. אין שטאַל איז געווען פינצטער און ענג, אַ סך מער אײדער אַלע־מאָל, און זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם פערד, און דער פערד איז געלעגן מיט פאַרריסענע פיס, מיט אַ צעבראָכענעם, פאַרדרייטן ווײדל, און שמואל האָט זיך אָנגעבויגן, האָט אים אַ טאַפּ געטאָן דאָ און דאָרט און האָט הויך אַרויסגעזאָגט זיין מבינות:

— נאָך וואַרעם.

דערנאָך האָט ער אים אַ נעם געטאָן פאַרן ווײדל, און לייזער־בער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ, און יאַשקע מיט מאירקן האָבן זיך איינגעטיילט מיט די פיס, און זיי האָבן אים אָט אַזוי, אַלע אינאיינעם, אַרויסגעשלעפּט פונם שטאַל. זיי האָבן אים פאַרשלעפּט ווייט אין הויף, אַזש ביז צום לעצטן פּלויט. נאָר ערשט דאָ האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. אין הויף איז געווען שטיל — אַ פאַנאַנדערגעגאָסענע שטילקייט ווי אַ טייך, און די פאַרנאַכטיקע זון האָט ווייך געקוקט אויף זיי, אַ נאָענטע אַזאַ, אַ נאָענטע. דער פערד איז געלעגן מיט אַ געשוואָלענעם בויך, מיט אַריינגעשטאַכענע פיס און מיט אַ צעשוואָומענער האַלז — אַ ליידיקע, אָן אָפּגעלאָזענע, ווי אַן אַלטער אייטער — דער פערד איז אין איין ווײַלע געוואָרן אַ נבלה.

ציפּע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויפן פערד און די

נאָקעטע צוויי דעם פערדס האָבן זיך געביסן אין דער רויטער זון,
נאָר זלאַטע האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן צו איר:

— דו טאָרסט ניט קוקן, טאָרסט ניט!

זיי האָבן זיך אַלע אַ קער געטאָן צו ציפּען, האָבן זי אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן, און זלאַטע האָט זי אַנגענומען פאַר אַ האַנט, אַפּגעהיט אַזוי, און ציפּע האָט ניט געוויינט. נאָר קיינער פון זיי האָט זיך שוין מער ניט אומגעקוקט אויפן פערד. ער איז געבליבן אויף הפקר. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז און ציפּע איז געגאַנ־גען פּאַמעלאַך, זייער פּאַמעלאַך, און זיי האָבן געאָטעמט נאָך אירע טריט נאָך — אַט אַזוי האָבן זיי זי אַפּגעהיט. און אַז זיי זיינען אַריין אין שטוב האָבן זיי זיך פאַרשלאָגן אין באַזונדערע ווינק־לען, און זיי האָבן ניט גערעדט צווישן זיך. האָבן זיך אפילו ניט איבערגעקוקט.

ציפּע האָט אויפגעציטערט און זלאַטע האָט איר שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנט — מען דאַרף זיך ניט שרעקן!

די פעטע קאַץ האָט זיך געשפּילט אונטערן טיש מיט אַ גרויסן ביין, ווי מיט אַ מייזל, אַ נאַרישע קאַץ — עס ווייסט פון גאָרניט, און זלאַטע איז אַפּגעטראָטן פון ציפּען, איז געבליבן אין מיטן און האָט הויך אַרויסגערעדט, פון טיפן האַרצן אַרויס:

— זאָל עס זיין די כפּרה פאַר אונז אַלעמען!

אין שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיקער, עפּעס האָט זיך מיט אַמאָל אַפּגעבונדן, אַז אימיצער פון זיי האָט אַ שמייכל געטאָן אויפן קול, נאָר דאַ האָט זיך יאַסקע אַרומגעזען, אַז לייזער־בער איז אויך מיט זיי. לייזער־בער איז שוין לאַנג ניט געווען אין שטוב מיט אַלעמען אַט אַזוי, ווי אַ מענטש, און עס איז אים אַזוי גוט געווען פון דעם, אַז עס האָט זיך אים אַזש געדרייט דער קאָפּ. ער האָט זיך זים געלעקט דעם צונג און האָט געלאַכט די גאַנצע צייט אין זיך, נאָר אַז יאַסקע האָט אים איצט דערזען — לייזער־בער האָט זיך אַפּגעשטעלט, און יאַסקע האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אים ווי אַ משוגענער:

— ממזר! דערוועגן! אַ בר־מנן!!

דער געשריי זיינער, אַ הייזעריקער, אַ פאַרשטיקטער, האָט זיך דורכגעזעגט איבער דער שטוב, האָט זיי אַלעמען אויפגעוועקט, און

איז געבליבן שטעקן אין דער לופטן, פלאטשיק און אפגעקראכן, ווי אן אלטע שטיק בלעך. עס איז געווארן שטיל, די שטילקייט פון א פארכאפטן אטעם, ווען אלע ארום ווארטן, און שמואל האט זיך אפריער אויסגעשפיגן און דערנאך האט ער זיך, אומעטיק אזוי אפגערופן צו יאסקען:

— דערהרגע אים טאקע...

און עס האט זיך אנגעהויבן. פאמעלאך און מיט הנאה, ווי מען עסט דעם מערן־צימעס, האבן זיי זיך באלד אלע ארייננגע־פלאנטערט אין א קנויל ארום לייזער־בערן און האבן זיך אנגעהויבן צו שלאגן. מען האט נים געשריען, מען האט נים געקרעכצט אפילו, נאר שטיל און געמאסטן, ווי געציילט, האבן זיך געהערט די קלעפ, און דאס קנאקן פון די ביינער האט געטראגן מיט זיך אן אוי־אוי! נים פון ווייטיק, נאר פון הנאה. עס האט זיך געקוויקט די נשמה.

און ציפע איז זיך די גאנצע צייט געזעסן אז א זייט, אט ווי די גאנצע זאך װאלט גארניט געווען איר דאגה. נאר אט האט זי זיך אויפגעהויבן, עס איז איר שוין נמאס געווארן, קענטיק, און זי האט זיך שארף ארייננגעשניטן אינם קנויל. זיי האבן זי גלייך דערפילט, האבן זי דערשמעקט, און עס האבן זיך שוין ביי זיי אראפגעלאזט די הענט און זיי זיינען זיך פאנאנדערגעטראגן אביסל, ווי זיי וואלטן געמאכט פאר איר א ווארע. זיי האבן איינג געווארט, שטייענדיק אין איינגען רעדל, און ציפע איז געשטאנען מיטן פנים צו יאסקען און מיטן רוקן צו לייזער־בער. זי האט געקוקט אויף יאסקען גלייך אים אין פנים אריין, און ערשט איצט האט מען געזען, ווי פיינט זי האט אים:

— וואס ווילסטו, יאסקע?

איר קול האט אפילו קיין ציטער נים געטאן און איננגאנצן איז זי געווען אזא, איז געשטאנען אזוי, אז באטש נעם און בוק זיך פאר איר, ווי פאר א קייסערינע, און זלאטע איז אין דער רגע געווען די גליקלאכסטע, וואס זי האט אזא שוועסטער. יאסקע האט זיך נאך אלץ געריסן צו לייזער־בערן, ווי א צערייצטע קאץ, ער האט אים נאר געוואלט דערלאנגען אין די ציין אריין אריבער ציפעס קאפ, און ערשט דא האט אים ציפע א נעם געטאן פאר די אקסלען, און האט אים אזא שליידער געטאן פון זיך, אז ער האט

זיך צוש אנגעשטויסן פון טיש. ער איז צוטומלט געווארן, האט גע־פירט מיט טאמעוואטע אויגן און האט, ווי א תם, געמאכט מיט די ליפן:

— וואס? הא?...

ציפע האט שווער געאטעמט, ווי עס וואלט איר איינג געווען אין בויך, און אינאיינעם מיטן אטעם האט זיך פון איר ארויס־געשארט א ווארט, גלאט אזוי א ווארט. און יאסקע האט זיך א ריס געטאן מיט אלע זיינע כוחות, שוין ניט צו לייזער־בערן, נאר טאקע צו איר אליין, גלייך איר אונטער דער נאז:

— דו נעמסט זיך נאך פאר אים אן?! פאר אים?!!

ציפע איז א סך העכער פון יאסקען, און געשטאנען איז זי א גלייכע, האט גארניט באהאלטן אויף זיך, און יאסקע האט א כאפ געטאן זיינע ביידע קולאקעס און איז מיט זיי פארפארן אין דעם פאסקודנעם בויך אריין אין אירן:

— בליאד! קורווע!

די גאנצע שטוב האט א ציטער געטאן, האט זיך א וויג געטאן, נאר קיינער האט זיך נאך ניט גערירט פון ארט — אויף יאסקעס קאפ האט זיך אראפגעלאזט לייזער־בערס א האנט, ווי א שטיק אייזן, און ער איז שוין געבליבן זיצן אויף דער ערד, אן א פיפס אפילו. ציפע האט זיך דערנאך אומגעקערט צו לייזער־בערן, און זיי האבן זיך ביידע אינאיינעם געלאזט ארויסגיין פון שטוב, און זיי אלע ארום האבן איר נאכגעקוקט, און זיי האבן אזש צוגע־שמאטשקעט מיט די ליפן, אזוי איז זיי דא געפעלן געווארן. און יאסקע האט גארניט געזען פאר זיך, די אויגן זיינען ביי אים געווען גרויסע, אפענע, נאר גלעזערנע, און עס האט מיט אים געדויערט א לאנגע ווײלע, ביז וואנען ער האט זיך דערמאנט, וואס עס איז געווען, וואס עס איז פארגעקומען. ער איז נאך געזעסן אויף דער ערד, מיט אונטערגעבראכענע פיס, און שמואל האט געקוקט אויף אים. יאסקע האט זיך א צי געטאן צו שמואלן, נאר שמואל האט געלאכט פון אים, און יאסקע האט זיך פלוצלונג פאנאנדערגעוויינט הויך אויפן קול. שמואל האט זיך אפגעקערט, האט זיך אויסגעשפיגן, און יאסקע איז אויפגעשפרונגען פון דער ערד און האט זיך פאנאנדערגעשריען:

— איז דארף איך איינגאנצן נים! אוים! איך נעם זי איצם נים!

נאר זיין ווארפן זיך, זיין שליידערן זיך האם קיינעם נים אנגערירם, קיינעם נים אחוץ מאירקען, און מאירקע איז טאקע באלד צוגעגאנגען צו אים און האם אים אפגעקנאקם, ווי מים דער בייטש:

— דו, ווארף זיך נאר נים אזוי, הערסם?!

אין מאירקן האם געזאדן דער כעס, אז עס האם אים געהויבן אין דער לופטן, און זלאטע האם געזען, אז ער נעמט זיך אן פאר ציפען, אז ער נעמט זיך אן פאר איר אליין אויך — ער נעמט זיך אן פאר זיי ביידן. — מאירקע, טייערער! און יאסקע האט זיך נים אוועקגעשטעלט קעגן מאירקען, ער האט נאר געפינטלט מיט די אויגן א וויינענדיקער, א רחמנותדיקער, און מאירקע איז אפגע־טראטן פון אים, און האט זיך א זעץ אנידער געגעבן לעבן זלאטען:

— אים לוינט נאך נים, הא? א נייער מענטש!

XLVII.

און ציפע מיט לייזער־בערן, אז זיי זיינען ארוים פון שטוב, זיינען זיי דורכגעגאנגען דעם הויף און האבן זיך אנידערגעזעצט אויף דעם איבערגעקערטן קלאץ, וואס נים וויים פון שטאל. די טויערן פון שטאל זיינען איינגאנצען געווען אפן, אזוי ווי שטענדיק, און פון שטאל האט זיך געשלענגלט צו זיי א היימישע ווארימקיים. לייזער־בער האט ערשט איצט צעקיים, ווי ביי זיך אין דערהיים, וואס עס איז געווען, וואס עס איז פארגעקומען, און ער האט זיך אזש געריבן די קני מיט זיינע צעשפרייטע לאדאניעס, האט גע־קנאקט מיט דער צונג, און ציפע האט עס נים געקענט פארטראגן, און זי האט ביי אים א פרעג געטאן א צערייצטע:

— ביזט זיך מחיה?

ציפע האט געמיינט די גאנצע צייט, די אלע לאנגע טעג און וואכן — אך, סארא לאנגע — אז זי מוז עפעס זאגן לייזער־בערן, זי מוז אים עפעס דערציילן, זייער א נויטיקע זאך. זי מוז, עס

איז איר ממש געגאַנגען אין לעבן, נאָר אַט זיצט זי מיט אים און גאָרניט — זי איז ווי אַן אויסגעשעפּטער ברונעם.

— מיין מזל... פאַרוואָס שטאַרב איך ניט?

דער קאָפּ אירער, אַ שיינענדיקער אויף דער זון, זיצט עפּעס ווי אַ פאַרגעסענער אויף די אונטערגעשפּאַרטע פּלייצעס. און לייזער־בערן איז גוט, אַז ער גלעט איר דעם קאָפּ אירן, די זיידענע האָר, מיט אַ האַנט, וואָס איז פול און אַנגעלאָדן, און זי טרייבט אים ניט פון זיך, נאָר ער איז פרעמד.

און שפּעטער, ווען ציפּע איז שוין צוריק אַריין אין שטוב, האָט זי זיך ערשט דערמאָנט, אַז יאַסקע האָט זי פריער אַ ווײַלע געשלאָגן אין בויך אַריין, און אַז עס דאַרף איר ווײ טאָן. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף יאַסקען, אויף קיינעם ניט, זי האָט זיך נאָר ברייט פאַנאַנדערגעזעצט אויף דער באַנק, און האָט זיך מיט ביידע הענט גענומען רייבן און גלעטן דעם בויך. זי איז אינגאַנצן געווען פאַרטאָן אין דעם, אַז זי האָט ניט געזען אפילו ווי יאַסקע האָט זיך גענומען שאַרן צו איר, ווי אַ געשלאָגענער הונט, און ער האָט לאַנג געקוקט אויף איר, ווי זי גלעט זיך דעם בויך, און האָט אויף גיך אָראָפּגעשלונגען, מיט אַ באַהאַלטענעם שרעק און אַ שולדיקער פון קאָפּ ביז די פּיס:

— עס טוט דיר ווײ?

ציפּע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און האָט אים רואיק און קאַלט געענטפערט ווי אַ פאַרנומענע, אַ פאַרטאָנענע:

— ניט דיין דאגה!

אַט אַזוי האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה, יעדער איינער פון זיי מיט זיינע אייגענע צרות ביי זיך אין הארצן, און די טעג האָבן זיך דערווייל גערוקט פּאַמעלאַך, זייער פּאַמעלאַך און ווי פאַר וועמען. שמואל מיט יאַסקען שפּאַנען די פערד, קלייבן זיך שוין צו דער סטאַנציע, און דער גאַנצער הויף איז אָנגעפילט מיט דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט. עס זשומעט אַ בין, עס בורטשעט דרעמלענדיק דער אַלטער הונט, און זלאַטע זיצט אויף דער פריזבע פון הויז, קוקט ווי זיי שפּאַנען, ווי זיי קלייבן זיך צו דער סטאַנציע, און מאירקע דרייט זיך אַרום איבערן הויף, ווי אַ שאָטן. ביי זלאַטען וויינט די נשמה אירע, עס גייט איר ממש

אוים דאס חיות, אַט ווי פּיאַווקעס מיט זייערע ווייכע מײַלער וואָלטן פון איר אַרויסגעזויגן דעם קליאַק פון די ביינער. מאַירקע קען זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געפינען, ער שאַרט זיך אַרום ווי אַ שאָטן, און זלאַטע ווייסט, אַז זי דאַרף אים איצט ניט טשעפּען. זאָל אַפילו זיין די חתונה, נאָר זי קען עס שוין מער ניט אַריבער־טראָגן, און זי זאָגט אים:

— פאַרוואָס פאָרסטו אויך ניט צו דער סטאַנציע, פאַרוואָס? זאָל שוין נעמען אַן עק צו די צרות!

מאַירקע וויל אויסשיסן אין אַ גלעכטער, גלייך איר אין פּנים אַריין, נאָר שטיין שטייט ער פאַר איר ווי אַ פאַרכישופטער, און ווי אַ פאַרכישופטער, ווי זי וואָלט אים וואָס איינגעגעבן, גיט ער זיך באַלד אַ ריס פון אָרט, לויפט אַריין אין שטאַל און כאַפּט שפּאַנען אַ פּאָר פערד. שמואל בלייבט אַזוי, ווי ער איז געווען, ווי מאַירקע האָט אים פאַרכאַפּט, מיט אַ כאָמוט איןביידע הענט, און יאַסקע האַלט שטאַרק איין די אייגענע האַנט זיינע, אַז די שטאָלענע צוים וואָס ער האַלט זאָל ניט קלינגען, און זיי שטייען ביידע מיט אָפענע מײַלער, צעטומלטע, געפּלעפטע. און מאַירקע האָט שוין איינגע־שפּאַנט די פערד, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די קאָזלעס, און איז דער ערשטער אַרויסגעפאָרן פון הויף.

זלאַטע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַן אַ זייט, האָט זיך ניט געמישט, און די נשמה אירע האָט זיך געצאַפּלט אין איר, אין אַלע אירע אברים, ווי אויף אַ שפּיץ מעסער, נאָר ווען מאַירקע איז שוין אַרויסגעפאָרן פון הויף, האָט זי פּלוצלונג אַ וויין געטאָן, הויך אויפן קול, און ווי פון דער העלער הויט. שמואל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט געמאַכט אַ טראָט, נאָר דאָ האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט, האָט זיך דערזען מיטן כאָמוט אין די הענט, און יאַסקע האָט שטום געקוקט צו אים און האָט שטום געפרעגט:

— נו?

שמואל איז פּלוצלונג געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער, האָט צו אים אַ שליידער געטאָן דעם כאָמוט און האָט אַרויסגעשיפּעט פון אונ־טער די ציין:

—שפּאַן!

און ווען זיי זיינען דערנאָך אַרויסגעפאָרן פון הויף, איז נאָך

זלאַטע אַלץ געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט עפּעס געזשאַלעוועט. און דערנאָך האָט זי אײנע אַלײן פֿאַרמאַכט די גרויסע, שווערע טויערן און איז אַרײַן אין שטוב. עס האָט זיך איר אַזוי געוואָלט צופֿאַלן צו דער שוועסטער און דערצײלן, נאָר זי איז געשטאַנען מיטן רוקן צו ציפּען און מיט בײדע הענט אָנגע־שפּאַרט אָן טיש. זי האָט זיך צעשוואָומען געשראָקן פֿאַר עפּעס, ווי עס ציטערט דאָס האַרץ בײַ אַ מײדל, ווען עס קוקט אויף איר אַ בחור, ביז זי האָט מיטאַמאָל פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ, מיט אײן פּולן בלאָז, און שוין אין דער פֿינצטער, האָט זי שטיל און פֿאַרשעמט אַ זאָג געטאָן צו דער שוועסטער:

— גײ שלאָפֿן!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַכט. זלאַטע האָט לאַנג געמײנט, אַז זי שלאָפֿט שוין, נאָר אַט האָט זי זיך געכאַפּט אַז נײן, זי שלאָפֿט ניט. עס האָבן זיך פֿון ערגעץ געריסן בלײַענע קײקעלאַך, זײַנען געפֿאַלן און זײַנען ניט געוואָרן. דערנאָך האָט געקלונגען אין דער פּוסטקײט, און זלאַטע איז געלעגן מיט אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ, האָט זיך צוגעהערט און האָט גאָרניט געהערט. דאָס גאַנצע לײַב אירס איז אויפֿגעגאַנגען, ווי אויף הײוון, האָט געצוקט מיט אַ זיסן ווײטיק, און אַט כאַפּט זי זיך פּלוצלונג אויף, שפּאַרט זיך אָן אויף די עלנבויגנס, און קוקט זיך אויף די נאַקעטע שטי־קער לײַב, און אַט גראָבט זי זיך נאָר אײַן אין די קישנס, אַז זי קען אַזש ניט אָטעמען. זי האָט געפֿרעגט בײַ דער שוועסטער, צי זי שלאָפֿט, און ציפּע האָט איר ניט געענטפֿערט, נאָר זלאַטע האָט איצט געקוקט אין דער פֿינצטער, און האָט גערעדט צו דער שוועסטער, אַז זי איז איר מוחל, וואָס האָט זי סײַדן געטאָן? זי האָט גאָרניט געטאָן...

פֿון זלאַטעס אויגן קײקלען זיך טרערן, שווערע, אָנגעגאָסענע, און די טרערן גלעטן רחמנותדיק איר פּנים, און זי האָט טאַקע אויף זיך רחמנות. נאָר אַט דערהערט זי, ווי ערגעץ ווײַט פֿאָרן פֿערד, עס קלאַפּן פּאַיעטאַנעס. זלאַטע גיט זיך אַ כאַפּ און הערט זיך צו, און יאָ, יאָ! מען עפֿנט שוין אַפֿילו דעם טויער, מען פֿאָרט שוין אַרײַן אין הויף. זלאַטע וויל זיך אַ ריס טאָן, לויפֿן צו זײ אַנטקעגן, נאָר זי גיט אַ פֿאַל אויף די קישנס און בלײַבט

ליגן ווי א געהלשטע. און זיי דארט, אין הויף, האבן שוין אויסגע־
שפאנט די פערד און זיינען אריינגעקומען אין שטוב. שמואל איז זיך
אוועק צו זיין געלעגער און יאסקע צו זיין געלעגער, און מאירקע האט
אראפגעשלעפט פון זיך די שטיוול, נאר ער האט זיך ניט אוועקגע־
לייגט. ער איז געשטאנען א רגע, און א בארוועסער, א שטילער,
האט ער זיך צוגעשטארט צו זלאטען. זלאטע האט געמיינט, אז זי
גייט אויס. און מאירקע איז געשטאנען איבער איר אן אריבערגע־
בויגענער, ווי א האלבע לבנה, ווי א שווערד. זלאטע האט מיטאמאל
געעפנט די אויגן, און זייערע ביידנס אויגן האבן זיך צונויפ־
געגאסן, האבן זיך צוזאמענגעשמאלצן, ווי רויטער אייזן,
און זלאטע האט אויסגעצויגן אירע שווערע ארעמס און האט אים
איינגעקלאמערט.

מאירקע איז באלד איינגעשלאפן, א נאענטער, א ליבער, און
זלאטע האט געזען, אז ער שלאפט שוין, נאר פונדעסטוועגן האט
זי געערעדט צו אים, א קלוגע, א געערעכטע:

— זעסט, האסט מיך געפאלט, איז דיר גוט!

און זי איז אויך אנטשלאפן געווארן, אזוי ווי ער. מאירקע
האט זיך אויפגעכאפט שפעט אויפן טאג, שפעטער איידער אלע
מאל, און ער האט עפעס ניט געוואוסט פאר וואס עס איז אים
היינט אזוי גוט, און גוט איז אים געווען אין אלע זיינע אברים,
און א פארטראכטער, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, האט ער
אראפגעשטעלט זיינע בארוועסע פיס אויף דער נאקעטער פאדלאגע.
אין דעם אנטקעגנדיקן פענצטער האט געבליאסקעט די זון, ווי א
שטיק זילבער, און איבער דער שטוב האט זיך זלאטע ארומגעדרייט
אן א קאפטל, אין אן אונטערקליידל, און — ווי גארניט. זי האט
דערהערט, אז ער איז שוין אויפגעשטאנען, און אז זי האט זיך
געגעבן א קער אום צו אים, מיט איר גאנצן לייב, האבן זיך שטארק
א וויג געטאן אירע פולע, אנגעגאסענע ברוסטן. זי האט אים
אפגעגאסן מיט איר ריח און האט אים געוויזן די ציין:

— ביזט שוין אויפגעשטאנען?

זי האט אים, דוכט זיך, עפעס אונטערגעטראגן, ווי אויף א
טעלערל, און אין דער גאנצער שטוב איז מיטאמאל געווארן אזוי
ענג, אז ער האט זיך אויפגעהויבן פון בעט, איז דורכגעגאנ־

געז פארביי זלאטעז און איז ארויס פון שטוב. נאר אויפן שוועל פונם פארהויז האט אויף אים א יאג געטאן דער ליכטיקער טאג פון אלע זייטן, און א פארשעמטער, אן איינגעשרומפענער איז ער צוריק אריין אין שטוב, האט אנגעטאן די שטיוול און איז עפעס געבליבן אט־אזוי־א, נאר זלאטע האט שוין פארטיק געהאט דעם וואַרעמעס, און זיי האבן זיך באלד אלע געזעצט ארום טיש. זלאטע האט דערלאנגט דאס עסן, האט געטיילט די חלקים, און די פולע, נאקעטע ארעמס אירע זיינעז ארומגעשוואומען ארום טיש, האבן זיך אזש מחיה געווען, בליצנדיק יענעם פאר די אויגן, און זי אליין, זלאטע, האט אויך געשיינט, און מאירקען האט זיך אויסגע־וויזן, אז זי דערציילט, וואס עס איז געווען היינט פארטאג, וואס עס איז פארגעקומען. זי דערציילט עס הויך אויפן קול פאר אלעמען, און ער האט אומעטיק געקוקט אויף איר און האט אומעטיק געטראכט:

— ביזט א פאסקודנע, זלאטע, א פאסקודנע!

XLVIII.

נאר ער האט זיך אונטערגעגעבן, און צו זלאטען קיין טענות האט ער שוין מער אויך ניט געהאט. נאר ביי זיך אליין פלעגט ער נאך אמאל טראכטן, ווי אנכאפנדיק זיך אן א שטרוי, אז ער איז ניט ווערט, וואס ער לעבט אויף דער וועלט, וואס עס טראגט אים די ערד. אין שיינק דערלאנגט דאס פלעשל בראנפן א געזונטע, א גלאטע שיקסע, און מאירקע קוקט אויף איר, טראכט, און עס פאלט אים איין, ווי א בליץ פאר די אויגן, ווי א שניט איבערן הארצן, אז ווען מען וואלט דער שיקסע אפגעהאקט דעם קאפ, וואלט זי אויסגעקוקט פונקט ווי זלאטע, וואלט געווען א זלאטע. און ער בויגט זיך אזש אן צו דער שיקסע, ער וויל זען ווי זי שמעקט, ער וויל הערן איר ריח. ער איז ניט שיכור, ער טרינקט גאר אפילו ניט, נאר אז ער סקריעט מיט די ציין, קוקט ער אויס ווי א משוגענער, און די שיקסע דער־שרעקט זיך פאר אים:

— וואָס איז? וואָס שטופּסטו מיר דעם נאָז דיינעם? !

מאַירקע לאָזט אַראָפּ די אויגן, לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ און ענטפערט איר, פאַרענטפערט זיך, ווי זי וואָלט אים טאַקע געכאַפּט ביי דער האַנט:

— גאָרניט...

די שיקסע גלויבט אים ניט, און ער ציט אפילו אויס אַ האַנט, און גיט איר אפילו אַ גלעט מיט די שפּיץ פינגער דעם אויסגעפּילטן אַרעם אירן, נאָר זי שליידערט אָפּ פון זיך די האַנט זיינע, און לאָזט זיך אַוועקגיין. זי גייט פּאַמעלאַך, פויל, און אַז זי גייט וויגן זיך ביי איר די פולע זייטן אירע, ווי זיי וואָלטן געמאַכט פון איר אַ וואָרע, און מאַירקע קוקט איר נאָך, שמייכלט, און זי רעדט נאָך אַלץ צו זיך אַליין:

— איך האָב פיינט אַזאַ איינעם!

מאַירקע וויל אַמאָל מיטנעמען מיט זיך זלאַטען אין שיינק אַריין, און ווייזן איר די שיקסע — נאַ, קוק זיך אָן! און אַמאָל טראַכט ער, מיט אַ בלייענעם אומעט אַזאַ אויף דער נשמה, ווי בלייאיק עס איז דער פאַרטאָג, ווען מען קוקט אויף אים פון דער וואָרימער בעט אַרויס, און די בעט איז אָנגעפּילט מיט זלאַטעס איבעריקן ליב, — אַז אפשר איז טאַקע זלאַטע גערעכט, אפשר!

נאָר וואָס עס ליגט ביי זיך אויף דער נשמה, טיף אונטערן האַרצן ווייסט דאָך קיינער ניט, און מאַירקע איז זיך דערווייל צוריק, וואָס ער איז געוועזן אַמאָל, דער בעל־עגלה מיט די רייכע פערד און רייכע פאַיעטאָנען, דער ערשטער אויף דער סטאַנציע און דער ערשטער פון דער סטאַנציע, און זלאַטע ציטערט איבער איר גליק, האָט מורא פאַר אַן עין הרע, און זי שעפּט זיך אין דער שטיל איר נחת מיט פולע עמערס, אַז עס גייט אַזש אַריבער.

די טעג שטעלן זיך איצט קאַלטע, נאָר קורצע אַזוינע, ווי מיט אָפּגעהאַקטע פּיס. באַלד, ווי מען עסט נאָר אָפּ דעם וואַרעמעס, איידער מען קוקט זיך נאָך אַרום, רוקט זיך שוין אָן דער פאַרנאַכט, ווי עס וואָלט פּלוצלונג פאַרוואָלקנט געוואָרן דער הימל. נאָר עס פאַלט ניט אַרויס קיין שניי, עס איז אַ טרוקענער ווינטער, און די שווערע, געפרוירענע בלאָטעס, האַרטע ווי אייזן, האָבן אויס־געביסן גאַנצע גריבער, אין דעם לאַנגען און גלייכן וועג, וואָס

פירט צו דער סטאַנציע. די פערד ברעכן זיך די פיס, עס איז אַ צער אויף זיי צו קוקן, און אַז מען קומט איצט אַהיים מיט גאַנצע רעדער, מיט גאַנצע ביינער, מעג מען טאַקע בענטשן גומל. מאירקע וויל אַמאָל ניט פאָרן, ער וויל ניט איינשטעלן, זאָלן אַנדערע כאַפּן די גליקן, נאָר שמואל וויל אַפילו ניט הערן פון דעם. שמואל פאָרט איצט יעדן טאָג צו דער סטאַנציע, עס מעג זיך אַפילו איבערקערן אַ וועלט, און ער קלייבט אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, אַ קערבל צו אַ קערבל, און אַז עס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן אַ שיינע מטבע, איז ער אַוועק אויף דער ברייטער, פּריצישער גאַס, איז אַריין אין אַ רייכער קראָם און האָט דאָרט געקויפט אַ בראַסלעט. דער קרעמער האָט אים אַפריער געוויזן אַ שמאָלן, אַ דינענקן בראַסלעט, און שמואל האָט געכאַפּט אויף דעם אַ קוק, פון דער זייט נאָר, און האָט געשאָקלט פון דער זייט אויף ניין. דער קרעמער האָט אַרויסגענומען אַן אַנדער בראַסלעט, און נאָך איינעם, און נאָך איינעם, ביז ער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ בראַסלעט — ווי אַ קייט — אַ ברייטן, אַ גראָבן און אַ שווערן. שמואל האָט גענומען דעם בראַסלעט, האָט אים אַוועקגעלייגט צו זיך אויף דער לאַדאָניע און האָט לאַנג געקוקט אויף אים, ווי אויף עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך אַזאַ:

— אַ גילדערנער?

— נו, וואָס דען? אודאי! בראַסלעטן מאַכט מען נאָר פון גאָלד. איר זעט ניט?

שמואל האָט אָנגענומען דעם בראַסלעט מיט צוויי פינגער, האָט אים איבערגעלייגט אויף דער צווייטער לאַדאָניע, און האָט ווייטער געקוקט. זיין פּנים האָט זיך מאָדנע געווייטלט און ער האָט שטיל גערעדט:

— פון ריינעם גאָלד... ריינער גאָלד איז דאָך גינגאָלד, איאָ?

אַמאָל, נאָך אַמאָל, האָט שמואל געשליידערט מיט בראַסלעטן און פינגערלאַך די מוידן גלייך אין פּנים אַריין, און די מוידן האָבן אַרויפגעקוקט צו אים זאַטע, ווי די קעץ און געשלאָגענע, ווי די הינט — אָט אַזוי דערמאָנט מען זיך אַמאָל אויף דער עלטער אָן דעם גלאַנציקן גערויש פון טייך, וואו מען האָט זיך געשפּילט, ווען מען איז געווען אַ אינגל...

שמואל האָט באַהאַלטן דעם בראַסלעט ביי זיך אין קעסטל, וואָס ער האַלט אונטערן בעט, און מער גאָרנית. נאָר עפּעס האָט אים פּאָרט געריפּעט ביים האַרצן, און איין שיינעם טאָג אַרום האָט ער אַרויס־געכאַפּט דעם בראַסלעט פון קעסטל און האָט אים פאַררוקט אין די הויזן־קעשענעס. ער האָט עס געטאָן אויף גיך, און עפּעס באַהאַל־טענערהייט, ווי אַ גנב. און פון די הויזן־קעשענעס האָט ער אין אַ טאָג אַרום איבערגעלייגט דעם בראַסלעט אין דער בוזים־קעשענע אַריין, און פון דאָרט ווידער אין אַן אַנדער קעשענע. נאָר אומגע־גאַנגען איז ער נאָך אַלץ ווי ניט ביי זיך, ווי מיט פאַרשטעלטע אויגן. ביז איין מאָל, ווען מען איז געזעסן ביים טיש און מען האָט געשמאַק געגעסן דעם וואַרעמעס, האָט ער פּלוצלונג אַרויסגעכאַפּט דעם בראַסלעט, האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם גאַנצן טיש און האָט דעם בראַסלעט אַוועקגעלייגט פאַר ציפּען. ציפּע האָט זיך דערשראָקן, האָט ניט געוואוסט וואָס און ווען, און אַ דערשראָקענע האָט זי זיך פאַמעלאַך צוגענומען פון בראַסלעט, און דער בראַסלעט האָט געקוקט אויף איר, ווי עפּעס אַ חיהלע אַזאַ, וואָס קען זי נאָך אַ בים טאָן, און שמואל האָט געמאַכט מיט די ליפּן, ווייך, און האָט אַרויסגעמורמלט, אַזוי ווי סאַמעט:

—פאַר דיר... אַ דרשה־געשאַנק!

זלאַטע האָט די ערשטע אַ כאַפּ געטאָן דעם בראַסלעט, האָט זיך אים אָנגעמאַסטן, אַ צעפלאַמטע, אַ גליקלאַכע, און יאַסקע האָט אַרומגעפּאַדעט דאָס אַרום דעם און דאָס אַרום יענעם, און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז ער איז אַ דימענטענער, אַן אַ גאָל. ער פאַרשטעלט זיך נאַר!

און ציפּע איז נאָענט אַזוי געשטאַנען לעבן שמואלן. זיי זיינען ביידע געווען אָפּגעטיילט פון אַלעמען, און ער האָט געפילט אויף זיך איר אָטעם, האָט געפילט, ווי עס ציטערט אויף איר די הויט אירע.

— איצט זע איך טאַקע, אַז דו האָסט מיך ליב...

זי האָט זיך שעמעוודיק געריטלט ווי אַ מיידל, אַן אומעטיקע און אַ גליקלאַכע, ווי אַ מיידל! און ער איז געשטאַנען פאַר איר,

אז כאטש נעם און פיר אים פאר א שטריקל. ביים טיש איז גע־בליבן נאר איין מאירקע, און ער האט א נעם געטאן דעם בראס־לעט, האט לאנג געקוקט אויף אים, און ווען ער האט זיך געכאפט, וואס ער טוט, האט ער זיך אזש דערשראקן — ער האט שיער ניט צעקוועטשט דעם בראסלעט.

אין דרויסן האט זיך שוין געלייגט דער פארנאכט, און זיי דא האבן זיך באלד א כאפ געטאן, ווי פון שלאף, און האבן זיך געלאזט שפאנען די פערד. נאר שמואל איז זיך געשטאנען אין א זייט, מיט פארלייגטע הענט, און א פוס אויף א פוס, — ווי ניט אים מיינט מען עס. אזוי שטייט מען אין א שבת נאכן קוגל, אזוי ווארעמט מען זיך אמאל אויף דער זון, און מאירקע האט א געשריי געטאן צו אים:

— נו, שפאן שוין, ווארטסט אויף כיבוד?

שמואל האט אים אנגעקוקט, אט ווי ער, מאירקע, וואלט געווען א גרויסער נאר, וואלט גארניט פארשטאנען, און מאירקע איז ניט אין כעס געווארן אויף אים, האט זיך קלוג פון אים אפגעקערט און האט אים שוין מער ניט געטשעפעט.

און אט איז שוין אנגעקומען דער פרייטיק, ווען עס האט גע־דארפט געווען זיין די חתונה. מען האט זיך, דאכט זיך, לאנג גע־ריכט אויף דער חתונה, זייער לאנג, נאר אז עס איז טאקע געקומען, איז עס עפעס געקומען אזוי פלוצלונג, ווי אראפגעפאלן פון הימל. זלאטע האט זיך אויפגעכאפט פארטאג, נאך איידער מען איז גע־קומען פון דער סטאנציע, און זי האט זיך גלייך געכאפט פאנאנדער־שטעלן די לאנגע, שווערע טישן, וואס מען האט געליען אין שול, ווי עס פירט זיך צו א חתונה. א מענטש, אבי ער לעבט, דערלעבט ער זיך צו אלץ, גאט אין הימל! און אט איז מען געקומען פון דער סטאנציע, און מען איז אריין אין שטוב, אזוי ווי אלעמאל, דוכט זיך, נאר קיינעם פון זיי איז אפילו ניט איינגעפאלן, אז מען קען זיך לייגן שלאפן, אז מען קען זיך צולייגן כאטש אויף א רגע. יאסקע איז אוועקגעפארן צום טייך נאך א פריש פעסל וואסער, און שמואל האט געהאלפן זלאטען, און מאירקע האט ארומגעטאנצט מיט דער לאנגער, דעמבענער באנק, האט אזש שווער געסאפעט, און האט ניט געוואוסט אוואו זיך אהינצוטאן מיט דעם.

צו די פענצטער האט זיך שוין געקלעפט דאס בלייכקייט פון טאג, ווי דער טוי וואס גייט אויף פון דער ערד, ווי א וואלקן און באלד איז באשע געקומען, ציפעס אמאליקע חברטע. באשע איז שוין לאנג ביי זיי ניט געווען, און געקומען איז זי איצט, פארטאג, א צעקנייטשטע אינגאנצען, ניט קיין אויסגעשלאפענע, ניט קיין פאר־קעמטע אפילו, און א פארטראכטע עפעס, א פארזארגטע. ציפע איז זיך די גאנצע צייט געלעגן אין בעט, האט געקוקט אויף אלע און אויף אלעמען, נאר אז באשע איז אריין אין שטוב, האבן זיך ציפעס אויגן פארלאפן מיט טרערן:

— באשע!

און באשען איז גלייך ניט געפעלן געווארן, ווי זלאטע האט אויס־געשטאט די טישן — ניט אזוי דארף מען! און זלאטע האט זיך ניט געאמפערט מיט איר, נאר גראדע פארקערט, זלאטע האט איר מיט א גוטסקייט אין דער נשמה אוועקגעגעבן דאס גאנצע באלעבאטיש־קייט, זאל זי טאן וואס זי וויל, און באשע האט געקאמאנדעוועט מיט אלעמען, האט געשריען אויף אלעמען, און זיי האבן זי אלע געפאלגט. יאסקע איז צוריקגעקומען פון טייך מיטן פעסל וואסער, אך, סארא וואסער! קריסטאל! אט זאל מען פארזוכן! און אליין איז ער געשטאנען אין מיטן שטוב, מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס, און האט געזופט פון דער גרויסער, קופערנער קווארט מיט אזא זשעדנעקייט, ווי א פערד, אז זלאטע האט זיך אפגערופן צו אים:

— הער זיך שוין אויף צו שפילן. גענוג!

ביי זלאטען האבן זיך געטרערט די אויגן, און גוט איז זי געווען, ווי א מאמע צו אלעמען. און יאסקע איז געבליבן מיט דער קווארט אין די הענט, האט ניט געהאט וואו אהינצוטאן די אויגן, און באשע האט זיך פלוצלונג א כאפ געטאן — זי מוז לויפן אהיים, זי מוז דאך מאכן דעם שבת! באשע האט זיך געלאזט גיין צו דער טיר, נאר דא האט זיך זלאטע א כאפ געטאן נאך איר, און האט איר פארשטעלט דעם וועג. זלאטע האט איר געוואלט איבערגעבן, ווי שטארק זי דאנקט איר פאר אלץ, ווי שטארק זי שעצט אלץ, און זי האט זיך אזש געריבן די הענט:

— זאל דער אויבערשטער געבן, ביי דיר אינגיכן!

באשע איז מיטאמאל געווארן אומעטיק, שטארק אומעטיק, און

זלאַטע האָט זי איצט אַזוי געזשאַלעוועט, האָט אַזוי רחמנות געהאַט אויף איר, ווי אויף אַן אייגענער שוועסטער:

— איך וועל דיר אָפּדינען, זאָל נאָר דער אויבערשטער געבן!

ביי באַשען האָבן זיך נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט די אַקסלען, און זי איז אַרויס פון שטוב, און ווען זי איז שוין געווען אין פאָר־הויז, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַרויסגערעדט דורך טרערן:

— אַ דאַנק!

זלאַטע האָט צושניטן אויפן באַנק אַ גרויסן הערינג, ווי אַ פיש, און זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט אַרום איר און האָבן גע־שמאַק געגעסן, מיט הנאה. זלאַטע האָט אויך געגעסן אינאיינעם מיט זיי, נאָר זי האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן באַשען, באַשע איז איר נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן:

— אַ רחמנות נעבאָך אויף איר. זי וויל, נעבאָך, חתונה האָבן!

דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די באַנק, האָט צונויפגעשאַרט די ברעקלאָך, און מער איז שוין גאָרניט געווען וואָס צו טאָן, און יאַסקע האָט זיך צוגעגנבעט צו ציפּען און האָט איר אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער אַריין, אַז היינט איז שוין טאַקע די חתונה. ער האָט זיך דערביי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, און ציפּע האָט פויל, און אַן אַ שייכות צו זיך, אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז אַ וואַוילער...

באַשע האָט זיך ניט לאַנג געזאַמט אין דערהיים, נאָר צוריק־געקומען איז זי שוין דערנאָך אַן אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ און מיט אַ זאַנטיק אין די הענט, אַז עס האָט אַזש געשמעקט פון איר. זי איז, אַ געהויבענע, אַריין אין שטוב, ווי אַן אמתער גאַסט, ווי אַ פרעמדע, און זי האָט זיך צוקושט, אַפריער מיט זלאַטען, דערנאָך מיט ציפּען און דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אַפריער מאירקן, דערנאָך יאַסקען, דערנאָך שמואלן:

— איך ווינטש אייך אַלעמען גליק!

דערנאָך האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם זאַנטיק, האָט אַראָפּגע־נומען דאָס היטעלע און זלאַטע האָט נחתדיק געקוקט אויף איר די גאַנצע צייט: באַשע ווייסט גראָדע יאָ, ווי עס פירט זיך ביי מענטשן, ווי עס פירט זיך ביי לייטן...

און באלד זיינען אויך אנגעקומען די מחותנים, אלע אינאיינעם און מיט א שווערן גערויש, ווי סאלדאטן. עס זיינען געקומען עט־לאכע באלעגאלעס און עטלאכע בינדוזשניקעס — קורצע, שווערע אידן, מיט שטארקע פלייצעס און אין הויכע, שווערע שטיוול, וואס האבן געשמעקט אזוי געשמאק מיט פרישן דזשעגאכץ.

די חופה איז געווען אויפן הויף, און ביי יאסקען האבן געצי־טערט די קני, און בלייך איז ער געווען ווי די וואנט, און ער האט גע־האלטן אין איין קוקן אויפן עולם, האט זיי אלעמען געוואלט זען. ער קען זיי, דוכט זיך, אלעמען, נאר ער וויל זיי זען. און ציפען האט גארניט געארט. זי האט געטאן אלץ, וואס מען האט איר געהייסן, ווי א פרא אדם, ווי א שטיק פלייש. מען האט איר געהייסן גיין, איז זי געגאנגען, מען האט איר געהייסן זיצן איז זי געזעסן, און אז מען האט איר געהייסן ווידער גיין, איז זי ווידער געגאנגען. עס האט ביי איר געפלאמט דאס פנים, און די הענט אירע, זייער בלייכע הענט, האט זי געהאלטן צעשפרייט ביי זיך אויפן בויך, און זיי האבן אויסגעקוקט ווי די ווייסע פליגלען.

און זלאטע איז זיך געשטאנען אן א זייט, איינינקע אליין, ווי א פרעמדע, און זי האט זיך שטיל געצאפלט, און שטיל געפלאמט, ווי א ליכט. דער אלטער דין האט מיט איין האנט אנגענומען דער כלהס האנט, און מיט דער צווייטער האט ער געהאלטן דאס קרושין־פינגערל און אפגעשטעלט האט ער זיך אויפן חתן:

— זאג מיר נאך: הרי את מקודשת לי...

דער עולם ארום דער חופה איז געשטאנען א שטילער, א פאר־כאפטער ביי דער נשמה, און זלאטע האט געוואוסט, אז איצט דארף זי ארויספלאצן אין א געוויין, זי איז דאך א געטרייע שוועסטער. נאר דא האט זי זיך פלוצלונג דערמאנט, ווי מיט א פלאקן איבערן מוח, אז זי האט גאר פארגעסן אויפן טאטן, זי האט אים אפילו ניט געשריבן וועגן דער חתונה. אוי־ווי! זלאטע האט זיך א ריס געטאן פון ארט, ווי זי וואלט געדארפט ער־געץ לויפן, נאר דער עולם ארום איז שוין געשטאנען לעבן איר, און מען האט צו איר געשריען פון אלע זייטן, ווי מען וואלט זי גע־הויבן אין דער לופטן:

— מזל־טוב! מזל־טוב!

און אַט איז באַשע צוגעלאָפן צו איר, האָט אַזש אַרייַנגעכאַפּט איר פּנים איןביידע הענט, און האָט גענומען שרייַען, מיט באַנו־מענע קולות פון איר איינגעשרומפּטן בויך אַרויס:

— מזל־טוב, זלאַטע, מזל־טוב!!

זלאַטע האָט געקוקט אַ צעמישטע, און דער עולם אַרום האָט זיך צעשאַטן איינגעשטילט, און צו זלאַטען איז באַלד צוגעגאַנגען דער אַלטער דין:

— מזל־טוב אייַך, מחותנתטע!

דער אַלטער דיין איז דערנאָך אַפּגעטראַטן אַז אַ זייַט, און זלאַטע איז צוגעגאַנגען צו דער כּלה, און לעבן דער כּלה איז געשטאַ־נען דער חתן. ער איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט, נאָך אַלץ אַ בלייכער ווי די וואַנט. נאָר אַז ער האָט דערזען לעבן זיך זלאַטען, האָט זיך די פאַרבאַרגענע פרייד אין אים אַ שאָס אַרויס געטאָן אין פּונקטן, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי אַן אָדלער.

אַרום האָבן אַלע געשוויגן, און דאָס שווייַגן זייערס האָט אויס־געמויערט אַ פעסטקייט, און זלאַטע האָט ווייט אַזוי געהערט איר איינענעם קול:

— מזל־טוב דיר...

— מיט מזל זאָלסטו לעבן...

אין שטוב האָט זיך דער עולם מיט רעש אַרומגעזעצט אַרום די טישן, מיט רעם חתן און מיט דער כּלה אויבן־אָן, און באַשע מיט זלאַטען האָבן דערלאַנגט צום טיש. שמואל האָט זיי געהאָלפן, האָט אַרומגעטאַנצט ווי קוועק־זילבער, אַ דינער, אַ צאַפּלדיקער אַזאַ, אין זייַן נייעם קאַרטענעם גאַרניטור, און אַז ער האָט געטראָגן די פולע טעלער, די פולע שיסלען, האָט ער שטאַרק געציטערט איבער דעם, אַז עס זאָל זיך ניט פאַרגיסן, עס זאָל זיך ניט אויסשיטן...

דער אַלטער בעל עגלה, ביי וועמען מאיר׳קע איז אַמאָל גע־ווען אַ שמייסער, האָט זיך דער ערשטער אָנגעגאָסן די גלעזל, האָט אַלעמען אָנגעגאָסן די גלעזלאַך, און האָט דער ערשטער אַרויס־געזונגען:

— לחיים! לחיים חתן, לחיים כּלה! זאָל גאָט געבן מיט גליק, מיט הצלחה, מיט לאַנגע יאָר! פּרו ורבו!

פון עולם ענטפערט איינער, אָמן! און איינער ענטפערט מיט

א לחיים, און נאך איינער זאגט גאלע גאר ניט, נאר טרינקט זיך גלאט אזוי, א גלעזל נאך א גלעזל, און דער בראנפן ברענט ווי א פייער און גלעט ווי א סאמעט, און דער אלטער לעקט מיט'ן צונג, הערט דעם שארפן טעם מיט זיינע אברים, און ער צעשטראלט זיך אזש פאר שמחה: — לחיים! און נאך א מאל און נאך א מאל, פון אלע זייטן — לחיים! לחיים!!

די לחיים'ס טראגן זיך ווי כוואליעס, און גיסן זיך צענויף אין א רעגן־בויגן, ווי נאך א זון מיט א רעגן, און זלאטע קוקט אויף דעם, און זי זעט אלץ, אלץ! און כאטש גיב זיך א כאפ פאר די הענט און זינג און טאנץ:

> א זון מיט א רעגן,
> די כלה געלעגן,
> דער חתן געקומען —
> די כלה אוועקגעשוואומען!

די טישן זיינען אנגעשטעלט מיט אל־דאס־גוטס, און דער אויסגעפאטשטער לעקאך, און די געפילטע קארפ, די געבראטענע גענז, עס איז אלץ אזוי געשמאק, אז עס צעגייט ממש אין אלע אברים, אין יעדן גליד, און דער עולם איז טאקע שטארק פארטאז, מען עסט געשמאק און אויף גיך, מיט א כאפעניש, אז עס איז א מחיה צו קוקן. מען צופט גרויסע ביסנס מיט די נאקעטע ציין, עס קנאקט, און איידער מען צעקייט נאך רעכט א ביסן, אזוי שלינגט מען עס שוין אראפ, און מען שמאטשקעט אזש צו מיט די ליפן — געשמאק!

זלאטע מאכט זיך ניט גרוים, זי גרויסט זיך ניט, זאל דער אויבערשטער אויסהיטן, נאר זי האט א סך אנגעגרייט, זייער א סך, עס וועט סטאיען, עס וועט קלעקן, עס וועט נאך איבערבלייבן! און זי דערלאנגט טאקע באלד נאך א פאלומעסאק, און אויפן פאלומעסאק ליגט זיך א געבראטענע גאנדז, א ברוינע אזא, א גלאנציקע, ליגט זיך אין וואוילטיק, אז ביי דעם אלטן וואסערט זיך דאס מויל, עס וואסערן זיך די אויגן, און ער גיסט אויף גיך אן א גלעזל, און ציט עס אוים צו מאירקען:

— נו, מאירקע, לחיים! פיין! האסט מיך טאקע באגראבן, גאר איך האב צו דיר גאר ניט, איך פריי זיך אויף דיין שמחה! מאכסט חתונה א שוועגעריז, פיין, לעבסט ווי א מענטש!

מאירקע נעמט דאס גלעזל, נאר ענטפערן דעם אלטן ווייסט ער ניט וואס, און ער פינקלט מיט די אויגן, און זלאטע שטייט לעבן מאירקען, און זי קען שוין, דוכט זיך, ניט אריבערטראגן דעם אייגענעם גליק אירן, זי אטעמט קוים, און זי פארעט זיך אליין, פארטומלט זיך אליין:

— עסט!.. עסט!..

און אין די אויגן שטייען טרערן, לאנגע, פולע, ווי די זאפטיקע טרויבן, און דאס הארץ שפרינגט אקארשט ניט ארויס, ווי א פייגעלע אויף דער זון.

דער עולם ביים טיש האט זיך שוין גוט אנגעגעסן, מען דארף שוין ניט כאפן, מען קען שוין ניט כאפן, און מען נעמט שוין טאקע עסן פאמעלאך, מיט קאפ, מיט טעם, און מען האט שטארק הנאה פון יעדן טרונק בראנפן, פון יעדן ביס, פון יעדןביינדעלע. דער אלטער האט שוין אריינגעגאסן אין זיך א היבש ביסל, ער איז שוין שכור, און ער קוקט אויף חתן־כלה און לאכט געדיכט, ווי ער וואלט עפעס געוואוסט, א פארבארגענע זאך אזא, און אט גיט ער זיך א הויב אויף פון ארט, גיט א פיר מיט די הענט איבער'ן טיש, און אז עס ווערט שטיל, שטעלט ער אן די ברוסט ווי א סאלדאט, און הויבט אן צו זינגען, ווי פון א געשפאלטענעם טאפ ארויס:

די בייטש קנאקט אין דער לופטן,
שליינגלט דורך די ערד,
ציגיינער זייגען שכור —
גנבענען זיי פערד!

און ארום טיש כאפן באלד אלע אונטער און גיבן א קנאק ארויס:

גנבענען זיי פערד!

באשע האט זיך נוט אָנגעהאַרעוועט פאַר'ן טאָג, און אַז דער אַלטער האָט זיך פאַנאַנדערגעזונגען, איז זי צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך אַנידערגעזעצט. דער אַלטער האָט געזונגען מיט'ן אומעט פון אַ שיכורן, און דער געזאַנג זיינער איז אַריין צו איר אין די ביינער אַריין, האָט זי פאַנאַנדערגענומען, און זי האָט זיך באַלד אַליין פאַנאַנדערגעזונגען, ווי זי וואָלט געווען איינס מיטן אַלטן:

שווער און פינסטער איז מיין לעבן,
עלנט ווי אַ שטיין, מיין האַרץ,
טראָג איך ווי אַ האַרב, מיין מזל,
און ניי מיט טרערן אויס מיין קלייד —
מיט טרערן, ווי מיט פערל,
מיין ווייסע חופה־קלייד!

שטיל און אמתדיק האָט זיך געגאָסן איר געזאַנג, ווי דאָס מודה זיין זיך פון אַ מענטשן, און אַרום טיש האָבן אַלע געשוויגן, אפילו דער אַלטער.

נאָר קיינער קומט מיך ניט אָנקוקן,
און צו דער חופה פירט מיך קיינער ניט,
און די קלעזמער, וואָס זיי שפּילן
דערמאָנען מיר מיין נויט —
איז מיר מיין חופה־קלייד ניט ניחא,
און איך ווינש אויף זיך דעם טויט!

שמואל איז געזעסן ניט ווייט פון ציפּען, איז זיך געזעסן אַזוי ווי פריער, ער האָט זיך ניט געמישט מיטן עולם, ער האָט שאַרף אַריינגעשניטן זיין בליקן, דינעם פּנים, איז איינגעגאַנצן געווען ווי אַ פאַרגליווערטער, אַן אָפּגעשטעלטער, און נאָר די האַנט זיינע, אַ רואיקע, האָט אים איטלעכע ווײַלע אונטערגעטראָגן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. באשע האָט מער ניט געזונגען, און שמואל האָט צו איר אויסגעצויגן דיזעלבע רואיקע האַנט און האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ רייף.

— האב גאר מיט מיר חתונה, אפילו באלד!

באשע האט שטארק געפילט אויף זיך די האנט זיינע, און אלץ אין איר האט אויפגעציטערט. און זי האט אים געלאזט. נאר זי האט זיך באלד א כאפ געטאן. און זי האט גענומען אירע ביידע הענט און האט אים כלומרשט גענומען אפשטויסן פון זיך — זי האט נאכגעמאכט די יונגע מיידלאך:

— גייט שוין, גייט!

— אן קאטאוועס!

ער האט ניט געלאכט, ניין, ער האט ניט געלאכט, און באשע איז טאקע מיט אמאל געווארן יונג, מיידלש, אט ווי עס וואלט זי מיט אמאל אנגערירט א כישוף אזא. זי האט זיך א כאפ געטאן פון ארט, און ער האט זיך אויך אויפגעהויבן אינאיינעם מיט איר. ער האט זי הארט געדריקט צו זיך, מיט זיינע ביידע הענט, און זי האט געקוקט אויף אים מיט א לויזן מויל, מיט צעשוואומענע אויגן, און די גרויסע, רייכע ברוסטן אירע האבן איר טוטווייאיק געציטערט, האבן זיך געצאפלט. זי האט הייזעריק געשלוקערצט, פארשטיקט, און ער האט זיך געבויגן איבער איר א גאנצער פון קאפ ביז די פיס, ווי פון איין שטיק אייזן. ער האט ניט געאטעמט, אזוי איינגעשפארט איז ער געווען, און זי האט זיך אויך געבויגן פון אונטער אים, נאר דא האט זי זיך שיעור ניט אויסגעצויגן אויף דער פאדלאגע, איז שיעור ניט אומגעפאלן — אוי! און זי האט זיך צוגעקלעפט צו אים, האט זיך איינגעקלעפט מיט דעם גאנצן חיות פון אירע ביינער. זי איז אינגאנצן געווען א פארגליווערטע, ווי א חיה אין שרעק, ביז דער אפענער מויל אירער, א שווערער, און ווי אין א וויינענדיקער מינע, האט זיך איינגעגעסן אין אים מיט א קוש, אז ער האט דערפילט אירע נאקעטע ציין. דער ווייטיק פון איר בים איז געווען א שארפער, און שמואל האט איבערגעווארט דעם ווייטיק, און דערנאך האט ער פאנאנדערגענומען די הענט, האט זי ארויסגע־לאזט, און זי איז אפגעטראטן פון אים — זי איז שוין געשטאנען באזונדער, און צווישן זיי איז געלעגן א פוסטקייט, ווי א קאלטער שטיין. זי האט געווארט, און ער האט זיך געגלעט די טוטווייאיקע באק, א פינצטערער, א פארברענטער, און זי האט הויך א זיפץ געטאן.

זי האָט שוין געזען, אַז אַלץ איז מיט אַמאָל געוואָרן אויס, אויס! און שמואל איז טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צום טיש, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין אָרט אַזוי ווי פריער, אַזוי ווי גאָר ניט. ער האָט שאַרף אַריינגעשניטן זיין דינעם, בלייכן פּנים און די האַנט זיינע אַ רואיקע, האָט אים רואיק אונטערגעטראָגן אַ גלעזל.

— לחיים!

ער האָט געזאָגט זיין לחיים צו קיינעם ניט, צו זיך אַליין אויך ניט, ער האָט נאָר אַרויסגעשפּיגן פון זיך דאָס שטיקל בליי, וואָס האָט געשטאַכן זיין נשמה, און באַשען האָט עס אַ שמיץ געטאָן, ווי מיט אַ בייטש, אַז זי האָט זיך אַזש איינגעקאָרטשעט פון ווייטיק. ביי שמואלן אויפן פּנים האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ געלעכטער. אַזוי האָט זיך באַשען אויסגעוויזן, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אַ דערשראָקענע, האָט זיך אַרומגעקוקט, צי מען זעט ניט, צי מען הערט ניט, און האָט זיך גענומען אַרויסשאַרן פון קיך, ווי אַ געשלאָגענע. זי איז אַריין אין אַלקער, האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און ערשט דאָ, ערשט איצט, האָט זי אויסגעשאָסן אין אַ געוויין, ווי עס וואָלטן מיט אַמאָל געפּלאַצט אין איר אַלע אירע אָדערן, אינאיינעם מיט דעם גאַנצן בויך. דערנאָך האָט זי לאַנג געוויינט, עס האָט זיך איר געוויינט ווי אויף פּוטער, און גרינג האָט זי אַרויסגענומען פון זיך אַלע אירע צרות, און האָט זיי פאַנאַנדערגעלייגט אויף טעלערלאַך, און אַז זי האָט זיך אויסגעוויינט ביז צום דעק, האָט זי פאַרריכט דאָס פּנים, האָט זיך פאַרריכט די האָר אויפן קאָפּ און איז צוריק אַריין אין קיך. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, די ערשטע מינוט, אַז מען קוקט אויף איר, אַז מען טייטלט אויף איר מיט די פינגער, נאָר ביים טיש האָט זי קיינער ניט געזען אפילו, קיינער האָט זי ניט געהאַט אין זינען. זי האָט זיך דערפרייט, זי האָט שיעור ניט אויפגעלאַכט, נאָר באַלד איז איר געוואָרן שטאַרק אומעטיק, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי זאָל טאָן. זי איז געשטאַנען לעבן אַ בעל עגלה, און דער בעל עגלה האָט איינגעגראָבן אַז טיש זיינע שטאַרקע עלנבויגנס, האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ זיינעם אויף די אונטערגעשפּאַרטע הענט, און ווי ער וואָלט איצט אַליין געוועזן אין מיטן

וועג, איינער אליין אין מיטן פעלד:

װױא, װױא, דו פערדל מײנס,
פיר מיך ביז צום קבר,
אלט בין איך װי דו,
און װי דו, אַן צײנער!

פיר מיך ביז צום קבר!

באשע האט די הענט אירע געלאזט ליגן ביי דעם בעל עגלה אויף די אקסלען, און ארום טיש איז געווען פריילאך, נאר יעדער איי־נער איז עפעס געזעסן באזונדער, אליין, מיט איבערגעגעבנקייט צו יענעם און מיט רחמנות צו זיך. די חתונה האט זיך געצויגן ביז שפעט אין דער נאכט אריין, און די נאכט אין דרויסן איז געווען א שווערע, אַן אנגעווייקטע. א זאטער וואלקן האט פארשטעלט די לבנה, און נאר וואו־ניט־וואו האט זיך דורכגעשטאכן א שטערנדל, די גרויס ווי א טרער, און — ווי אויף א געלעכטער. די נאכט האט געקלעפט צו די ליכטיקע פענצטער, און אינאיינעם מיט דער נאכט האט זיך אויך געקלעפט א מענטש, און דער מענטש איז געווען לייזער־בער. קיינער אין שטוב, ביים טיש, האט ניט דערמאנט זיין נאמען, און לייזער־בער האט זיך די גאנצע צייט ארומגעדרייט איבערן הויף — אט קוקט ער אריין אין א פענצטער, קוקט אריין אין שטוב, און ער זעט אלעמען, זעט אלץ, און אט גייט ער צוריק אפ אין מיטן הויף, און דאס גרויסע, שווערע לייב זיינס ליגט אויף אים אנגעווארפן, דריקט אים פון אלע זייטן, אפילו אונ־טער די פיס, אז ער קען פון דעם ניט פטור ווערן. ער אליין איז א קליינינקער, נאר ער שטעקט עפעס אין דעם גרויסן, געשוואלענעם גוף, און ער קען ניט ארויס פון דארט. קען זיך ניט ארויסרייסן.

פון שטוב גיסט זיך א רעש, און דער אלטער הונט איז ניט געוואוינט צו דעם, און ער בורטשעט בייז און ווארפט זיך בייז, אט ווי פליגן וואלטן אים געביסן אין מיטן שלאף. לייזער־בער ניט זיך א כאפ, קוקט זיך ארום, און גייט ווידער צו צום פענ־צטער. ער קען זיך ניט איינהאלטן, ער קען ניט אנדערש, ער מוז קוקן אין פענצטער. און אט זעט ער שמואלן, וויל שוין א גע־שריי טאן — שמואל! נאר שמואל זיצט צו אים מיטן רוקן, און

לייזער־בערן ווייזט זיך דאָ אויס, אַז שמואל האָט אים אָפּגע־נאַרט, אַלע האָבן אים אָפּגענאַרט, און ער וויל שוין אַריינלויפן אין שטוב, און צולויפן צו ציפּען און איר זאָגן — זאָגן איר!

לייזער־בער גיט אַ טרייסל מיט זיין לייב, ווי אַ חיה, רוקט אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס, און גייט אָפּ פון פענצטער. די טריט זיינע הילכן, הילכן, נאָר עס אַרט אים ניט, זאָל מען דערהערן, זאָל מען! נאָר אַז קיינער דערהערט ניט, און עס איז נאַלע נאַרניט, בויגט ער זיך אַן, טאַפּט די ערד, און הויבט אויף אַ שטיין — גלאַט אַזוי זיך, ער האָט ניט וואָס צו טאָן. דערנאָך גלייכט ער זיך אויס און שטייט. דער שטיין ליגט ביי אים אויף דער לאָדאָ־ניע, און ער וויגט דעם שטיין, וועגט אים, ווי ער וואָלט געוואָלט פּרואוון די שווערקייט דעם שטיינס, און די האַנט זיינע איז אַ גלייכע, אַן אַנגעצויגענע, און קוקן קוקט ער צום פענצטער, אין פענצטער, קוקט גלייך, אַן איבעררייס, און פּלוצלונג נעמט ער און — בריאַזג דעם שטיין אין פענצטער אַריין! דער שטיין רייסט זיך אַריין אין שטוב ווי אַ דונער, פּאַרטשעפּעט אימיצנס אַ פּוס — אוי! און דער גאַנצער עולם שפּרינגט אויף פון די ערטער, אַ צע־טומלטער, אַ דערשראַקענער. אין שטוב ווערט שטיל, זיי שווייגן אַלע, זיי אָטעמען אַפילו ניט, און נאָר דער בריאַזג פון שטיין שטייט נאָך פאַר די אויגן, ציטערט אין דער לופטן, ביז זיי גיבן זיך אַלע אינאיי־נעם אַ לאָז צו דער טיר, דער גאַנצער עולם אויף אַמאָל, און עס וויגן זיך שוין הענט, עס וויגן זיך פּאַלעס, נאָר אין פאַר־הויז איז פינצטער, און זיי זוכן אין דער פינצטער, טאַפּן אַן איינער דעם אַנדערן, און ערשט, ווען מען שפּאַנט אַריבער דעם לעצטן שוועל דערזעט מען — עס איז לייזער־בער. הא? וואָס? און מען רייבט זיך די אויגן, און מען ווייסט ניט, צי מען זאָל אים כאַפּן און צערייסן אויף שטיקער, צערייסן ווי אַ הערינג, אָדער מען זאָל אויסשיסן אין אַ געלעכטער.

— מען דאַרף אים שמייסן!

— געזען אַ ביסל!

— משוגע מיינע שונאים!

און לייזער־בער איז געשטאַנען אין מיטן הויף, איז געשטאַנען אַ פּאַרטיקער — ער וועט זיך שלאָגן, מיט אַלעמען. צווישן לייזער־

בערן און דעם עולם איז געלעגן א שטילקייט, אן אויסגע־בעטע, א ווייכע אזא, וואס האט געצויגן צו זיך, נאר דער עולם האט זיך ניט גערירט פון ארט, מען איז גראד געשטאנען מיט הנאה, רחבותדיק, מען האט זיך ערשט אוועקגעשטעלט, מען האט ערשט גענומען קוקן, ווי אויף א שפיל אזא. און באלד האט מען דערהערט ווי די כלה, — זי איז אויך געווען צווישן עולם — האט הויך אזוי אן אטעם געטאן אויפן קול, זי האט הויך ארויס־געאטעמט פון זיך א טיפן קרעכץ. דער חתן איז געשטאנען לעבן דער כלה, און ער האט זיך גלייך, נאך איר קרעכץ, א ריס געטאן צו לייזער־בערן, מיט פארשפיצטע הענט, מיט פארשפיצטע נעגל, ווי א קאץ — דערווערגן! נאר דא האט אים שמואל א כאפ געטאן צו זיך. יאסקע האט זיך געצאפלט, האט געפלאטערט, ווי א שטיק פייער, ווי א פונק, נאר שמואל האט אים שטארק גע־האלטן, האט אים געשטופט צום עולם, און דעם עולם האט ער גע־שטופט צוריק אין שטוב אריין. דער עולם האט ניט געזאגט ניין, עס האט זיך נאר דורכגעטראגן א געמורמל, א פארדראס, און שמואל איז געשטאנען ביים שוועל, און האט זיי איינציקווייז דורכגעלאזט אין פארהויז אריין. שמואל איז געשטאנען ווי א שומר, און דער עולם האט פארדראסיק אזוי געקוקט צו לייזער־בערן, ווי מען וואלט דא וואס אנגעווארן — א ווינט האט אוועקגעבלאזן די גאנצע שפיל.

— זיין גליק!

דער עולם האט ניט ווילנדיק געשפאנט איבערן שוועל, און שמואל האט איבערגעווארט ביז אלץ וועט זיך איינשטילן, ביז דער עולם וועט צוריק אריין אין שטוב, און וועט זיך צוריק פאנאנדערזעצן ביי די טישן, און דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו לייזער־בערן, און זיי זיינען ביידע אפגעגאנגען טיף אין הויף אריין, אזש צום שטאל, און דארט האבן זיי זיך ביידע גלייך אראפגעלאזט אויף דעם לאנגן צעפוילטן קלאץ. זיי זיינען ביידע געווען אויסגעמאטערט, קראנק, און זיי האבן ביידע געשוויגן. לייזער־בער האט שטום אין זיך געוויינט, און שמואל האט פארלייגט א פוס אויף א פוס און האט פאמעלאך געוויגט מיט דער אויבערשטער פוס.

— חתונה געהאט! אוים!

שמואל האט עם ארויסגעשריען פון זיך, א פולער, אן אנגעלא־דענער, ווי מיט בליי, און עס האט אין אים געציטערט זיין יעדער אבר, און לייזער־בער האט זיך שיעור ניט פאנאנדערגעוויינט אויפן קול, נאר שמואל האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף אים, — ער האט ווייטער געוויגט מיט דער פוס מיט זיינער:

— זי וואלט געקענט חתונה האבן מיט מיר, וואלט געקענט חתונה האבן מיט דיר אפילו, און זי האט גאר אים גענומען! זעסט?

און לייזער־בער זעט טאקע, אלץ, ער זעט, און ער ענטפערט:

— יא!

פונם הימל טראגט זיך אויף זיי א וואלקן, ווי א בער, און שמואל פארדייסט דעם קאפ, אטעמט אויף מיט א פארזשאווערטן האלדז, און לאזט אויס אין א הייזעריקן שמייכל:

— א מענטש! וואס? זיי מיינען — א האנט, א בויך, א פוס, זיי מיינען — עס איז פלייש! ערשט ניין, ניין! אט־א־דא־א, טיף אונטערן הארצן, איז פאראנען א קייקעלע אזא, אן ארבעס, א קליינינקע קייקעלע, א גארניט, א פיטשינינטשיקע, און דאס איז דער גאנצער מענטש! דער גאנצער מענטש, מער איז ניטא... ביי דיר איז אזא קייקעלע, ביזטו אזא מענטש, ביי יענעם איז אזא קייקעלע, איז ער אזא מענטש, און ביי מיר איז גאר אן אנדערע קייקעלע, בין איך גאר אן אנדער מענש...

שמואל האט גוט גערעדט, מיט גוטסקייט, מיט רחמנות, נאר אט ניט ער א קוק אויף לייזער־בערן, פאר וועמען ער רעדט עס, און קוקנדיק אזוי אויף אים דערזעט ער ערשט זיך אליין, צו וואס ער אליין איז דערגאנגען, אז כאטש נעם און דערווערג זיך, כאטש טו זיך אן א מעשה. ביי שמואלן ברענען די אויגן ווי ביי א גזלן, עס שפיגלט זיך אין זיי די נאקעטע גאל, נאר לייזער־בער גייט ניט אוועק, וויל ניט פארשווינדן, און שמואל ציט אויס א האנט, כאפט אריין זיין נאקן, און מיט דער צווייטער האנט הויבט ער אים אן צו זעצן אין הארצן אריין — באץ! באץ! באץ!

שמואל לויפט ניט, יאגט זיך ניט, נאר זעצט פאמעלאך, מיט הנאה, ווי מען האט הנאה, ווען מען קנייפט אוים שטיקער פלייש ביי זיך אליין, און לייזער־בער וויל אים ארויפלאזן א זעץ איבערן מוח,

דערהרגענען, עס איז גאָר קיין קונץ ניט, נאָר אַז שמואל שלאָגט אים גאָרניט, ניט אים, ער זעט דאָך — שמואל ! שמואל ! און ביי שמואלן לאָזן זיך מיטאַמאָל אָפּ די הענט, ווערן ווי טייג, און ער וויל שוין צופאַלן צו לייזער־בערן, וויל אים בעטן, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, נאָר ער זיצט אַ צונויפגענומענער, אַ באַגראָבענער, און לייזער־בער רעדט צו אים, רעדט אים איין, און שמואלן שניידט עס ביים האַרצן, און ער שיפּעט אַרויס ווי אַ שלאַנג :

— אַוועק פון מיר !

נאָר לייזער־בער רירט זיך ניט פון אָרט, ווי עס רירט זיך ניט אַ וואַנט, און שמואל בויגט זיך טאַקע אָן צו אים, ווי מען לייגט אַמאָל אַוועק דעם קאָפּ אויף אַ קישן, און מאַכט צו די אויגן.

אויפן הימל טראָגן זיך וואָלקנס, גרויסע, שווערע, ווי פינסטערע בערג, עס איז אַזש ענג פון די וואָלקנס, און אַרום פּאַטשט די פינסטערניש, ווי מיט שווערע, אָנגעווייקטע שמאַטעס.

XLIX.

די חתונה האָט זיך לאַנג געצויגן, ביז וואַנען זי האָט זיך אויסגעלאָזט, אַליין פון זיך, איז אויסגעגאַנגען, ווי עס איז אויסגעגאַנגען די נאַכט, און ווען עס איז אָנגעקומען דער פּאַרטאָג, אַ בלייענער, אַ נאַקעטער, האָט ער שווער צוגעדעקט אַ שטילע, אַן אויסגעגאַנגענע שטוב. דער אַלטער בעל עגלה, ביי וועמען מאַירקע איז אַמאָל געווען אַ שמייסער, האָט זיך אויך אויפגעהויבן גלייך מיט אַלעמען, ווען מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדער־גיין פון דער חתונה, האָט אויך געוואָלט גיין גלייך מיט אַלעמען, נאָר ער האָט זיך באַלד צוריק אַ זעץ אַנידער געגעבן אויף דער באַנק, האָט אויסגעצויגן די פיס, און איז גלייך איינגעשלאָפן ווי אַ שטיין. זלאַטע איז געשטאַנען מיטן לאָמפּ אין די הענט, האָט געקוקט אויפן אַלטן און האָט מיד און גליקלאַך געשמייכלט.

דער חתן מיט דער כלה זיינען אוועק אין זייער אפגעטיילטן אלקער, און זלאטע האט זיי אויך נאכגעקוקט, מיט דעם זעלבן לאמפּ, מיט דיזעלבע אויגן, און מיט דעמזעלבן גליק, ווי זי האט אקערשט געקוקט אויפן אלטן. דערנאך איז זי עפּעס מיט אמאל געבליבן אליין, אז זי האט שיעור ניט אויפגעשריען מיט שרעק, און זי האט פארלאשן דעם לאמפּ, האט זיך אין דער פינצטער צוגעשארט צום בעט, און האט זיך אוועקגעלייגט. און מאירקע איז נאך אויך ניט געשלאפן, און ער האט זי באלד א רוף געטאן, אט ווי ער וואלט נאר געלעגן די גאנצע צייט, און וואלט נאר געווארט אויף איר.

— זלאטע?—

זלאטע האט אויפגעציטערט, נאר זי האט עס איינגעהאלטן אין זיך, שטארק, מיט אלע אירע כחות, און דערנאך האט זי זיך אומגעקערט צו אים מיטן פּנים, און האט אים אפגעגאסן מיט אירע גרויסע, זייער גרויסע אויגן — זי איז אזוי פול געווען מיט גוטסקייט צו אלעמען, אפילו צו די ווענט, אז עס האט אזש געברונען פון איר. מאירקע האט זיך נאך נענטער צוגערוקט צו איר, און פאר זיינע אויגן איז געשטאנען דאס, וואס דער אלטער בעל־ענלה האט געטענהט צו אים ביים טיש:

— לעבסט ווי א מענש, מאירקע, לעבסט ווי א מענש!

זלאטע האט צוגעמאכט די אויגן, זי האט מורא געהאט צו קוקן דעם גליק אין פּנים אריין, און מאירקע האט ניט גערים אויף איר די קליידער, נאר די הענט זיינע האבן זי שטיל געגלעט, שטיל גע־קושט.

און ציפּע מיט יאסקען, אז זיי זיינען אריין אין אלקער — יאסקע האט פארמאכט נאך זיך די טיר, איז געבליבן ביי דער טיר, און ציפּע האט גלייך אראפּגענומען פון זיך דאס קלייד, דעם אנטאן, און דער גרויסער לייב אירער, אקערשט אן איינגעשרומפּ־טער, האט מיטאמאל אפּגעלעבט, ווי ארויסגעלאזט אויף דער פריי. ציפּע האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער בעט, א ברייטע, א צעשוואו־מענע, אז איבערן אלקער האבן זיך ענג געגומען טראגן גרויסע שטי־קער פון איר לייב, האבן געשטאכן אין די אויגן, און יאסקע איז געשטאנען ביי דער טיר, און ציפּע, זעט ער, האלט אים גארניט

פאַר אַ מענטשן. און אַ ביטערניש האָט געצופּט זיין נשמה. אַז פאַרוואָס האָלט אים קיינער ניט פאַר אַ מענטשן? פון שטענדיק אַז אַזוי! נאָר ציפּע האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף אים. ער איז איר אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די שיך, די זאָקן, האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט און איז באַלד איינגעשלאָפן. אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, יאָסקען, און ער האָט איבערגעוואַרט נאָך אַ ווייל, און דערנאָך איז ער שטיל צוגעגאַנגען צו איר בעט, האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר, און ערשט דאָ האָט ער דערזען, אַז ניין, זי שלאָפט ניט, ציפּע. זי ליגט מיט אָפענע אויגן, זי קוקט ערגעץ פאַר זיך, און יאָסקע האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ חרטה אַזאַ, אַ בייסיקע חרטה, געמישט מיט פרייד, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, און האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע הענט, אַז ציפּען האָט שטאַרק וויי געטאָן יאָסקעס נייער, האַרטער גאַרניטור.

אויפן הימל איז שוין אויפגעגאַנגען די זון, אַ פלאַטשיקע, אַ בלעבענע, און דער אַלטער הונט האָט זיך אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, גלאַט אַזוי, אַם אשטיינגער, ווי אַ באַלעבאָס אויף דער עלטער, וואָס אַליין טוט ער שוין גאָר ניט, ער גיט נאָר אַכטונג. דער הונט האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן לייזער־בערן מיט שמואלן, האָט צו זיי אַ ביל געטאָן, און נאָך איידער לייזער־בער האָט אים אָפּגעטריבן מיט אַ האַנט, מיט אַ וואונק, האָט שוין שמואל געעפנט די אויגן, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. לייזער־בער האָט זיך אויך אויפגעהויבן גלייך נאָך אים, און שמואל האָט געקוקט צו דער שטוב, און די שטוב איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָפענע. שמואל האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאַל אַריין, און לייזער־בער איז אים נאָכגעגאַנגען, אַ שטילער, אַ שולדיקער, און פון שטאַל זיינען זיי אַריין אין לייזער־בערס ענגן שפּייכלער. שמואל האָט זיך אויסגעצויגן אויף די היי, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פיס, און לייזער־בער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. לייזער־בערן איז אויסגעקומען, אַז ווי שמואל וואָלט עס געקומען צו אים צו גאַסט, און עס איז אים אַזוי גוט געווען פון דעם, און שמואל האָט זיך טאַקע גוט צו אים אָפּגערופן:

— שלאָף...

לייזער־בער האָט זיך אויסגעצויגן, האָט אויך צוגעמאַכט די אויגן, נאָר זיי זיינען ביידע ניט געשלאָפן. עס איז געווען שטיל, פינצטער און שטיל, און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי ערגעץ, ווייט, הילכן טריט, און אַט קלאַפּט אַ וואָגן, און עס הירזשעט אַ פערד — די פרישקייט פון פרימאָרגן האָט געקיצלט אין די נאָזלעכער.

די זון אויפן הימל איז געוואָרן אַלץ ווייכער, אַלץ זאַפטיקער, און דער הונט האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט איבערן הויף, ביז ער איז צוגעגאַנגען צום שטוב, ביי אַ פענצטער. דער הונט איז רואיק געשטאַנען, האָט רואיק געוואַרט, און זלאַטע האָט אים טאַקע באַלד אַרויסגעשאַרט אַ פולע טעלער מיט ביינער, מיט גאַנצע שטיקער פלייש.

— נאַ, עס...

און זי האָט פאַרמאַכט דעם פענצטער. זלאַטע האָט זיך שטיל אַרומגעדרייט איבער דער קיך, זי זאָל קיינעם ניט אויפוועקן. זי האָט אַראָפּגעראַמט פון די טישן, האָט צונויפגעשטעלט אין אַ ווינקל דאָס גאַנצע געפּעס, און די לאַנגע טישן, מען האָט זיי געליען אין שול, זיינען איצט געבליבן שוואַרצע, נאַקעטע. זלאַטע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, נאָר דאָ האָט איר יאָסקע באַלד איבערגעשלאָגן אין מיטן. ער האָט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון אַלקער, איז אַריין אין קיך, און זלאַטע האָט שוין פאַרגעסן אָן די טישן, האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט אַקאָרשט געדאַגהט וועגן עפּעס. זי האָט געקוקט אויף יאָסקען, האָט נאָך ביי אים גאָר ניט געפרעגט, און יאָסקע האָט ניט געוואוסט צי איז ער יאָ געשלאָפן, צי איז ער ניט געשלאָפן, ער האָט נאָר געוואוסט אַז דאָרט איז ציפּע געבליבן, אין אַלקער. יאָסקע האָט געחלשט אימעצן דערציילן ווי גוט אים איז, ווי גליקלאַך ער איז, און אַז ער האָט דערזען דעם אַלטן בעל עגלה אין פאַרהויז ביים וואַסער. האָט ער זיך אַזש אַ יאָג געטאָן צו אים. נאָר דער אַלטער האָט געטרונקען פון דער גרויסער, קופּערנער קוואָרט, ניט מיטן מויל, ניט מיטן האַלז ווי אַ מענטש, נאָר עפּעס מיטן בויך, ווי אַ פערד להבדיל, און אַז ער האָט אויסגעטרונקען די גאַנצע קוואָרט, האָט

ער זיך א צופרידענער אפגעווישט דאס מויל, די באָרד, זייער א צופרידענער.

— עס ברענט אויפן האַרצן!

און ערשט דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט אויף יאַסקען, האָט אים אָנגעקוקט, און האָט פרייליך א זאָג געטאָן:

— גוט, הא?

און יאַסקע האָט זיך אָפּן מודה געווען פאַר אים:

— יאָ!

נאָר מער האָט ער עפּעס ניט געהאַט וואָס צו זאָגן דעם אַלטן, האָט ניט געהאַט וואָס צו דערציילן אים, און ער איז אויף גיך אַרויס פון פאַר־הויז. נאָר ווייטער פונם שוועל איז ער ניט געגאַנגען, ער איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, א פאַרטראַכטער. דער טאָג אין דרויסן איז געווען א ליכטיקער, א בלויער, עס האָט זיך געשאָטן פאַר די אויגן א צעריבענער זילבער, דין־דין, ווי דורך א זיפּ, א זילבערנער שטויב, אַז עס האָט אַזש געקלונגען, און יאַסקע האָט זיך צוגעהערט און האָט, ניט ווויסנדיק אַליין, אַז ער הערט זיך צו, אַז ער הערט עפּעס, אַריינגעלייגט אין דעם זיין אייגענעם ניגון, זיינע אייגענע ווערטער. ביז ער האָט א פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווי א פויגל מיט די פליגלען, האָט א טאַנץ געטאָן אין דער לופטן — זאָלן אַלע חתונה האָבן, די גאַנצע וועלט, זאָל אַלעמען זיין גוט!

און זלאַטע האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט איבער דער קיך, און אַט האָט זיך שוין ציפּע אויך אויפגעהויבן פון בעט, און איז אויך אַריינגעקומען אַהער. זי איז ניט געווען פאַרשלאָפן, עס האָט נאָר געשמעקט פון איר מיט פרישקייט, מיט פרישע בעט־געוואַנט, און זי איז דורכגעגאַנגען, זייער אָפּגעהיט פאַרביי די שוואַרצע, נאַקעטע טישן, האָט זיי ניט אָנגערירט אפילו, און זלאַטע איז איר נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן, און האָט אַזוי געשטראַלט, אַז עס האָט אַזש ווי געטאָן. ציפּע האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי זייער אייגענעם, ביי דעם קליינעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אָפּ־גערוקט אין א זייט, און ווי נאָר זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַזוי האָט איר זלאַטע אונטערגעטראָגן א געשמאַקע, א ווייניקע

גלאז טיי, אז כאטש נעם און שפיגל זיך אין דער גלאז, און א גרויסע שטיק לעקאד. זלאטע האט עס איר אונטערגעטראגן אזוי, ווי מען באדינט א פריצטע, א באלעבאסטע, און ציפע האט עס גוט געזען, נאר זי האט זיך א קאפ ניט געוואונדערט. זי האט געוואוסט, אז עס קומט איר.

L.

אט אזוי איז דורכגעגאנגען די חתונה, אט אזוי איז דורכגעגאנגען אלץ, און עס זיינען אנגעקומען אנדערע טעג און די טעג זיינען געווען, ווי איין לאנגער, זומערדיקער פארנאכט. אין שטוב האט זיך אלץ געביטן, ווי דורך א כשוף, אפילו די ווענט זיינען געווארן אנדערע, און מאירקע איז נאכגעגאנגען נאך זלאטען, ווי א צוגעבונדענער צו איר, ווי זי וואלט אים געפירט אויף א שטריקל. ער האט זיך ניט געקענט אפוואונדערן פון די נסים, ווי אזוי האט זי עס אלץ געמאכט? און זלאטע אליין — זי האט איצט ליב געהאט צו ליגן מיט אפענע אויגן, אין מיטן העלן טאג, ליגן ווי א פארגליווערטע, און פילן מיט אלע אירע אברים, אז איר איז גוט, אז אלעמען איז גוט. נאר זי האט ניט גערעט וועגן דעם, זי האט מורא געהאט פאר א ווארט, האט געציטערט פאר אן עין הרע, און איטלאכע ווײלע, ווען זי פלעגט זיך נאר א כאפ טאן, פלעגט זי דריי מאל אויסשפייען.

די קאמער וואו שמואל איז שטענדיק געשלאפן, האט מען באלד נאך דער חתונה אפגעטיילט פאר יאסקען מיט ציפען, די צוויי יונגע קינדער, אזוי טראכט וועגן זיי זלאטע, און שמואל שלאפט שוין איצט אויף דער ליימענער לעזשאנקע וואס איז צוגעמויערט צום אויוון. די לעזשאנקע איז א לאנגע און א שמאלע, און שמואל ליגט אויף דער לעזשאנקע — אויך א לאנגער און אויך א שמאלער.

עס איז שוין א וואך נאך דער חתונה, עס איז ווידער א פרייטאג, און פרייטאג פארט מען נים צו דער סטאנציע, פרייטאג איז מען אין דערהיים. שמואל ליגט אויף דער לעזשאנקע, און די בארוועסע טרים זיינע מים די צעשפרייטע פינגער, זיינע אפ־געדעקטע פיס, סטארטשען אין דער פינצטער, ווי אלטע, אפגע־קראכענע ביינער. שמואל קוקט אויף דעם, וויל עס צודעקן מים דער קאלדרע, נאר ער רירט זיך נים פון ארט, רירט נים מים קיין אבר, און עס איז אים נים גוט פון זיך אליין. עס דוכט זיך אים אז ער שמעקט מים נבלה.

אין איין קאמער שלאפט זיך יאסקע מים ציפען, און אין דער צווייטער קאמער — זלאטע מים מאירקען. זיי איז גוט, זיי זיינען מענטשן. שמואל איז די גאנצע וואך אומגעפארן צו דער סטאנציע, איז געווען אזוי ווי אלע, א מענטש צוגלייך מים אלעמען, און געארנים. ער פלעגט זיך נאר אמאל א כאפ טאן ביים הארצן — דארט, טיף אין אים, האט זיך געקארטשעט די נשמה זיינע, ווי אן אלטע, א פארגעסענע וואונד. ציפע טראגט זיך איצט דעם בויך אירן פאר אלעמען אין די אויגן, זי איז געווארן אן אנדערע, באלד נאך דער חתונה, א גרויסן בויך מים א שפיץ, און אמאל איז נאך דאס קאפטל, וואס זי טראגט אויף זיך, אביסל אפגעקנעפלט פון אויבן, און עס שיינען ביי איר ארויס פון אונטערן קאפטל אירע ווייסע, זייער ווייסע ברוסטן, אז זיי רויטלען זיך אזש. שמואל קוקט נים אויף איר, נאר ער ווייסט, אז עס צוקן אים די אקסלען, און ער וואלט דער־מאלט געקענט דערהרגענען א מענטשן, א פערד, א חיה — מים איין זעץ. ער האט געוואלט, אז יאסקע זאל אים קריכן אין די אויגן ארויין, זאל זיך רייצן, זאל זיך בארימען, נאר יאסקע האט קיינעם נים געטשעפעט. ער איז זיך די גאנצע צייט אומגעגאנגען איינינקער אליין, א ריינער, אן אפגעהיטער, און האט שטענ־דיק געשמייכלט. א שוטה, ער ווייסט געארנים...

שמואל וויל צודעקן די פיס, וויל זיך איבערקערן אויפן זיים, נאר ער רירט זיך נים פון ארט. באשע איז איינמאל געקומען צו זיי אין א מיטן דערוואך — נאך וואס איז זי געקומען? זי איז א שרייאיקע ארויין אין שטוב, האט שרייאיק געזאגט דעם גוט־מארגן, און האט זיך שרייאיק אנידערגעזעצט:

— נו, ציפע, דערציי‌ל!

נאָר ניט צוליב דעם איז זי געקומען, ניט צוליב דעם. קיינער אין שטוב האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף איר געפּילדער, און דער געפּילדער אַליין אירער, איז אויך עפּעס געווען אַ פּוסטער, ווי עס איז פּוסט אַ ליגן. זי איז ווייט געווען פון שמואלן, צווישן אים און איר איז אַ פּריער געשטאַנען דער טיש, און דערנאָך זלאַטע און מאַירקע און יאַסקע און אפילו ציפּע. ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין, פּאַר אַלעמען אין די אויגן — ער דאַרף זי נעמען, דאַרף מיט איר חתונה האָבן, פאַרוואָס ניט? באַשע מיינט אודאי, אַז דעמאָלט, ביי דער חתונה, האָט ער געשפּילט מיט איר אַ קאַטאַוועס? עס זיינען ניטאָ קיין קאַטאַוועסן, ניטאָ? אין שטוב איז געווען אומעטיק, מען האָט געלייגט אויף אימיצן רחמנות, פון ריי־נעם הארצן ארויס, און באַשע האָט זיך באַלד אויפגעהויבן אַן אומעטיקע און איז שטיל אַוועק. אַ זאַטער גלויבט ניט דעם, וואָס איז הונגעריק, כאָטש זלאַטע האָט איר שטיל נאָכגעשיקט, פּונקט אַזוי שטיל, ווי זי איז אַרויס:

— אַ רחמנות אויף איר, נעבאַך...

שמואל זעצט זיך אויף אויף דער לעזשאַנקע, און אין שטוב איז פּוסט, עס איז ליידיק אין שטוב. שמואל מאַכט צו די אויגן, האַלט איין דעם אָטעם, לאַנג, ווי ער אַליין וואָלט געוואַרט, אַז ער וועט באַלד אַ געשריי טאָן: — ציפּע!

נאָר ער הערט ניט, אַז ער זאָל שרייען, און ער קריכט אַראָפּ פון לעזשאַנקע, שלעפּט אויף זיך אַרויף די הויזן, און דאָ בלייבט ער עפּעס אָט אַזוי אָ, אין מיטן דערינען, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיך ניט איילן אַזוי. טיף אין אים איז פּוסט, ווי אין אַ קעלער, און דער מוח אין קאָפּ איז איין גאַנצע, שווע־רע שטיק, ווי אַ שטיין. ער לאָזט אַראָפּ די הענט, און פון די הענט, פון די שפּיץ פינגער, רינט ביי אים טראָפּנווייז, יעדער טראָפּן — אַ טרער, און עס רינט אַרויס פון אים דאָס חיות זיינס, און ער שטייט און וואַרט, ביז ער וועט אינגאַנצן אויסגיין:

— אוי, מאַמע!

ער מאַכט צו די אויגן, ער האָט מורא, און דער ווייטיק גליטשט זיך אַריין אין האַרצן, צעלויפט זיך, ווי קוועק־זילבער,

איבער אלע זיינע אברים, און אט־אזא־אַ, אַ טוטווייאיקער פון די שפּיץ נעגל אויף די פיס ביז די שפּיץ האר אויפן קאפּ, טאפּט ער אין דער געדיכטער, קלעפּיקער פינצטערניש, וואָס רינגלט אים אַרום, געפינט די שטיוול און דעם רעקל, ביז ער שאַרט זיך באַלד אַרויס פון שטוב, שוין אַן אָנגעטאָנענער. און אַז ער איז שוין אויפן שוועל, אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש, נעמט ער אַרויס אַ שוועבעלע, צינדט עס אָן, און דערזעט אויף זיך אַליין, אַז ער איז ווי אַן אַלטער, אַ פאַרגעסענער חפץ אַזאַ, וואָס האָט צו קיינעם ניט קיין שייכות.

אַנטקעגן, פון שטאַל אַרויס, ליגט אַ קראַנקער, אַ פאַרשטויבטער פּאַס ליכט, אין שטאַל ברענט שטענדיק די פאַררויכערטע לאַמטער־נע, און שמואל גייט אַהין, גייט דורך די שטאַל און קומט אַריין צו לייזער־בערן אין זיין שפּייכלער. לייזער־בער דערזעט אים באַלד און ער מיינט, לייזער־בער, אַז שמואל איז עס ווידער געקומען צו אים, האָט זיך פאַרביינקט, ער אַליין, לייזערבער, בייַנקט דאָך אויך אַזוי, נאָר שמואל שטייט גאָר אַן אָנגעטאָנענער, און לייזער־בער גייט צו אים צו, און שמואל הויבט אויף אַ האַנט און גיט אים אַ גלעט איבער דער פּלייצע.

דערנאָך גייען זיי בײדע אינאיינעם אַרויס פון שפּייכלער, פון שטאַל, גייען דורך דעם הויף, און לאָזן זיך אַוועק מיט דער גאַס.. לייזער־בער ווייסט, אַז שמואל נעמט אים ניט מיט, פּונקט אַזוי האָט ער אַמאָל באַגלייט זלאַטען אין די נאַמערעס אַריין, און פּונקט ווי זלאַטע דעמאָלט, אַזוי שטעלט זיך איצט שמואל אָפּ אין מיטן דער גאַס און הייסט אים:

— קער זיך אום, גיי אַהיים!...

לייזער־בער בלייבט אַליין קוקט אים נאָך, און עס פאַרדריסט אים ניט אויף שמואלן, ער האָט אים ליב, און שמואל איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו דעם ברייטן, זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צו דער סטאַנציע, און ערשט דאָ שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט זיך אַרום. ער קוקט אויף דעם, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, און די גאַס, וואָס איז געבליבן נאָך אים, וואָס איז אָפּגעפאַלן אויף אייביק, ליגט זיך אַ רואיקע, קיינער האָט זי ניט געטשעפּעט, און דאָרט, ביים ברעג גאַס, שטייט זיך אַ הויז, אַ שטאַל, אַ הויף, און עס לעבן דאָרט מענטשן — ביי זיך אינדערהיים! ער אַליין וועט

שוין מער קיינמאָל ניט זיין אין יענעם הויף. אין יענער שטוב, קיינמאָל ניט, ער איז בייגעקומען, און ער געזעגנט זיך שטיל מיט ציפּען, ער ווינטשט איר גליק, אויף שטענדיק, אויף אייביק. זאָל זי זיין געזונט און גליקלאַך!

דער זאַמדיקער וועג, וואָס פירט צו דער סטאַנציע, איז אַ ווייכער, אַ וואַרעמער, און שמואל גייט פּאַמעלאַך, ער איילט זיך ניט, ער אַנטלויפט ניט, און אַט הויבט זיך שוין אָן דער וואַלד פוןביידע זייטן וועג. שמואל גייט ווייטער, ער גייט גלייך, ער האָט זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקן, נאָר באַלד דערטראַגט זיך צו אים פון אַנטקעגן, פון דער לופטן, דאָס ווייטע קלינגען פון גלעקלאַך. עס איז פריטיק, און פריטיק פאָרן נאָר גויאישע באַלעגאַלעס, נאָר שמואל לויפט שוין אַראָפּ פון וועג, ביז ער בלייבט מיטאַמאָל שטיין, ווי אַן איינגעגראָבענער אין דער ערד. עס קומט אויף אים אָן דער וואַלד, גייט אויף אים ווי אַ באַרג, ווי אַ וואָלקן, און שמואל רירט זיך ניט פון אָרט, ער קען ניט, און דער וואַלד נעמט אים רואיק אַרום פון אַלע זייטן, ווי אַ פינצטערער וואַסער אַזאַ, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין אַרויסגאַנג. שמואל טאַפּט מיט די הענט, טאַפּט אָן אַ נידעריקן שטאַם פון אַ בוים און זעצט זיך אַנידער. דער וואַלד איז אַ שוואַרצער, אַן איינגעקשענטער, נאָר טיף, טיף אין וואַלד, ציטערט וואָס, אַ פאַרלאָרענער קלאַנג אַזאַ, און ער נאַרט צו זיך, דער וואַלד.

אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט זיך דאָ, אינם וואַלד אויפגעהאַנגען אַ פּריץ. אָט אַזוי, האָט גענומען און האָט זיך גע־האַנגען. שמואל פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, און עס פאַלט אים מיט אַמאָל איין, ווי אַ בליץ פאַר די אויגן — די פּריצים זיינען טאַקע פיינע לייט, זיי ווייסן וואָס זיי טוען!

שמואלן געפעלט עס, זייער, עס ווערט אים אַזש ליכטיק אין מח, נאָר ער כאַפּט זיך ניט. ער פאַרלייגט זיך פּאַמעלאַך אַ פוס אויף אַ פוס, זיצט נאָך אויפן שטאַם, און איז אַליין אויך ווי אַ שטאַם.

LI.

די פריצים זיינען טאקע פיינע לייט, און שמואל האט זיך שוין ניט אומגעקערט אהיים, ער איז אנטרונען געווארן, און זיי אלע אינדערהיים האבן געווארט אויף אים א טאג, צוויי טעג, דריי טעג, ביז יאסקע האט עס שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן, און ער האט איינמאל אויסגעשאסן אין מיטן עסן:

— וואו קען ער עס זיין? אפשר דערהרגעט?

יאסקע האט געמאנט, האט גענענהעט, און מאירקע האט ארויסגעלאזט די לעפל, איז געבליבן א פארטראכטער און האט געזאגט פארטראכט:

— אפשר...

מאירקע האט שווער געטראכט די גאנצע צייט, נאר ער האט גאר ניט געקאנט דערגיין. ווען עס וואלט באטש אינאיינעם מיט שמואלן געפעלט אויך א פערד אין שטאל, וואלט ער דעמאלט פארשטאנען. א מענש קען זיך לעבן, שיין און פיין דעם גאנצן לעבן זיינעם, און פלוצלונג זאל ער צוציען א פערד, א געשפאן און ניט ווערן. עס טרעפט! ניטא קיין חידושים. אבער אזוי? און שמואל האט נאך איבערגעלאזט זיין איינענעם בייטל, זיין איינגן געלט. ער איז געבאך אוועק א נאקעטער. זלאטע האט צענויפ־גענומען דאס בעט־געוואנט פון לעזשאנקע, זאל עס ניט שטיין ווי אן אפענער קבר, און פון די קישנס האט זיך ארויסגעגליטשט א בייטל. שמואלס. זלאטע איז געבליבן מיט אראפגעלאזטע הענט, עס האט זיך געגאסן פון איר א געוויין ווי א שטומער וואסער, וואס רינט נאך א רעגן פון א פארגליווערטער וואנט, פון א פאר־זשאווערטן דאך, און יאסקע האט זיך א כאפ געטאן ציילן דאס געלט, נאר ער האט ניט דערציילט ביזן סוף, ער האט ניט גע־קענט, און ער האט עס אפגעגעבן ציפען:

— נא, באהאלט!

יאסקע האט זיך געווארגן מיט די טרערן — ניטא שוין שמואלן, ניטא! און ציפע האט גענומען דעם בייטל און האט זיך געלאזט מיט דעם גיין, אוועקגיין. זי האט עס געטראגן מיטביידע הענט, און געגאנגען איז זי שווער, אן אנגעלאדענע פון קאפ ביז די פיס,

און זי האָט עס אוועקגעלייגט מיט ביידע הענט און אָפּגעהיט אַזוי אין דעמזעלבן קאַסטן, וווּ עס איז געלעגן דער בראַסלעט, וואָס שמואל האָט איר געגעבן דרשה־געשאַנק. דער בייטל איז אַ שוואַרצער, אַ פאַרשמאַלצענער, ווי פון בלאַטע אַרויס, און דער בראַסלעט אַזאַ גאַלדענער, אַ פינקלדיקער, ווי אַ שטיק זון, און ציפּע האָט לאַנג געקוקט אויף דעם, ביז זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס דעקל פון קאַסטן, האָט צוגעדעקט, און איז צוריק אַריין אין קיך.

— באַהאַלטן?

— באַהאַלטן.

אין שטוב האָט זיך עפּעס געוועבט, האָט אַרויסגעוועבט די נשמה, און יאַסקע מיט מאַירקען האָבן געוואַרט אויף זלאַטען, וואָס זי וועט זאָגן, וואָס זי וועט טאָן, נאָר זלאַטע האָט גאָרניט געזאָגט, האָט גאָר ניט געטאָן — זי איז געווען שטילער פון גראָז, איז גע־ווען נידעריקער פון דער ערד.

זלאַטע האָט געוואוסט, זי האָט עס געוואוסט מיט איר גאַנצער נשמה, אַז דאָס איז נאָך גאָר ניט, עס איז ערשט דער אָנהויב, און אַז דער אַמתער אומגליק וועט נאָך קומען. עס וועט קומען! אַז עס זינקט איין אַ וואַנט, וועט שוין אויך איינפאַלן דער דאַך. זי האָט געקענט איינשפּאַנען מאַירקען, יאַסקען, אַלעמען, נאָר מיטן מזל קען מען זיך ניט שלאָגן, דעם מזל קען מען ניט בייקומען. און זי האָט געוואַרט אויפן אומגליק, האָט געוואַרט יעדע מינוט פון טאָג, יעדע מינוט פון דער נאַכט, אַז שלאָפן אפילו איז זי אויך גע־שלאָפן אויף דער רגע.

מאַירקע האָט געזען וואָס מיט איר איז, און ווי ער האָט געזען, און כאַטש נעם און דערוואָרג זיך. זלאַטע האָט אים קיינמאָל ניט באַדאַרפט, זי איז שטענדיק אויסגעקומען אָן אים, טאָ צוליב וואָס לעבט ער אויף דער וועלט?

און יאַסקע ליגט אַמאָל מיט ציפּען, עס שלאָפט זיך אים ניט, און ער פּלאַצט אַרויס אין מיטן דערינען:

— ווי אין וואַסער אַריין!

ציפּע ווייסט וואָס ער מיינט, פאָר וואָס זאָל זי ניט וויסן, נאָר זי ליגט זיך און שווייגט, אָט ווי עס וואָלט איר אין גאַנצן

ניט אנגעגאַנגען, און יאַסקען רופֿט ביים האַרצן אַזאַ ליגן און אַזאַ שווייגן פֿון איר:

— אַן אומזיסטער אומגליק! אומזיסטע צרות!

ציפּען רירט עס ווייטער ניט אָן, נאָר זי אָטעמט שוין אויף, טיף פֿון בויך אַרויס, און ענטפֿערט אים פּוסט, אָן כּעס, אָן נשמה:

— טאַ וואָס זשע ווילסטו?

יאַסקע וויל צו איר אַ געשריי טאָן:

— דו ווייסט וואָס איך וויל! דו ווייסט!!

נאָר ציפּע ליגט ווי אַ פּרעמדע, און יאַסקע קריכט אינגאַנצן אַרויס פֿון בעט, מיט רעש, מיט טומל. ער ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס ער וועט טאָן, און דערווייל קוקט ער אויף ציפּען, ווי ער וואָלט זי געוואָלט איינשלינגען, און ציפּע ליגט זיך אַ פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע, נאָר צוליבן בויך, ווייל דער בויך וויל אַזוי, און דער בויך אירער, אַ גרויסער, אַ צעשוואָומענער, אָטעמט זיך רואיק אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

ציפּע האַלט צוגעמאַכט די אויגן, איז זיך מחיה מיטן בויך, און יאַסקע גייט שטיל אַרויס פֿון קאַמער, גייט שטיל אַרויס פֿון שטוב.

די נאַכט אין דרויסן איז שוואַרץ און גלאַנציק, און יאַסקע קוקט אויף דער נאַכט ווי אויף אויסגעשפּרייטן סאַמעט, און גיט קלאָר אַזוי אַ טראַכט, אַז עס איז טאַקע ניט קיין קאַטאַוועס, זי וועט באַלד האָבן דעם ממזר אירן!

דער אויסגעשריי אין אים הילכט אָפּ ווי אַ שאָס, רייסט אים שיעור ניט אויף, און יאַסקע דערשרעקט זיך אַזש, גיט אַ כאַפּ און קוקט זיך אַרום. נאָר אַרום איז שטיל, און עס הערט זיך נאָר ווי פֿאַר הויפֿן און הויפֿן זיצט ערגעץ אין גראָז אַ שיקסע מיט אַ שייגעץ. עס הערט זיך ווי זיי זיצן, עס הערט זיך דער ריח פֿון אַ שיקסע מיט אַ שייגעץ, און די שיקסע זינגט זיך באַלד פֿאַנאַנדער, איינגעהאַלטן און זאַפטיק, ווי מען זינגט אין מיטן דער נאַכט, ווי מען זינגט פֿאַר זיך אַליין:

זאַזולאַ רופֿט ער מיך אין אָוונט,
זאַזולאַ רופֿט ער מיך בייטאָג,

שטענדיק רופט ער מיך זאזולא,
איך הער: — זאזולא! — אין מיין שלאף.

— זאזולא! — לויפט ער מיר אנטקעגן
און כאפט מיך ווי די זון פון הימל,
טראגט מיך ווי א קינד ביים הארצן,
וויגט מיך ווי א קינד אין ווינל.

די שיקסע זינגט לאנג אט אזוי, מיט דער הארציקער אומע־טיקייט פון א געזונט לייב, און יאסקע טראכט וועגן שמואלן, אז שמואל מיינט דארט אויף אים, אז ער איז דא גליקלאך, אז די גאנצע וועלט איז זיינע, ערשט ניין, שמואל, ניין, און מען ווייסט נאך ניט וועמען עס איז ערגער!

LII.

און איצט, אז מען קומט פון דער סטאנציע און יאסקע שפאנט אויס די פערד, גייט ער שוין ניט אריין אין שטוב גלייך מיט מאירקען, נאר ער כאפט זיך א פריער אריין אין שיינק, גיסט דארט אריין אין זיך א פאר גלעזלאך, און ערשט דערנאך קומט ער אהיים. אמאל שלאפן נאך אלע, און אמאל דרייט זיך שוין זלאטע ארום איבער דער קיך, דרייט זיך ארום, ווי מען וואלט זי גע־נויט, און יאסקע שטייט, קוקט און לאכט זיך פלוצלונג פא־נאנדער. נאר קיינער רופט זיך ניט אפ אויף זיין געלעכטער און ער ווערט מיט אמאל שטיל, גייט ווי א בלינדער אריין צו זיך אין אלקער און שארט זיך דארט א בלינדער אריין אין בעט.
זלאטע זעט ווי עס ברעקלט זיך, ווי עס צעפאלט אלץ, נאר זי הויבט אפילו ניט אויף קיין האנט, גיט אפילו ניט קיין קלאפ א פינגער אן א פינגער. איין איינציקן מאל נאר האט זי א פרעג געטאן ביי ציפען:

— וואָס איז מיט אים?

און ציפּע האָט איר רואיק און קאַלט געענטפערט:

— איך ווייס ניט.

און האָט צוגעלייגט:

— זאָל ער!

ציפּע איז געוואַקסן אינאיינעם מיט איר בויך, איז געוואַקסן אַזוי, אַז אַלץ אַרום האָט איר גאָר ניט אַנגעריירט, עס האָט זיך ניט געקלעפּט צו איר, און זלאַטע האָט שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ, און האָט אין דער שטיל פאַרלאָרן אַ טרער — אויף ציפּעס יאָרן:

— זי ווייסט נעבאַך פון גאָר ניט...

נאָר אינדערוואָכן איז נאָך ווי אינדערוואָכן, מען פאָרט צו דער סטאַנציע, מען לויפט, מען האָוועט, נאָר אַז עס גייט דורך די וואָך און עס קומט אָן דער פרייטאָג, און פרייטאָג פאָרט מען דאָך ניט צו דער סטאַנציע, פרייטאָג גייט מען אין באָד אַריין. דאָס גיין אין באָד אַריין איז אַ גאַנצער יום טוב, מען קלייבט זיך פון אינדערפרי־אָן, מען רעדט, מען איז צופרידן, נאָר איצטער דערמאָנט מען עס אפילו ניט, מען קוקט זיך אפילו ניט איבער. זלאַטע לייגט אַוועק פאַר מאַירקען אַ ווייסע העמד, און מאַירקע גיט אַ כאַפּ די העמד און וויקלט זי אויף גיך צונויף, ווי עפּעס אַ געגנבעטע זאַך, און אין שטוב ווערט פון דעם נאָך פוסטער איידער פריער, פוסט און שווער. יאָסקע ווייסט ניט צי מען וועט טאַקע היינט פאָרן אין באָד אַריין, צי מען וועט ניט פאָרן, נאָר אַז זלאַטע האָט געגעבן מאַירקען די העמד, גייט ער שוין יאָסקע אין שטאַל אַריין ניט געפרעגטערהייט, און נעמט דאָרט שפּאַנען אַ פּאָר פערד. ער טוט עס איינגעהאַלטן, עס זאָל ניט קלאַפּן, עס זאָל ניט אויפרייסן אַ וועלט, און אַט איילט ער זיך, יאָגט זיך, און אַט לאָזט ער אין גאַנצן אַראָפּ די הענט, און מאַירקע קוקט אויף אים פון דער זייט, קוקט און זאָגט:

— שפּאַנסט?

יאָסקע לאָזט אַראָפּ די אויגן, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און די צוים וואָס ער האַלט אין דער האַנט, גיט ריין און הילכיק

א קלונג, ווי זי וואָלט זיך אַ וויג געטאָן... און אַמ זיצן זיי שוין אין פאַיעטאָן, זלאַטע מיט ציפּען, און מאַירקע מיט יאַסקען קריכן אַרויף אויף די קאָזלעס און מען רירט זיך פון הויף אַרויס. מאַירקע האַלט די לייצעס, גלאַט אַזוי, ווייל לייצעס דאַרף מען האַלטן, און די פערד — די פערד זיינען זאַטע, אויסגערוטע, און זיי שפּאַנען זיך פּאַמעלאַך, מיט הנאה, אַט ווי צוויי באַלעבאַטים, להבדיל, מיט די פאַרלייגטע הענט אויף הינטן. מאַירקע פאַרקוקט זיך אויף די פערד, אַ פערד האָט דאָך ניט קיין נשמה, וואָס ווייסט אַ פערד? אַ מחיה!

איבערן גאָס, ביי די זייטן, גייען זיך מענטשן, אַ מענטש דאָ, אַ מענטש דאָרט, מען גייט, און מאַירקע קוקט אויף די מענטשן און איז זיי שטאַרק מקנא. זיי איז גוט, אַך, ווי גוט זיי איז, פאַר וואָס קומט עס זיי?

אויף מאַירקען טראָגט זיך מיטאַמאָל אַ פור, מיט אַ בריאָנג, מיט אַ געפּילדער, און דער גוי, וואָס שטייט אין פור, שרייט עפּעס צו אַלעמען, אויף אַלע זייטן, און ווערט באַלד פאַרשאָטן אינאיינעם מיט דער פור פון דעם וואַלקן שטויב, וואָס לויפט אים נאָך. און באַלד טראָגט זיך אַן נאָך אַ פור און נאָך אַ פור, און די מעטשן אין גאָס הויבן מיטאַמאָל אָן צו גיין גיכער, הויבן שוין אָן צו לויפן. מען לויפט אַרויס פון די קראָמען, מען לאָזט איינגאַנצן איבער די קראָמען אויף הפקר, און די קראָמען בלייבן ווי פּוסטע, לעבעדיק־פאַרלאָזטע, און נאָר איין צעלניק, דער אַלטער ר׳ אברהם, שטייט זיך אויפן שוועל פון זיין קלייט, קוקט מיט כעס און שמייכלט מיט ביטול — וואָס לויפט מען דאָ, וואָס? און די גאָס ווינט זיך ווייטער, עס מישן זיך מענטשן און הייזער און פּלויטן, און ווידער מענטשן און ווידער הייזער, אַ קאַראַהאָד אַזאַ, וואָס נאַרט צו זיך, פּלאָנטערט אַלעמען אריין, נאָר מאַירקע האַלט זיך ווי ר׳ אברהם, און ר׳ אברהם גיט זיך באַלד אויך אַ כאַפּ, פאַרהאַקט די קראָם מיט אַ שפּענדל, ווי אויף קאַטאָוועס, און ער לויפט שוין אויך מיט אַלעמען, נאָך אַלעמען, דער גלייכער, אויסגעצויגענער ר׳ אברהם, און זיינע לאַנגע הענט פּלאָנטערן זיך און זינקען אין די פאַנאַנדערגעבלאָזענע פּאָלעס פונם סורדוט...

מאַירקע קוקט אַ צעטומלטער, און ערשט איצט דערזעט ער,

אַז די גאַנצע נאַס איז טאַקע אַנטלאָפֿן פֿון אים, און אַז ער נאָר אַליין איז געבליבן פֿון הינטן, איז געבליבן אַליין. און ער גיט שוין אַ צי אָן די לייצעס, אַז די פֿערדלאַך גיבן אַ טאַנץ אויף אַן אָרט, און אַ פֿלי אין דער לופֿטן, מיט אויסגעבויגענע העלדזער און מיט פֿאַנאַנגגע־וואָרפֿענע קעפּ, טאַקע נאָר ווי די פֿרייע אָדלערס. מאַירקע נעמט פֿאַ־נאַנדער זיין האַרץ, נעמט זיך אינגאַנצן פֿאַנאַנדער, און ער יאָגט זיי באַלד אַן, אַלעמען. ער פֿליט אַריין אין מיטן, אויף מענטשן, אויף היי־זער, אויף פּלויטן, נאָר ער שטעלט זיך ניט אָפּ, ער יאָגט ווייטער, ווייטער, און די גאַס קנוילט זיך האַרט און שטויסט פֿון זיך אַרויס אַ געפּילדער, אַ ליאַרם, און איבער דעם אַלעמען, שניידט זיך קלאָר און שאַרף ווי אַ מעסער אויף דער זון:

— אַ דערטרונקענער!

זלאַטע שטעלט זיך אויף אין פֿאַיעטאָן, פֿאַררייסט דעם קאָפּ, און פֿרעגט:

— וואָס?!

און זעצט זיך באַלד צוריק אַנידער, און זאָגט הויך אויפֿן קול, צו זיך אַליין:

— שמואל האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין טייך אַריין!

נאָר מאַירקע הערט זי ניט, ער יאָגט, ער פֿליט, ווי ער וואָלט זיך געריצט מיט דער גאַס, וואָס קען זיך ניט יאָגן מיט אים, ביז די פֿערד שניידן זיך אָט־אַזוי־אַ אַריין האַרט צום ברעג טייך און בלייבן שטיין אין זאַמד, ווי איינגעזונקענע. יאַסקע אַרבעט מיט עלנבויגנס, מאַכט אַ וואָרע, פֿאַר ציפּען מיט זלאַטען, און אָט שטייען זיי שוין ביי דעם דערטרונקענעם, וואָס ליגט אַ בלויער, ווי אַ קעסל, טאַקע אַ דערטרונ־קענער. נאָר עס איז ניט שמואל, עס איז נאָר אַ גוי, אַ קאַצאַפּ אַזאַ, וואָס האָט אַ גרויסע, אַ ברייטע באָרד, און אין דער באָרד האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט פֿאַסמעס גראָז, הויפֿנס גראָז, האָבן זיך אַריינגעדרייט אין דער באָרד אַריין, אינם פֿליישיקן פּנים אַריין, ווי לעבעדיקע שליינגלאַך אַזעלכע, און אויף דעם גראָז פֿינקלען, שפּיגלען זיך, און קייקלען זיך אַראָפּ פֿולע טראָפּנס וואַ־סער, ווי שטיקלאַך געשליפֿענער גלאָז...

עס איז ניט שמואל, מען קען באַלד דערקענען. נאָר זיי קענען זיך ניט אָפּרייסן פֿון דעם דערטרונקענעם, ניט ציפּע און ניט זלאַטע,

און ניט יאַסקע, און ניט מאַירקע, ביז ציפּע האָט אַרויסגעלאָזט פֿון זיך אַ קוויטש און איז געפֿאַלן אין חלשות.

דער עולם האָט איבערגעלאָזט דעם דערטרונקענעם, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר. נאָר יאַסקע מיט מאַירקען האָבן זי שוין אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, און האָבן זיך געלאָזט מיט איר לויפֿן, האָבן געזונקען אינם טייכיקן זאַמד, און מאַירקע האָט זיי ביידן געשלעפּט, אי יאַסקען, אי ציפּען. די מענטשן אַרום זיינען געלאָפֿן פֿון פֿאָרנט, און פֿון הינטן, און ביי די זייטן, אַ סך מענטשן און ענג אַזוי, אַז מאַירקע האָט קוים געקענט מאַכן אַ טראָט, און די מענטשן האָבן געריסן די אויגן, האָבן געקוקט מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, און האָבן געהאַלטן אין איין פֿרעגן, איינער ביי דעם אַנדערן:

— האַ ? וואָס ? האַ ?

און זלאַטע האָט גוט געזען ווי מען פֿרעגט ביי איר, וואָס מען פֿרעגט ביי איר, האָט אַלץ געזען, האָט אַלץ געהערט, נאָר עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז שוין אַן אַלטע צרה, און אַז מען דאַרף אַפֿילו ניט ענטפֿערן.

מאַירקע האָט געשמיסן די פֿערד ווי אַ ווילדער, ווי אַ משוגע־נער, און די פֿערד זיינען אויך ווילד געוואָרן, האָבן זיך געטראָגן ווי אַ דונער, און יאַסקע איז געשטאַנען אין פֿאַיעטאָן, האָט גע־ריבן ציפּען די הענט, אירע קני, און האָט זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל עפֿענען די אויגן אַז זאָל זי עפּעס זאָגן, זאָל זי אים אַ טובה טאָן, נאָר ציפּעס קאָפּ איז געהאַנגען ווי אַ אונטערגע־שניטענער, און פֿון דעם אָפֿענעם מויל אירן האָבן זיך געשפּאַרט די ציין, גרויסע, און ווי נאַקעטע ביינער. יאַסקע האָט געמיינט, אַז ער וועט משוגע ווערן, אַז ער גייט אַראָפּ פֿון זינען, און זלאַטע איז זיך געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און האָט גאָר ניט געטאָן.

LIII.

און אז מען איז אַט אַזוי געקומען אַהיים, האָט זיך ציפּע גלייך אַריינגעלייגט אין בעט, אין מיטן העלן טאָג, ווי אַ פּרעמדע, און זלאַטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, אין מיטן שטוב, און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט אַן אָפּגענומענעם לשון. און מאַירקע האָט אָנגעקוקט יאָסקען, און יאָסקע האָט אָנגעקוקט מאַירקען, און זיי האָבן ביידע גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף לויפן נאָך דער באָבען.

די באָבע שרה־העניע האָט געוואוינט ווייט פון זיי, אויפן צווייטן עק שטאָט, און אין הויף זיינען נאָך געשטאַנען די איינגעשפּאַנטע פערד, קיינער האָט זיי ניט אויסגעשפּאַנט. נאָר יאָסקען איז גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז ער קען אַריינשפּרינגען אין פאַיעטאָן, ער האָט זיך געלאָזט לויפן צופוס. און די באָבע שרה־העניע, אַז זי איז געקומען, האָט זי אויך גיך געהייסן אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, און צוגרייטן אַ פּאָר ליילאַכער, ווייסע, ריינע. נאָר באַלד איז זי אַרויסגעקומען פון ציפּעס אַלקער, און אויף איר געזונטן, קיילאַכדיקן פּנים האָט זיך געבראַכן אַ זאַטער שמייכל — עס איז גאָרניט! אומזיסטע שרעק! זי איז גלאַט און געזונט, אַחוץ איר שאַדן אויף אַלע טראָגעדיקע גזאָגט געוואָרן, גאָט אין הימל! און זי וועט ניט מפּיל זיין, זי וועט אויסטראָגן אין צייט...

זלאַטע האָט געהערט, ווי די באָבע רעדט צו איר, אַז די באָבע טרייסט זי, אַלעמען, און זלאַטע וויל זיך איצט מיט קיינעם ניט אַמפּערען, וויל זיך מיט קיינעם ניט קריגן, און זי שווייגט בעסער, זי ענטפערט ניט, און שרה־העניע זאָגט שוין מיט כעס:

— מענטשן זינדיקן שטענדיק, רק מען זינדיקט!

די באָבע איז פונדעסטוועגן געבליבן נעכטיקן, און זי האָט זיך צוגעשפּאַרט לעבן דער קראַנקער, וואָס האָט שטיל געקרעכצט, מיט יעדן אָטעם אַרויס. און מאַירקע האָט אַ פאַל געטאָן אויף זיין בעטל, און האָט גלייך גענומען פייפן דורך דער נאָז, און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך מיט אַמאָל פאַרשפּרייט אַ שטילקייט, דין און שוואַך, ווי שפּינוועבס. יאָסקע האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב, איינינקער אַליין, און איז געבליבן שטיין אויפן שוועל.

אנטקעגן אים האָט זיך געגאָסן די נאַכט, גערינכט און קלינגענדיק, און יאָסקע האָט גאָרניט געוואָלט פאַר זיך אַליין, עס האָט אין אים געציטערט דאָס האַרץ, די נשמה, און ער האָט געבעטן גאָט, פאַר אַלעמען, פאַר אַלעמען.

און ווי ער איז געשטאַנען אָט־אַזוי, אַ צעשוואָומענער אין דער נאַכט און אַ נאָענטער צו זיך, אַן אייגענער, ערשט ער דער־זעט, אַז דאָרט, ביים שטאָל, שאַרט זיך אימעצער, אַ מענטש אַזאַ, אַ גרויסער און אַ פרעמדער. יאָסקען איז קאַלט געוואָרן אין קאָפּ, און דער גאַנצער שרעק אין אים, וואָס האָט זיך געקליבן דורכן לאַנגן טאָג, לאַנג ווי אַ יאָר, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן אין אַ באַרג, האָט געשפּאָלטן אויף אים די הויט, און איז געבליבן הייגנען אויף אַ האָר, ווי אַ וואָלקן פאַר די אויגן.

— ווער איז דאָרט ? !

דער מענטש ביי דער שטאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געוואָרן ווי אַ שאָטן, און יאָסקע האָט געמאַכט אַ טראָט, נאָך אַ טראָט, ווי די שרעק פאַר אים וואָלט אים גענאַרט צו זיך, און די נאַכט אַרום איז טאַקע געוואָרן פינצטער, גערינכט ווי אַ גרוב, און יאָסקע האָט זיך שטאַרק איינגעגעסן מיט די אויגן אין דער פינצטערניש און האָט באַלד דערקענט — עס איז לייזער־בער !

אויף יאָסקען האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ פרייד, אַ גוטסקייט, ווי פון אַן איבערגעקערטן עמער, און ער איז צוגעלאָפן צו לייזער־בערן, און האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט, פאַר אַן אַרבל :

— ציפּע שטאַרבט !

לייזער־בער האָט געוואוסט, אַז עפּעס טוט זיך אין הויז, דעם גאַנצן טאָג, און ער האָט זיך איצט אַ ריס געטאָן פון יאָסקען, און איז גלייך אַריינגעלאָפן אין שטוב, צו ציפּען אין חדר אַריין. אין חדר האָט געברענט דער לאָמפּ, נידעריק, אַריינגעדרייט, און ציפּע איז זיך געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט גראָבע, צעשפּנטע ליפּן, ווי שווערע שטיקער פלייש, און מיט אַ פלאַטשיקן פּנים. לייזער־בער האָט געקוקט, האָט אַזש געוואָלט אַ געשריי טאָן, נאָר אין האַלדז ביי אים איז געלעגן אַ קנויל, ווי אַ נאַסע שמאַטע.

און ער האָט זיך שטיל אַרויסגעכאַפּט פון אַלקער, נאָר אין קיך

האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט א צעטומלטער, מבולבלער. דער סאמאוואר אויפן טיש איז געשטאנען אן אויסגעלאשענער, און מאירקע איז געשלאפן מיטן פנים ארויף, און זלאטע איז גע־זעסן אין מיטן שטוב, א צעשוואומענע, א ברייטע, און עפעס ווי א געמאכטע, ווי ניט קיין לעבעדיקע. לייזער־בער האט זיך געוואלט א טאפ טאן, צי איז עס ניט קיין חלום, צי לעבט ער טאקע, און ער האט אויסגעצויגן א האנט, האט א טאפ געטאן דעם סאמאוואר, און האט צוריק צוגעכאפט די האנט. אויף זיין נאקעטן לייב האבן זיך א שאט געטאן נאדלען, ווי א רעגן, מיט א האגל, און ער האט אויס־געשריען פון ווייטיק, פון שרעק. זלאטע האט געעפנט די אויגן, נאר זי האט זיך ניט געוואונדערט און ניט געשראקן, וואס זי זעט אים איצט פאר זיך. זי האט רואיק געקוקט, און ביי לייזער־בערן האט זיך אפגעשטעלט דאס הארץ, האט זיך אפגעשטעלט דער מוח, ביז עס האט זיך דערטראגן צו אים:

— זעסט, וואס דו האסט אנגעמאכט?

זי האט ביי אים גארניט געמאנט, זי האט אים ניט אויסגערעדט אפילו, זי האט נאר ווייך גערעדט צו אים, אז ניט זי האט עס גערעדט, נאר ווי אימיצער אנדערש, און לייזער־בער האט זיך גע־לאזט צו איר גיין, איז צוגעגאנגען. זלאטען איז גוט געווארן פון דעם, און פון אירע אפענע אויגן האט זיך ארויסגעקייקלט א טרער, א פולע, א זאפטיקע.

לייזער־בער האט זיך געווינט, ווי א פולער אן אנגעגאסענער בוים, און מאירקע האט זיך פלוצלונג אויפגעכאפט פון שלאף, האט זיך אויפגעזעצט, און האט געפרעגט:

— הא? וואס? נאך ניט?

און אט איז שוין יאסקע אויך אריינגעקומען אין שטוב, האט זיך אנידערגעזעצט אין א ווינקל, און זיי זיינען אלע געזעסן איינ־איינעם, דער דא, דער דארט, און פאר זייערע אויגן איז שווער געשטאנען, שווער און איינגעגעסן די פארמאכטע טיר פון ציפעס אלקער.

זיי האבן ניט גערעדט צווישן זיך, האבן קיין פיפס ניט געטאן, און ארום זיי האט זיך געוויקלט די נאכט, קריכנדיק, פויזנדיק, ווי א געוועב פון שטריק, וואס וועבט זיך קוים. אימעצער פון

זיי ווערט אנטשלאָפן אויף אַ רגע, דרעמלט, נאָר ער כאַפּט זיך באַלד אויף מיט שרעק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער האָט וואָס אַנגעוואָרן:

— נאָך ניט?

און זיי וואַרטן ווייטער, אַך, ווי זיי וואַרטן, נאָר ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז, ווי אימיצער דאָרט, אין דרויסן, וואָלט געשאָטן מעל אין דער פינסטערניש, איז געוואָרן ליכטיקער, ביז עס איז געוואָרן גרויסער טאָג. יאָסקע האָט זיך אויפגעהויבן, האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ אויפן טיש, האָט גענומען אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, און פון ציפּעס אַלקער איז אַרויסגעקומען די באָבע:

— איר זענט שוין אויפגעשטאַנען? גוט מאָרגן!

די באָבע האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, האָט זיך איינגעוואַשן, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען, הויך אויפן קול, און מיט אַ ניגון, ווי אַ מאַנדסביל. יאָסקע איז געבליבן מיטן אַלטן שטיוול אין די הענט, ווי ער האָט געבלאָזן דעם סאַמאָוואַר, און מאַירקע האָט זיך פּאַר עפּעס פאַרשעמט, שטאַרק פאַרשעמט, אַז עס האָבן ביי אים אַזש געברענט די אויסגעשטעלטע אויערן זיינע, און זלאַטע האָט געהערט דעם ניגון, — זי האָט געשמעקט מיט דער נאָז, האָט געציטערט מיט דער נשמה, און ווי דער טאַטע אירער וואָלט עס איר צוגעשיקט פון דערהיים... זי איז געווען גליקלאַך, און פון דער באָבעס מויל זיינען געפאַלן די איינציקע ווערטער, אַז כאָטש נעם און שאַר זיי צונויף מיט דער האַנט, און זיי זיינען אַלע געווען פאַרנומען, אַלע, אַחוץ איין לייזער־בער. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, גאָרניט, און ער האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון שטוב, אַ פאַרגעסענער פון אַלעמען, אַן איבעריקער, האָט זיך צוריק געבראַכט צו שלעפּן אין זיין שפּייכלער, און האָט זיך דאָרט אויסגע־צויגן אויף די היי. זיין לייב האָט זיך רואיק געגאָסן, ווי רויע טייג, און ער אַליין איז געווען אַזאַ קליינינקער, אַ פּינטעלע נאָר, אַז ער האָט ניט געוואוסט אַוואו ער איז — — —

LIV.

און די באבע שרה-הענע האט טאקע ניט געטראפן, ציפע האט טאקע מפיל געווען. דער מפיל איז געווען זייער קליין, ניט מער ווי א לעפל די גרויס, א נפשל אזא, ווי אויסגעקנאטן פון שווארצן, פארברענטן ברויט. זלאטע האט מורא געהאט אויף דעם צו קוקן, האט עס מורא געהאט אנצורירן, און אין שטוב האט זיך אלץ אפגעשטעלט, מען איז געווארן ווי די שאטנס, וואס האבן זיך געגעסן אין די ווענט אריין. די באבע האט זיך א שולדיקע ארומגעדרייט איבערן שטוב, האט אימיצן שטיל נעטרייסט, האט זיך אליין געוואלט איינשטילן:

— אבי איבערגעקומען, אבי איבערגעקומען, מיט זיין ליבן נאמען!

נאר אירע ווערטער זיינען שטום געזונקען אין דער ערד, אז א קלאנג אפילו, ביז עס איז געקומען דער אלטער קברות-מאן, א גלייכער איד מיט ברייטע פלייצעס, א איד ווי אויסגעהאקט פון שטיין. דער קברות־מאן האט געהאט פיר אפגעביסענע פינגער אויף זיין רעכטער האנט, און ער האט א נעם געטאן דאס נפשל, האט עס איינגעוויקלט אין דעם שווארצן געוואנט, וואס ער האט געבראט מיט זיך, און פונקט ווי ער איז אריין אין שטוב אן א גוט-העלף, אזוי איז ער באלד ארויס פון שטוב אן א גוטן־טאג.

דער קברות־מאן איז דורכגעגאנגען דעם הויף, האט זיך שוין פארנומען מיט דער גאס, נאר דא האט ער באלד דערפילט, אז אימיצער יאגט אים נאך. ער האט זיך אפגעשטעלט, האט זיך אומגעקוקט, האט מיט דער צווייטער האנט שטארק צוגעהאלטן דעם שווארצן פעקל וואס ער האט געהאלטן אונטערן ארעם, אט ווי אימעצער וואלט עס געוואלט ביי אים צונעמען, נאר לייזער־בער איז שוין געשטאנען פאר אים מיט אראפגעלאזטע הענט ווי קלעצער, און מיט שווערע אויגן, וואס האבן אים געצויגן צו דער ערד. דער קברות־מאן האט געווארט, און לייזער־בער איז געשטאנען אזוי, ווי דער קברות־מאן וואלט אים אויך גערארפט מיטנעמען מיט זיך, און דער קברות־מאן האט א בורטשע געטאן, פון דעם טרוקענעם מויל איז דער געדיכטער בארד אריין, און האט זיך ווייטער געלאזט גיין. לייזער־בער האט אים נאכגעקוקט, לאנג, און אויף זיינע

אויגן זיינען זיך געלעגן צוויי טרערן, ווי צעשפּאָלטענע שערבלאַך, און געשטאַנען איז ער אַ גרויסער, ווי אַ באַרג, און אַן אומבאַהאָל־פענער, ווי אַ באַרג — אַ שטיק רויע ערד.

און אין שטוב, נאָך דעם קבֿרות־מאַנס אַוועקגיין, איז מיט־אַמאָל געוואָרן אַזוי, אַז עס זיינען נאָר געבליבן די נאַקעטע ווענט, נאַקעט, אָפּגעשונדן. די באָבע האָט ניט אַרויסבאַגלייט דעם קבֿרות־מאַן, קיינער האָט אים ניט באַגלייט, און ער האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, נאָר ווען ער איז אַרויס פֿון שטוב, האָט די באָבע צונויפֿגעלייגט די הענט, ווי צום ליכט־בענטשן:

— זאָל עס זיין אַ גוטער בעטער, פֿאַר אונז אַלעמען, רבונו של עולם!

די באָבע האָט נאָך געהאַלטן צונויפֿגעלייגט די הענט אירע, און מאַירקע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, האָט זיך אויסגעגלייכט, און האָט איר אָפּגעענטפֿערט, אַ פֿאַרבלענדטער, און אין דעמזעלבן ניגון, ער האָט אויסגערופֿן:

— אָמן!

זלאַטע האָט צוגעשפּאַרט צו אים דעם קאָפּ, האָט זיך אינגאַנצן צוגעטוליעט צו אים, און די באָבע האָט געקוקט אויף זיי, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר זי האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן און האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן — קיין עין הרע, קיין עין הרע, קיין עין הרע...

זלאַטען האָט זיך ניט געגלייבט, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען, אַז מען איז שוין אַריבערגעקומען, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך שוין אַ ריר געטאָן, און אַ וואָקלענדיקע, ווי אַ שיכורע, האָט זי גע־נומען אויפֿראַמען די שטוב. די ווענט זיינען נאָך געשטאַנען נאַקעטע, האָבן געשראָקן, און זלאַטע האָט געוואַשן די פּאָדלאָגע מיט פֿאַרבאַרגענע אויגן, האָט צעוואַשן די נעפּעס, האָט פֿאַרשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויפֿן טיש, און אַז זי האָט זיך דערנאָך אַרומגעקוקט, האָט איר אַ פֿרייד אַזאַ אַ צופּ געטאָן ביי דער נשמה, און האָט פֿול אָנגעגאָסן אַלע אירע אבֿרים. די באָבע איז ל:כטיק צוגעגאַנגען צו איר, און זלאַטע האָט איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און די באָבע האָט פֿרום געזאָגט:

— דער אויבערשטער וועט העלפֿן...

LV.

זלאטע האט געוואלט שרייבן צום טאטן א לאנגן בריף, מיט חרטה, מיט געבעט, און זי האט זיך שוין א לאז געטאן זוכן לייזער־בערן, נאר דא האט זי זיך באלד אפגעשטעלט אין מיטן, און האט רואיק און קאלט אזוי א טרכאט געטאן, אז מען דארף אים ארויסטרייבן, לייזער־בערן, מען מוז, זאל נאר ציפע אויפשטיין פון בעט. און זי האט שוין מער ניט געטראכט וועגן טאטן, האט שוין מער ניט געטראכט וועגן בריף.

זלאטע גיט איצט אליין אכטונג אויף ציפען, די באבע האט זיי איבערגעלאזט אויפן צווייטן טאג, און זלאטע איז שטענדיק פארהאוועט, שטענדיק פארטאן, נאר זי זעט שטענדיק, ווי עס וואקסט צוריק ביי איר די הויז אירע, וואקסט אונטער אירע הענט, ווי אויף הייוון. נאר אז עס פאלט צו דער פארנאכט, און ניט מאירקע און ניט יאסקע גייען ניט און שפאנען ניט די פערד, מען פארט ניט צו דער סטאנציע, בלייבט זי עפעס א פארלארענע, א צעטומלטע, און עס ווייזט זיך איר אוים אויף דער רגע, אז זי נארט זיך אליין אפ מיט איר איינרעדעניש, מיט איר מיינען, אז זי האט שוין איינגענומען די וועלט. זי ווייסט גאנץ גוט, אז ווען זי זאל א געשריי טאן — מאירקע, פאר! יאסקע שפאן! וואלטן זיי געגאנגען, וואלטן געשפאנט, און מען וואלט געפארן, נאר עס הויבן זיך ביי איר די הענט ניט, עס עפנט זיך ניט דער מויל, זי ווייסט אליין ניט פאר וואס.

און דערווייל פארט מען ניט צו דער סטאנציע, און מען איז שוין לאנג ניט געפארן, די גאנצע צייט, וואס ציפע ליגט אין בעט, און דאס גאנצע פארעניש איז געווארן עפעס אזא ווייטע זאך, אז מען וועט שוין, דוכט זיך, מער קיינמאל ניט פארן — אוים! די פערד אין שטאל שטייען זיך זאטע, אויסגערוטע, און אמאל ציט א פערד אוים זיין האלדז און צעהירזשעט זיך מיט נאקעטע ציין אין דעם אפענעם טויער פון שטאל, אין דעם ליידיקן הויף אריין. זלאטע באגראבט דעם פנים אין אירע ביידע הענט, עס עקט זיך איר דאס לעבן אירס, און יאסקע קוקט אריין אין שטאל, קוקט אויף די לעבעדיקע, צאצקעדיקע פערדלאך

און אויף די שטומע לײדיקע פּאיעטאַנעס, און ער קען עס שוין מער נים אַריבערטראָגן, עס איז פּוסט זײַן לעבן. נאָר מען פאָרט נים צו דער סטאַנציע, מען פאָרט נים, עס איז אַ װײַטער מהלך!

און מאַירקע זיצט דעם גאַנצן טאָג אין קיך, טרעט נים אָפּ פון זלאַטען, און האַלט אין אײן פרעגן בײַ איר, אפשר אַמאָל צװאַנציק דורכן טאָג:

— זי װעט געזונט װערן? אַ יאָ?

און זלאַטע ענטפערט אים שטענדיק:

— יאָ, אַבי זי איז אַריבערגעקומען, שטאַרבט מען שױן נים פון דעם.

נאָר אַמאָל דערלאַנגט עס איר אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַן, אַז װאָס װיל ער פון איר, זי איז דאָך אױך נים מער װי אַ מענטש, און זי זײַט שוין צװישן די צײַן, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם כעס:

— און פון װאַנען זאָל איך װיסן? װאָס בין איך אַ מלאך?

און לײזער־בער איז געלעגן אין זײַן שפּײַכלער, װי אַ הונט אין זײַן לאָך, נאָר ער האָט געהערט װי מען פאָרט נים צו דער סטאַנציע, און ער האָט אַזש געקװאָלן אין זיך — אהאַ, זאָלן זײ װיסן! נאָר באַלד װערט אים אַזױ אומעטיק, אומעטיק, און ער האָט שטאַרק רחמנות, פריער אויף ציפּען, און דערנאָך אויף זיך אַלײן. עס דוכט זיך אים, אַז זײ זײַנען בײדע אומגליקלאַך, בײדע אײנאײנעם, אויף שטענדיק שוין, אויף אַלע מאָל, מען האָט זײ בײדן אומגליקלאַך געמאַכט. ציפּע װעט שוין שטענדיק ליגן אין בעט, אָט אַזאַ אַ, און ער װעט קײנמאָל נים אַרױסקריכן פון שפּײַכלער, מען זאָל אים אפילו אָפּגילטן, און זײ װעלן שוין מער קײנמאָל נים פאָרן צו דער סטאַנציע, טאַקע דערפאַר!

אָט אַזױ האָבן זיך געצויגן די טעג און די אָװנטן, פולע, אָנגעגאָסענע, אַז עס האָט זיך אַזש אַריבערגעגאָסן, און ציפּע איז אָפּגעלעגן אַ פולע װאָך, טאַקע װי אַן אמתע קימפּעטאָרן, און אַז זי האָט זיך אױפגעהויבן פון בעט, איז זי געװען אַזאַ בלײכע, אַדורכגעבלײכטע אױף דורך און דורך, און געשטאַנען איז זי אויף צװײ לאַנגע פיס, װאָס האָבן זיך געצויגן פון אונטער דער קורצער אונטער־קלײדל, װי צװײ נאַקעטע בײנער, אַז עס האָט אַזש פאַר־קלעמט בײַם האַרצן. אין פענצטער האָט אַרײַנגעשײַנט די

קלעמט ביים הארצן. אין פענסטער האט אריינגעשיינט די הארבסטיקע, גאלדענע זון, און ציפע האט געקוקט אויף זיך, און האט אליין ניט געוואוסט צי איז זי שוין געזונט, אדער זי איז נאך קראנק. די פיס אירע זיינען געווען ווי פרעמדע, ווי שטאלצעס, זי האט קוים געקענט מיט זיי גיין, און ווען זי האט געמאכט א טראט, האבן זיך די שווערע ליטקעס אירע לויז געוויגט ווי עס וויגן זיך ליידיקע אייטערס.

ציפע איז צוגעגאנגען צום טיש, האט זיך אנידערגעזעצט, און ווי זי וואלט ניט געוואוסט אוואו זי זאל אהינטאן די שווערע ברוסטן אירע, וואס זיינען פול געווען מיט מילך, האבן זי גע־האלטן געפענטעט און האבן זיך שפיציק געשפארט פון איר לייב. אין שטוב איז געווען שטיל, אן אויפגעראמטע, א יום־טובדיקע שטילקייט, און ציפע האט זיך א וויש געטאן דעם פנים און האט אנגעטאפט מיט דער האנט די אייגענע בלייכקייט אירע:

— איך בין קראנק...

נאר זלאטע האט שוין געשמייכלט לעבן איר א גליקלאכע, און ביי יאסקען האט געציטערט דאס הארץ, די נשמה. ער האט זי איצט אזוי ליב געהאט, נאר ער האט מורא געהאט אנרירן זי מיט א האנט, האט מורא געהאט זאגן איר א ווארט. עס האט זיך אים אויס־געוויזן, אז זי קען עפעס צערינען ווערן, ווי א רויך, אז זי קען ניט ווערן, אינגאנצן, און מאירקע איז געגאנגען אויף די שפיץ פינגער, אויף די דיפקעלאך, האט אנגעגאסן א גלאז טיי, און האט עם אוועק־געשטעלט פאר ציפען:

— טרינק.

זיי זיינען אלע געשטאנען ארום איר, האבן געציטערט איבער איר, און איר איז אזוי גוט געווען פון דעם, און זי האט אויסגעצויגן א האנט. האט שוין געוואלט טרינקען די טיי, נאר דא האט זי פלוצלונג א וויין געטאן, פון שלאפקייט, פון גוטס־קייט, האט א וויין געטאן, און האט זיך צעכליפעט. יאסקע האט זיך אויפן שטעל א כאפ געטאן צו איר, נאר זלאטע האט זי שוין פריער פאר אים ארומגענומען, האט זי שטארק צוגעטוליעט צו זיך, ווי א מאמע טוליעט איר קינד, און ציפע האט געכליפעט איר אויפן הארצן, האט זיך גוט אויסגעוויינט, און דערנאך איז

זי געזעסן אַ רואיקע, און האָט רואיק געטרונקען די טיי.

אין דרויסן האָט זיך געזעצט די זון, עס איז אָנגעקומען דער פאַרנאַכט, און זלאַטע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און האָט אים אוועקגעשטעלט אויפן מיטן טיש, ווי מען שטעלט אַוועק אַ שיינע, און אָפּגעהיטע כלי. דאָס ווייסע טישטוך אויפן טיש האָט גע־בלענדעט די אויגן, און זלאַטע האָט געהאַלטן די הענט אויפן טיש, האָט מיט אַנאַה געגלעט דעם טישטוך, און ציפּע האָט געוואַרט אַ מינוט, און האָט אַ פרעג געטאָן גלאַט אַזוי זיך — פאַרוואָס פאָרט מען ניט צו דער סטאַנציע? מאַירקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט געוואָלט לויפן, שפּאַנען, פאָרן — פאָרן! נאָר יאַסקען האָט זיך איצט אַזוי ניט געוואָלט איבערלאָזן די שטוב, איבערלאָזן אַלץ־מיט־אַנאַנדער. און זלאַטע האָט עס גוט געזען, און זלאַטע קען זיך דאָך שוין איצט פאַרגינען, אַלץ וואָס זי וויל נאָר, און זי האָט אָפּגעשטעלט מאַירקען:

— מאָרגן... מאָרגן וועט מען פאָרן!

LVI.

און דער מאָרגן איז געקומען צו זיי אַ פריילאַכער, אַ טאַנצנ־דיקער, מען האָט זיי אונטערגעטראָגן דעם מאָרגן, ווי די זון, אויף אַ טעלער. און ווען מען איז אַרויסגעפאָרן צו דער סטאַנציע, ווען מען האָט אַ נעם געטאָן די לייצעס אין די הענט אַריין, האָט געברענט די הויט אויפן לייב, און די נשמה האָט זיך געטרונקען אין פרייד. נאָר קיין סך אַזוינע מאָרגנס זיינען ניט געווען, עס האָט זיי געשיקט אַ קאַרגע האַנט.

ציפּע איז גיך געזונט געוואָרן, אויף אירע באַקן האָט שוין געשפּילט אַ רויטקייט, און די ליפּן זיינען געווען פול און זאַפטיק, ווי די רויטע זאַפטיקע קאַרשן, און שיין איז זי געוואָרן ווי די זון, און יאַסקע איז אומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער, אַ צערייצטער, אַז עס איז אים ניט ניחא געווען דאָס אייגענע לעבן זיינס.

ציפע איז ניט געשלאָפן, זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, און געלעגן איז זי אַזוי, ווי זי וואָלט איינע אַליין געווען אין בעט, איינע אַליין אומעטום. און יאָסקע האָט זיך געקלעפּט צו איר מיט זיין גאַנצן חיות, האָט זיך געצויגן צו איר, און זי האָט אים ניט געטריבן פון זיך, זי האָט אפילו ניט געקוקט אויף אים, זי האָט נאָר פאַמעלאַך געזאָגט, און ווי עס וואָלט איר איינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען:

— ווילסט איך זאָל ווייטער מפּיל זיין?

יאָסקע האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון איר, האָט זיך אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן, נאָר ציפּע איז זיך ווייטער געלעגן אַזוי ווי פריער, עס האָט איר ניט געאַרט, זאָל זיין יאָ, זאָל זיין ניין, און יאָסקע האָט געוואָלט לויפן, שרייען, אויפהויבן אַ געוואַלד, נאָר ביז וואָס ווען, איז ער דערווייל געבליבן אַזאַ נאַקעטער, אַזאַ אויסגעטאָענער, אַז ער האָט עס ניט געקענט איבערטראָגן, און ער האָט זיך צענויפגע־כאַפּט ווי אַ וואָרים, האָט מורא געהאַט אַ פּיפּס צו טאָן, און ווי מען וואָלט אויף אים געטייטלט מיט די פינגער. ציפּע האָט געקוקט פאַר זיך, האָט שטיל געאָטעמט, און יאָסקע איז לאַנג אַזוי געלעגן, אַ צענויפגעדרייטער אין אַ קנויל, און אַ פאַרשעמ־טער ביז בלוט, ביז אין טויט אַריין, און ציפּע האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט שוין, און זי האָט זיך געוואָלט אוועקלייגן אויף אַ זייט, און דאַ האָט איינע אַ ברוסט אירע אָנגערירט זיין פּנים מיט אַ לייבלאַכער וואַרימקייט. יאָסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט געעפנט די אויגן, און ציפּע האָט אויף גיך, ווי אין שרעק, צוגענומען צו זיך די ברוסט. יאָסקע האָט געזען, ווי זי שפּייט אים אין פּנים אַריין, ווי זי לאַכט זיך פון אים אויס, נאָר זי האָט אים ניט געשפּיגן אין פּנים, האָט ניט געלאַכט פון אים, זי האָט זיך נאָר פאַרענטפערט:

— איך ווייס אַליין ניט פאַר וואָס, נאָר איך האָב דיך ניט ליב...

ציפּען אַליין האָט עס אויך וויי געטאָן, און יאָסקע האָט זיך שטאַרק געבעטן ביי איר, און ציפּע איז געלעגן מיט אָפענע ברוסטן, מיט אַן אָפן לייב, ווי זי וואָלט עס איבערגעלאָזט אויף הפקר.

יאָסקע איז דערנאָך דער ערשטער אַרויסגעקראָכן פון בעט,

האט זיך געשעמט א קוק צו טאָן אויף ציפּען, און ער איז אינגאַנצן אַרויס פון אַלקער. אין דרויסן איז שוין געשטאַנען גרויסער טאָג, און יאַסקע האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, האָט געשמעקט דעם זיסלאַך־טרוקענעם פּרימאַרגן, און האָט געטראַכט, אַז ער ווייסט טאָקע ניט, ווי עס דאַרף לעבן אַ מענטש, ער ווייסט ניט!

און ציפּע האָט זיך פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט, נאָר מען האָט געזען אַן איר, אַז עפּעס טראָגט זי אַרום אין אירע געדאַנקען, און ביי זלאַטען האָט זיך געקליבן דער כעס, אַ שטיין צו אַ שטיין. צו דער סטאַנציע פאָרט מען איצט יעדן טאָג, ווי אַ זייגער, און אַלץ איז, דוכט זיך, שטיל און פיין, נאָר זלאַטע ווייסט, גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט שטיל און ניט פיין. אָט באַלד, אפילו איצט, אָט־אָ די רגע, און עס קען זיך עפענען די טיר און עס קען אַריינקומען — לייזער־בער? שמואל? עס קען אַריינקומען! לייזער־בערן האָט נאָר זלאַטע ניט אַרויסגעטריבן. זי טראַכט שוין אפילו ניט וועגן דעם, זי האָט נאָר פאַר אים מורא — עס דוכט זיך איר, אַז ער איז פּונקט ווי שמואל, און שמואל איז פּונקט ווי ער, זיי זיינען ביידע איינס...

זלאַטע צעשרייט זיך אָפּט, אַמאָל אויף דעם און אַמאָל אויף יענעם, און דאָס — גלאַט אין דער וועלט אַריין, שרייט, און זיי ווייסן ניט, וואָס זי וויל פון זיי, און זי אַליין ווייסט אויך ניט. און ציפּע האָט נאָר איינאיינציקן מאָל אַרויסגערעדט, גלאַט אַזוי זיך, אין דער פּוסטקייט אַריין:

— ער איז געווען ווי אַ לעבעדיקער...

ציפּען האָט געגאַנגט ביי דער נשמה, אַז אַ פּאַרוואָס, דאַכט זיך, אַ אַ פּאַרוואָס, עס איז איר נאָר אָנגעקומען אויפן זינען דער מפּיל אירער, וואָס זי האָט געהאַט, און ווי שטענדיק ווען זי דער־מאָנט זיך אָן דעם, אַזוי האָט זיך איר אויך איצט אויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ ווערעמינקער אַזאַ, אַ ווערעמינקער...

ציפּע האָט גאָרניט געמיינט מיט דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען ווי אַ לעבעדיקער, נאָר זלאַטע האָט זיך שוין אויפ־געהויבן אַנטקעגן איר, אַ טויבע ווי אַ וואַנט און אַ שלעכטע ווי אַ גזלן:

— ווער?!

זלאַטע האָט עפּעס געטראָטן מיט די פיס, אַזוי האָט זיך

ציפען אויסגעוויזן, און ציפען האט עס שטארק פארדראסן. עס האט איר דערלאנגט אין הארצן אריין, און זי האט גלייך געקוקט אויף דער שוועסטער, אז זלאטע וואלט זיך אזש מחיה געווען, ווען זי צעפראסקעט איר איצט די גלאטע, אנגעפרעסענע באקן אירע:

— ווער, פרעג איך ביי דיר, ווער?!

ביי זלאטען זיינען שוין בלוי געווען די ליפן, און ציפע איז שוין אויך געשטאנען אויף די פיס. און זיי האבן זיך ביידע אנגעקוקט, ביידע גלייך אויף גלייך, אז אט, באלד, און זיי וועלן זיך א ווארף טאן איינע אויף דער אנדערער, וועלן זיך בייסן, רייסן, צופן... און מאירקע האט געקוקט אויף זיי א באזונדערער, ווי א פרעמדער, האט געזען ווי זיי האבן זיך איצט פיינט, די לייבלאכע שוועסטער, און ער האט פאר זיי מורא געהאט, פאר ביידען.

— ממזרים וועסטו מיר האבן?! ממזרים?! שוויינ — אז איך שווייג! אלע זאלט איר פארשטומט ווערן, אלע!!

LVII.

און אט איז ווידער אנגעקומען א פרייטאג, און פרייטאג פארט מען ניט צו דער סטאנציע, און אין באד אריין קלייבט מען זיך אויך ניט, מען וועט ניט פארן, מען וועט ניט גיין. דער ליידיקער פרייטאג הויבט זיך אן פון אין דער פרי, פריער איידער אן אנדער טאג, און זיי זיצן אלע אין שטוב, האבן ניט וואס צו טאן, און זיי זיינען זיך איבעריק, איינער דעם אנדערן און זיך אליין. מאירקע האט זיך געוואלט בעטן, אז מען זאל שוין אויפהערן, איינמאל פאר אלעמאל. זאל מען שוין אנהויבן לעבן, ווייניק איז סיידן געווען? ווייניק האט מען געהאט? נאר צו וועמען זאל ער טענהן? און דער פרייטאג ציט זיך ווייטער לאנג און קלעפיק, ווי פון אן איבערגעקערטער פאס מיט פעך, אז דער טאג קלעפט זיך אזש צו די פינגער...

ווענן שמואלן רעדט קיינער ניט, מען דערמאָנט אפילו ניט זיין נאָמען, וואָס וועט מען פּלוצלונג רעדן וועגן אים? נאָר ציפּע הויבט זיך באַלד אויף אַ פאַרטראַכטע, גייט און עפנט דעם קאַסטן און נעמט פון דאָרט אַרויס דעם בראַסלעט, וואָס ער האָט איר געגעבן דרשה־געשאַנק. זי טוט אָן דעם בראַסלעט אויף דער ווייסער, אונטערגעשטעלטער האַנט, און אין שטוב גיט עפּעס אַ ציטער און בלייבט איבער אַלעמענס קעפּ, בלייבט פאַר אַלעמענס אויגן.

ציפּע קוקט אויפן בראַסלעט, דערקענט, דוכט זיך, ניט די אייגענע האַנט אירע. און זלאַטע גייט צו איר צו, ווי אין אַ חלום, נעמט פון איר אַראָפּ דעם בראַסלעט, און אין דער גאַנצער שטוב איז אַזוי שטיל, אַז עס הערט זיך, ווי עס קלאַפּט אַ האַרץ, אַט אין דעם ווינקל און אַט אין יענעם ווינקל. זלאַטע האַלט דעם בראַסלעט אין אירע ביידע הענט, מיט אַלע צען פינגער, ווי מען האַלט עפּעס אַ ציטעריקע זאַך אַזאַ, און זיי אַלע וואַרטן אַרום איר, און זלאַטע זעט, אַז זיי וואַרטן, און ביי איר אַליין איז פּוסט אין מוח, פּוסט אויף דער נשמה.

— נו, באַהאַלט, באַהאַלט!

ציפּע באַהאַלט דעם בראַסלעט צוריק אין קאַסטן אַריין און זלאַטע לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ ביינקל, און זי איז אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס טוט איר אַזש וויי דער גאַנצער לייב אירער, יעדער אבר באַזונדער.

נאָר זלאַטע איז אַ קלוגע, אַ קלוגע אין איר בלוט, און אַ מענטש קען זיך ניט אָוועקלייגן, קען זיך ניט אויסציען און קען ניט זאָגן, אַז ער שטאַרבט. מען קען ניט! און אַז מען קען ניט שטאַרבן, דאַרף מען אַנטלויפן פון דאַנען, מען דאַרף זיך ראַטעווען, אַנטלויפן! זלאַטע זאָגט עס אויף גיך און ניט קוקנדיק אויף קיינעם, ווי זי וואָלט פאַר אימיצן מורא געהאַט, און זי לויפט שוין אַרום איבער דער קיך, איבערן הויז, כאַפּט און שלעפּט, טראָגט צונויף אינאיינעם, דאָ אַ טאָפּ, דאָ אַ קליידל, און דאָ די לאַנגע הילצערנע לאָפּעטע, מיט וואָס מען זעצט ברויט אין אויוון אַריין — אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף אַלץ, אַלץ. זי טרייבט זיי, זי יאָגט זיי, אַז זיי זאָלן פּאַקן, פּאַקן! און זיי פאַרשטייען גאָרניט, ווייסן ניט אויף וואָס פאַר־

א וועלט זיי זיינען, נאר זיי טוען וואס זי הייסט, זיי פאלגן. און אט ליגט שוין א פאק, א גרויסער, א צעשוואומענער, און אט נאך א פאק און נאך א פאק.

דרויסן זעצט זיך די זון, עס קומט אן דער פארנאכט, און זיי דא, אין שטוב, אינאיינעם מיט די פעק, ווערן ווי די פארנאכטיקע שאטנס, וואס ציטערן, פלאטערן. זיי פאקן טאקע, זיי בינדן, זיי שלעפן, נאר זיי גייען ניט אוועק איינער פון דעם אנדערן, לאזן ניט איבער, זיי טוליען זיך, און זלאטע שטעלט זיך פלוצלונג אפ אין מיטן דער האוועניש, צינדט אן א שוועבעלע און שטעלט זיך בענטשן ליכט. דאס בענטשן געדויערט ביי איר לאנג, לייגער איידער אלעמאל, און דערנאך זעצט זי זיך אנידער מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני, קוקט פאר זיך, און זיי אלע, ציפע און מאירקע און יאס־קע, זיי שטייען פאר איר אויסגעשטעלט, ווי באשאפענע נאר צוליב איר... און ארום זיינען אנגעווארפן די פעק און פעקלאך, און די גאנצע שטוב איז שוין ליידיק, איז אן אויסגעליידיקטע, און זלא־טע וואלט איצט געוואלט גיין צו א נאענטן מענטשן און אים זאגן:

— זייט געזונט, מיר פארן אוועק...

נאר היינט איז פרייטאג און מארגן איז שבת, און שבת קען מען דאך ניט פארן, און אז זיי ווייסן נאך אפילו ניט וואס פארן, ווען פארן און וואוהין פארן. און אפשר, חלילה... אפשר איז גאר זלאטע ניט ביים זינען?... און מאירקע האט מורא געהאט צו קוקן אויף יאסקען און יאסקע האט מורא געהאט אליין צו בלייבן מיט ציפען, אויף א מינוט אפילו, און זלאטע איז זיך געזעסן דעם גאנצן שבתדיקן פרימארגן, ווי זי וואלט קיינעם ניט באדארפט. און ערשט ביים טיש, ביים שבתדיקן ווארמעס, ווען מען איז גע־זעסן און מען האט געגעסן, גארניט ווי שבת, האט זיי זלאטע גע־געבן צו פארשטיין, אז זאלן דא בלייבן די צרות, מער ווי צרות האבן זיי דא ניט געהאט... אט איז שמואל: ער האט זיך ארויסגעכאפט דער ערשטער, איז אנטלאפן ווי פון א פייער, איז אים טאקע וואויל און גוט, אוואו ער איז דארט. יא, וואויל און גוט...

זלאטע האט גערעדט שטיל און ניט מיט איר שטענדיקן קול, זי איז געווען אן איבערגעביטענע. אן אנדערע, און מאירקע האט גע־שלונגען אירע רייד און זלאטע איז טאקע איינע אויף דער וועלט.

נאך אזא איינע איז גיטא! מאירקע האט זיך באלד אויפגעהויבן, באלד נאך זלאטעס רייד, און ווי מען וואלט נאר געווארט אויף אים:

— מיר פארן!

און שפעט אין אוונט, ווען דער גאנצער הימל ארום איז שוין געווען פארזייט מיט שטערן, זיינען אין הויף געשטאנען די איינ־געשפאנטע פאיעטאנען, און די פאיעטאנען זיינען געווען בא־לאדן מיט פעק און פעקלאך. אין שטוב איז שוין קיינער ניט געווען, און די שטוב איז געבליבן אן א זייט, א פארוקטע, פון דער גאנצער שטוב זיינען נאר געבליבן די ווענט, ליידיקע, פוסטע און אפענע, צעעפנטע טירן. אין דעם ערשטן פאיעטאן זיינען גע־זעסן זלאטע מיט מאירקען און אין דעם צווייטן — יאסקע מיט ציפען. די שווארצע שויבן פון דער ליידיקער שטוב האבן שרייאיק געגלאצט אין דער נאכט, אז עס האט זיך אין זיי געשפיגלט דער הימל, די שטערן, און זלאטע האט שטיל ארויסגעמורמלט צו מאירקען:

— פאר...

מאירקע האט אריינגענומען די לייצעס, פאמעלאך אזוי, אפ־געהיט, ווי ער וואלט גאר קיינמאל ניט געהאלטן קיין לייצע אין דער האנט, און די פערד האבן זיך גערירט פון ארט. די פערד זיי־נען שוין געווען אויף יענער זייט טויער און דער פאיעטאן נאך אויף דעם זייט טויער, און דא איז אימיצער ארויסגעשפרונגען פון א באהעלטעניש, האט זיך א ווארף געטאן צו די פערד און האט זיי אנגעכאפט פאר דעם צוים. די פערד האבן זיך א ריס געטאן מיט די קעפ, מיט די פאדערשטע פיס, נאר די האנט האט זיי שטארק געהאלטן, און מאירקע איז געבליבן א פארגליווערטער פון שרעק, מיט א קלונג זיינען די לייצעס ארויסגעפאלן פון זיין האנט, און זלאטע האט זיך אויך דערשראקן אויף טויט, און פון דעם צווייטן פאיעטאן האט זיך דערהערט א פארשטיקטער אויסגע־שריי, וואס איז גלייך דערוואַרגן געווארן. די פערד האבן זיך שוין ניט גערירט פון ארט, זיי זיינען געשטאנען פאלגנדיקע, רואיקע, און די פינסטערניש ארום האט זיך געגאסן מיט עמערס, און זלאטע האט געקוקט אין דער פינצטער, האט מיט די אויגן געזוכט

א וואנט און זי האט טאקע באלד דערזען, האט דערקענט — עס איז לייזער־בער. זלאטע האט אפגעווארט א רגע, ווי זי וואלט אפריהער געוואלט איבערכאפן דעם אטעם, און דערנאך איז זי ארויס פון פאיעטאן און האט זיך א לאז געטאן צו לייזער־בערן. לייזער־בער האט שוין אפגעלאזט די פערד, האט זיך אומגעקערט צו איר און זי האט אים א נעם געטאן פאר א האנט, האט אים אפגע־שלעפט פון וועג, אוועק פון אלעמען, און אז זי איז געבליבן מיט אים אליין און ער איז געשטאנען פאר איר א גרויסער מיט אראפגע־לאזטע הענט, ווי א פארמשפטער, האט איר שטארק פארקוועטשטביים הארצן פון גוטסקייט, פון רחמנות. זי האט מורא געהאט צו הערן זיינע רייד, צו זיין מיט אים א רגע, און זי האט אים איבערגע־לאזן אין מיטן, האט זיך אויף גיך ארייגעכאפט אין פאיעטאן און זי האט אזש א געשריי געטאן צו מאירקען, הויך אויפן קול:

— פאר!

נאר מאירקע איז געזעסן ווי א ליימענער, און זלאטע האט אליין ארייגענומען די לייצעס, האט זיי שטארק א צי געטאן, און די פערד האבן זיך גערירט פון ארט, און די פאיעטאנען האבן זיך דורכגעטראגן הארט פאר לייזער־בערן, איינס נאך איינס — — —

זיי זיינען אוועקגעפאָרן, זלאַטע און יאַסקע און ציפּע און מאיר־קע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין, און נאָר איין לייזער־בער איז געבליבן אויף מיינע הענט, און מיט לייזער־בערן הויב איך אָן דעם צווייטן בוך פון מיין אָ ר ו ם א ו ן אָ ר ו ם.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען דער גאַנצער אָ ר ו ם א ו ן אָ ר ו ם איז שוין געווען אויפגעשריבן, האָב איך באַקומען פון זיי אַ גרוס: מען האָט זיי געזען אין לאָנדאָן. יאַסקע האָט געטראָגן אַ געלע דזירבי אויפן קאָפּ, אַ שווערע גאָלדענע קייט ביים זייגער, און ציפּע האָט געשפּאַנט לעבן אים אַן אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, מיט אַ זאַנטיק, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן אין די פאַלדן פון איר קלייד, און איינגאַנצן איז זי געווען אַזאַ שיינע, אַ געהויבענע, טאַקע נאָר ווי אַ פּאַווע.

איך האָב דעם גרוס איבערגעגעבן לייזער־בערן, — לייזער־בער איז שוין געווען אַ באַיאָרנטער איד און ער פלעגט אָפט אַריינ־קומען צו מיר — און לייזער־בער האָט אויסגעהערט דעם גרוס און האָט אומעטיק און קלוג געשמייכלט דערביי...

איך האָב דעם אָ ר ו ם א ו ן אָ ר ו ם געשריבן מיט אַ סך יאָרן צוריק, און פּונקט ווי איך אַליין בין דעמאָלט געווען, אַזוי איז אויך אַרויסגעקומען מיין ראָמאַן: מיידלש־פּאַרריסן און אינגלש־שיין, צעשוואומען ווי אַ טייך און גאַנץ און איינגעהאַלטן ווי אַ טראָפּן וואַסער. —

איך האָב אַ סך גענומען ביי מאַני לייבן. עס זיינען פאַראַן שטעלן אין דעם אָ ר ו ם א ו ן אָ ר ו ם, קאַפּיטלען גאַנצע, וואָס

זיינען באַארבעט געוואָרן פון ד י לידער, וואָס מאַני לייב האָט געשריבן נאָר פאַר מיר, נאָר פאַרמיינעטוועגן, ווייל נאָר איך אַליין האָב זיי געקענט פאַרשטיין. און אויב מאַני לייבן האָט ווען עס איז פאַרדראָסן, וואָס די וואונדערלאַכסטע פון זיינע לידער ווערן באַגראָבן אין איין מענטשן, טאָ זאָל ער איצט לייענען מיין אָ ר ו ם א ו ן אָ ר ו ם — אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געלייענט זיינע לידער.

דוד קאַזאַנסקי.